STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11460

# YUNGE YORN

Leib Kvitko

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב קוויטקאָ

# יונגע

# יאָרן



לייב קוויטקאָ

# יונגע יאָרן

ראָמאַן אין פערזן

מאָסקווע
פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
1984

С(Евр)2
К 39

„יונגע יאָרן" געהער צו די באדײַטנדיקסטע ווערק, וואָס ס'האָט אונדז געלאָזן דער קלאסיקער פון דער סאָוועטישער ייִדישער פּאָע־זיע לייב קוויטקאָ (1890—1952). אין אָט דעם פונדאמענטאלן, אָנגע־שריבענעם מיט גרויסן עפּישן שווונג דיכטערישן ראָמאן ווערט דערציילט וועגן די ערשטע, שווערע און שטורמישע יאָרן, „יונגע יאָרן" פון אָקטיאבער און די קעמפער פאר זײַן זיג. ס'איז א ווערק וועגן פאָלקס־קאמף פאר לעבן און גליק, און ווי די גאָרע שאפונג קוויטקאָס קלינגט עס מיט אויסערגעוויינלעכער הארציקײַט און עכטער פאָלקסטימלעכקײַט.

© *Предисловие и оформление. Издательство «Советский писатель», 1984 г.*

К $\frac{4702200000-191}{083(02)-84}$ 396—84

# פון די טיפסטע פאָלקס־קוואלן געשעפט

מיט פלאטער אין הארצן, מיט א געפיל פון גרויס יִיראס־האקאָוועד האָב איך גענומען אין האנט דעם בוך „יונגע יאָרן". ס'איז ניט דער בוך, ליבער לייענער, וועלכן דו האָסט איצט פאר די אויגן. נאָר דער בוך איז געקומען פון יענעם, און יענער... יענער איז, ווי א סאָלדאט, וואָס איז אין פייַער פון בלוטיקן געראנגל, איינער פון טויזנט מיט ניסים ניצל געוואָרן.

דאָ גייט א רייד וועגן לייב קוויטקאָס ראָמאן אין פערזן „יונגע יאָרן". פאר פארשיידענע שיכטן לייענער איז לייב קוויטקאָ באקאנט מיט פארשיידענע זייַטן פון זייַן גרויסן פילארטיקן טאלאנט. אמערסטן באוווּסט און באליבט זייַנען זייַנע קינדער־לידער. ניט איין דאָר קינדער, ניט נאָר יידישע, נאָר אויך רוסישע, אוקראַאיִנישע, ווייַסרוסישע — און וועלכע ניט? — זייַנען אופגעוואקסן מיט קוויטקאָס „פידעלע", מיט זייַן לוסטיק־פריילעכן „טרייַ־לי, טרייַ־לי", מיט זייַן „אנא־וואנא, בריגאדיר", מיט זייַן „פערדל פון באנאכט" און צענדליקער אנדערע לידער. צו־ערשט ווייסט מען אפילע ניט, ווי געוויינלעך, קינדער, אז אָט די שיינע, הארציקע און קלינגענדיקע פערזן האָבן אן אווטאָר — א מענטשן, וואָס האָט זיי פארפאסט. ערשט שפּעטער, אונטערוואקסנדיק, דערוויסט מען זיך זייַן נאָמען — איינעם פון די פאָרנעמסטע נעמען אין דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור — לייב קוויטקאָ.

און וויפל דוירעס יידישע לייענער זײַנען אריַין אין לעבן מיט זײַנע „טריט" (אזוי האָט געהייסן דאָס ערשטע ביכל לידער קוויטקאָס), מיט זײַן פּאָעמע „אין רויטן שטורעם". דאָס איז געווען די ערשטע פּאָעמע אף יידיש וועגן דעם גרויסן אָקטיאבער, וועלכע איז געשאפן געוואָרן אין דער זעלבער צײַט, וואָס בלאָקס „צוועלף" און רופט זיך ערטערווײַז מיט איר אף א וווּנדערלעכן אויפן איבער. קוויטקאָ דער פּראָזאיקער איז אריַין אין מויעך און אין הארצן פון מיליאָנען לייענער אף פיל שפּראכן מיט דער רירנדיקער לעבנס־באשרײַבונג פון זײַנע צוויי קלייניקע העלדן, די אַרעמע ארבעטס־קינדער ליאם און פּעטריק.

לידער פאר קינדער, לידער און פּאָעמעס פאר דערוואקסענע, פּראָזע. אָט די אלע זשאנרען האָט גלענצנדיק באהערשט (ריכטיקער וועט זײַן צו זאָגן — האָט אין זיי פרײַ געהערשט) דער פּאָעט. נאָר ס'איז קימאט ניט באוווּסט געווען, אז לייב קוויטקאָ האָט זיך אויך פארמאָסטן צו שאפן א ראָמאן. א ראָמאן אין פּערזן.

מיר פרווון זיך דערמאָנען: איז געווען עפּעס אזעלכעס ביז דעם אין דער יידישער פּאָעזיע? ניט געווען. לייב קוויטקאָ, דער פּאָעט, וואָס האָט דער ערשטער באגריסט אף יידיש דעם רויטן אָקטיאבער־שטורעם און האָט ארײַנגעטראָגן אין דער יידישער פּאָעזיע א שלאל נײַע מאָטיוון און נײַע אויסדריק־מיטלען, האָט דער ערשטער זיך פארמאָסטן אף א ווערק פון אָט דעם אויסערסט קאָמפּליצירטן און פאראנטוואָרטלעכן זשאנער.

די ארבעט איבערן ראָמאן איז אָנגעהויבן געוואָרן אין 1928 און האָט געדויערט העכער צוועלף יאָר. און אין יוני 1941 איז דער בוך... כ'האָב שיר ניט געזאָגט: ארויס פון דרוק... ניין, ער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין א דרוקערײַ אין קאונאס, אָבער ניט ארויס. געשען איז עס אין די ערשטע טעג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, און דער טיראזש איז פארברענט געוואָרן אין פײַער פון די פאשיסטישע באָמבעס. מיט ניסים זײַנען גאנץ געבליבן געציילטע עקזעמפּליארן...

אין 1968 איז דערשינען אינעם מאָסקווער פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל" די רוסישע איבערזעצונג פונעם ראָמאן. אין דער פאָרעדיע צו איר האָט דער באוווּסטער סאָוועטישער שרײַבער לעוו קאסיל באטאָנט די הויכע אידייִש־קינסטלערישע מײַלעס פונעם ראָמאן און אָפּגעמערקט, אז דאָס איז „א פונדאמענטאל ווערק, אָנגעשריבן מיט א גרויסן עפּישן פארנעם".

און אָט איז, איבערגעדרוקט פון איינעם פון די פון פײַער געראטעוועטע עקזעמפּליארן, די נײַע און פאקטיש די ערשטע אופלאגע פון אָט דעם מערקווירדיקן ווערק פונעם גרויסן יידישן סאָוועטישן פּאָעט, וועלכער שטייט צוזאמען מיט שווארצמאנען, האָפשטיינען און מארקישן באם אויספלוס פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור. מיט פולע רעכט קאָן מען זאָגן: אינעם אוצער פון אונדזער ליטעראטור איז אומגעקערט א בוך, וואָס וועט פארנעמען א פארדינט אָרט אין

איר אויבנאָן, און דאָס דאָרף באַטראַכט ווערן ווי אַ וויכטיקע געשעעניש פֿון קולטור־היסטאָרישן באַדײַט.

וועגן לייב קוויטקאָס „יונגע יאָרן" איז פֿאַראַן אַ סאַך וואָס צו זאָגן, סײַ וועגן דעם אינהאַלט, סײַ וועגן דער מײַסטערהאַפֿטער פֿאָרם, סײַ וועגן דעם צאָרטלײַכן טיפּאַזש, און דאָס וועט, לאָמיר האָפֿן, נאָך געטאָן ווערן.

דאָ, מיין איך, איז קוידעםקאָל וויכטיק פֿעסטצושטעלן, אַז „יונגע יאָרן" איז ניט קיין פּאָעמע מיט איר אָפּט ספּיראַלאַרטיקן געבוי, ווען איינער און דער זעלבער מאָטיוו, איינע און די זעלבע טעמע, ווי אין אַ מוזיקאַלן ווערק, ווערן איבערגעכאַזערט אַלעמאָל אויף אַן אַנדער אויפֿן, אויף אַן אַנדער הייך. דאָס איז אַ ראָמאַן מיט אַלע דײַטלעך אויסגעדריקטע סימאָנים פֿון דעם דאָזיקן זשאַנער: די געשעענישן וויקלען זיך פּאַנאַנדער בעהאַדראָגעדיק, ברייט, אין מעשעך פֿון אַ באַדײַטנדיקן צײַט־אָפּשניט — דאָס זײַנען די יאָרן פֿון בירגערקריג. אָפּט בײַט זיך דאָס אָרט פֿון דער האַנדלונג — אָט שטאָט, אָט דאָרף, אָט וואַלד, אָט קאָלערלײַ וועגן און אומוועגן. און, דעריקער, מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט מיט איינעם — צוויי העלדן, ווי געוויינלעך אין אַ פּאָעמע, נאָר מיט אַ צאָרטלײַכן טיפּאַזש, וועלכער שטעלט פֿאָר פֿאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן, וואָס ווערן באַוויזן אין שאַרפֿן צוזאַמענשטויס, אין געראַנגל.

דער ראָמאַן איז שטײַף געבויט סוזשעטיש. די גאַנצע צײַט קומט פֿאָר אַן אָנוווקס פֿון דער האַנדלונג, און אין איר קלאָרט זיך אויס אַלץ מער די סאָציאַלע פּאָזיציע פֿון יעדן פּערסאָנאַזש.

אין צענטער פֿון דער האַנדלונג שטייט דער הויפּט־העלד, שימען, אַ פּאַשעטער און ווילער אַרבעטס־יונג, פֿון די, וואָס האָבן מיט פֿרייד אויפֿגענומען די אָקטיאָבער־רעוואָליוציע און פֿונעם ערשטן טאָג געוואָרן אירע טרײַע סאָלדאַטן. צו אים ציִען זיך די גוירלעס פֿון אַנדערע פּערסאָנאַזשן פֿונעם ווערק. דאָס לעבן פֿונעם הויפּט־העלד ווערט באַוויזן קימאַט פֿון די וויקעלעך און ביז דער צײַט פֿון זײַן פֿולער מענטשלעכער, סאָציאַלער און פּאָליטישער רײַפֿקײַט.

פֿיר און צוואַנציק היפּשע קאַפּיטלען אַנטהאַלט דער ראָמאַן. יעדער קאַפּיטל צייכנט זיך אויס מיט זײַן אַרכיטעקטאָנישן געבוי, מיט זײַנע דראַמאַטישע קאָליזיעס. יעדער קאַפּיטל איז פֿאַרגאַנצט און שטעלט פֿאָר מיט זיך אַ באַזונדער רינג. דער רינג איז אָבער ניט אָפּגעשלאָסן, ער בינדט זיך אָן אין אַנדערע, און אַלע רינגען צוזאַמען בילדן אויס די האַרמאָנישע קאָמפּאָזיציע פֿונעם ראָמאַן. גרויס איז אין אים דער אָנגלי פֿון די געשעענישן, און דאָס איז קיין כידעש ניט — די יונגע סאָוועטן־רעפּובליק באַשיצט זיך קעגן אירע סאָנים אינווייניק אין לאַנד און פֿון אויסן. אָט אין איין אָרט, אָט אין אַ צווייטן וועגט נאָך אַריבער די וואָגשאָל אויף דער זײַט פֿון די סאָנים, עס דאַכט זיך — אָט, אָט, און אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן... נאָר גרויס איז די אָרגאַניזירנדיקע קראַפֿט פֿון דער לעניניסטער פּאַרטיי, גרויס איז די

טרײַהײַט און איבערגעגעבנקײַט צו אירע אידעאלן בא אזעלכע ווי מיקיטא כיסט, פאכאָם, אסי, פרויעס, שימען.

אלס מאָטא צו „יונגע יאָרן" קאָנען דינען די שורעס פון קוויטקאָס ליד „נאָך דער ביקס", וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין 1920 יאָר:

און אופשטײַן וועט דער נײַער מענטש
און שטורמען וועט א לויבגעזאנג,
צו אונדז געווענדט:
„אָ, גרויסער פרײַ!
אָ, זײַ געבענטשט!..
און איר, וואָס האָט באפרײַט די מי, —
אָ, זײַט געבענטשט!"

שימען, דער העלד פונעם ראָמאן, איז אָט דער נײַער מענטש. א קינד פון דער סאמע פארויסטער אָרעמשאפט, האָט ער פון די פרײַע יאָרן דערוווסט זיך דעם בײַטערן טאם פון קנעכטישער האָרעוואניע אפן באלעבאָס. מיט דער צײַט וואקסט ער אויס אין א געניטן אָנפירער פון פארטיזאנישע מאכנעס און פון רעגולערע טײלן פון דער רויטער ארמיי, וועלכע יאָגן דעם סוינע. שימען פאלט ארײַן ניט איין מאָל אין אומויסגעגלעכע סיטואציעס, נאָר דער טויט אלײן טרעט פון אים אָפּ, און דאָס ווערט באוויזן מיט דער גאנצער רעאלקײַט און צומאָל מיט דער מאמעש מײַסעדיקער אומגלייבלעכקײַט, וואָס איז כאראקטעריסטיש געווען פאר יענער צײַט.

„יונגע יאָרן" איז אף דורך און דורך א רעאליסטיש ווערק. די ארויסגעפירטע פערסאָנאזשן ווערן אפן מינדסטן אויפן ניט צוגעפוצט, נאָר באוויזן מיט אלע זײערע מײַלעס און שוואכקײַטן. אויך דער צאד שעקענעגעד, די גווירים, די סאָנים פון דער רעוואָליוציע, זײַנען ניט קאריקאטוריזירט — עס ווערן געשילדערט די מיִעסע מײַסים פון די מײַדמאנס, פונעם רעבן, פונעם בונדאָוועץ קרײַן, און פון זיי איז בעמײלע צו זען, וואָס פאר נידעריקע בריִעס דאָס זײַנען. זיי זײַנען גרייט ארײַן אין שוטפעס מיטן שעד אלײן, אבי — קעגן דער ראטנמאכט, קעגן פאָלק. נאָר די רעוואָליוציע שלײַדערט זיי אראָפּ פון וועג, און דאָס ווערט געשילדערט מיט דער פולער טרײַהײַט צום געשיכטלעכן עמעס.

א גרויס ווערק קאָן זיך ניט נישט איבערופן אויך מיט אנדערע, ווײַטערע צײַטן, מיט דער צוקונפט. אָט הײַנט, קאָן זיך דאכטן, זײַנען אָנגעשריבן אזעלכע שורעס פונעם ראָמאן:

זײַנען אין אלדי שווארצע יאָר
סראָרעס אראָפּ פון זינען, —

גיסט זיך דאָס מענטשן־בלוט אָן שפּאָר,
טאַנצן א טאַנץ די שפּינען.

צי גיט וועגן יענע לײַט, וועלכע שטרעבן ווידער אַרײַנשלײַדערן די וועלט אין פײַער פון א נײַער מילכאָמע, גייט דאָ א רייד?

ניט פראָסט איז דאָס לעבן פון מענטשן אין טעג פון סאָציאַלע קאַטאַקליזמען. אַסי, א טאָכטער פון א דאָרפישן באַלעגוף, שטעלט זיך אף דער זײַט פון דער רעוואָליוציע און איז גרייט פאַר איר אָפּגעבן דאָס לעבן. אַבראַם דער קאַרעטניק, א געטרײַער מעשאָרעס פון די מײַדמאַנס, ווען ער איבערצײַגט זיך איגעם עמעסן, בלוטיקן טאָך פון די סאָנים פון דער רעוואָליוציע, שטעלט ער זיך אַנטשלאָסן אף איר זײַט.

דער אָקטיאַבער האָט פאַרברידערט די זין פון פאַרשיידענע פעלקער, באַהעפט זיי צו געמיינזאַמער מי און קאַמף. מיט דער גאַנצער באַטירלעכקײַט איז עס באַוויזן אין די באַציִונגען פון עם ייִד שימען, פון עם אוקראַיִנער כיסט, פון די רוסן וואַניע, פּאַכאָם און אַנדערע.

די העלדן פון עם ראָמאַן זעען מיר ניט נאָר אין זייער אויסערלעכער טעטיקײַט, זיי ווערן באַוויזן אויך פון טיף אינווייניק מיט זייערע פאַרבאָרגנסטע אינטימע איבערלעבונגען. דראַמאַטיש זײַנען די באַציִונגען צווישן שימענען און צירלען, וועלכע איז אין אים פאַרליבט. נאָך מער דראַמאַטיש — די באַציִונגען צווישן שימענען און אַסין, אין וועלכער ער איז פאַרליבט, נאָר האָט מוירע אין דעם זיך מוידע זײַן פאַר זיך אַליין... דראַמאַטיש זײַנען אויך שימענס באַציִונגען מיט דער אייגענער מוטער, וועלכע איז אַזוי פאַרפינצטערט אין איר דערשלאָגנקײַט, אַז זי בעט בא איר זון ראַכמים צו די מײַדמאַנס — די גווירים, וועלכע האָבן פאַרוואָגלט איר לעבן...

עס שטייען פאָר נײַע שלאַכטן, און שימען געזעגנט זיך מיט דער מוטער. „שוין ווידער זיך געזעגענען?“ — רופט זי פאַרצווייפלט אויס און פרעגט בא אים: „אין דר'היים דיר עפּעס פעלט?“ דערויף קומט א קאַטעגאָרישער ענטפער:

מאַמע, יאָ, מיר פעלט,
מיר פעלט די גאַנצע וועלט!..

אַזאַ איז ער, דער פּאַשעטער פאָלקסמענטש און געטרײַער שלאַכטמאַן פון לענינס אַרמיי — זײַן העכסטער טרוים איז ברענגען באַפרײַונג דער גאַנצער וועלט.

דער דיכטער שטעלט אָבער אף קיין איין מינוט ניט אוועק זײַן העלד אף שטאָלצן, פּאַשעטן און ערדיש מאָלט ער זײַן פּאָרטרעט:

זײַן פּאָנעם זײַן דארס איז געשמאק און מיט כיין,
די פול־פעסטע ליפּן, די פריילעכע ציין,
דאָס טשוביקל בלאָנדע, די העל־גרויע אויגן —
אלץ הויכט מיט נעשאָמע, מיט מוט און מיט גלויבן.

אזא איז ער — שימען, מאלקע דער וועשערקעס זון, וועלכן די רעוואָליוציע האָט דערהויבן צו עכטער העלדישקײַט אין קאמף פאר דער יונגער רעפּובליק פון די סאָוועטן. איין ציל פארמאָגט ער אין לעבן:

די אָרעמע מענטשן
זאָל גוט זײַן און ליכטיק!

נאטירלעך ביז גאָר איז דאָס באווײַזן זיך פון אָשער שווארצמאנען, דעם סאָלדאט און פּאָעט אף די זײַטלעך פון „יונגע יאָרן". ניט ווייניק שורעס זײַנען אים אָפּגעגעבן, און ער אנטשטייט אין זיי, ווי א לעבעדיקער — „א באָכער א שטאלטנער מיט וואָנצעלעך שווארץ..." און אויך אָט אזא כאראקטעריסטי־שער שטריך:

ער זעצט זיך צו דר׳ערד, אזוי לאכט ער מיט הארץ,
ער זעצט זיך צו דר׳ערד, אזוי לאכט ער געשמאק, —
דערציילט, ווי זײַן טייל האָט דעם סוינע געפּאקט.
זײַן נאָמען איז אָשער, א העלדישער יונג, —
א פריילעכער, שטאלטנער, געפּיקט אין דער צונג.

צו כיסטן, דעם באָלשעוויק, וועלכן לענין האָט געשיקט אין אָט די קאנטן, איז „געקומען א רײַטער, געבראכט א פּאקעט". אָט דער רײַטער איז אָשער. נאָך דעם, ווי ער האָט איבערגעגעבן אלץ, וואָס מע דארף, „א ליד האָט ער כיסטן אף יידיש געליי׳נט, דערנאָך אף אוקראַיניש פארטײַטשט, וואָס געמיינט..." די ליד — „דער סוינע בא די טויערן".

און נאָך אין איין קאפּיטל באווײַזט זיך אָשער. א געפערלעכער מאָמענט — דער סוינע גרײַפט אָן, מע עוואקויִרט די שטאָט. אָשער שווימט אף א פערד אריבער דעם טײַך און גיט איבער א באפעל פון שטאב — לאָזן דאָ א טייל אין וואלד, פארבאָרגן פונעם פײַנט. אלס קאָמאנדיר פון אָט דעם טייל ווערט באַ־שטימט שימען.

געגאן זײַנען די קרעפּטיקע, די שטאלטנע צוויי פּארשוינען,
געלאכט, געקוועלט, געפּרייט זיך...

שימען און אָשער... א דיכטעריש אויסגעדימיענט געשטאלט און א לעבעדי־קער מענטש א דיכטער. אָט דאָס גיין זייערס באנאנד שטרײַכט באזונדערס אונטער, ווי נאָענט קוויטקאָס דיכטערישע וויזיע איז צום רעאלן לעבן און ווי ער קען אָט דאָס רעאלע לעבן מיט זײַן גאָרער פּאָשעטער ערדישקײַט דערהייבן צו עכטער דיכטונג.

אף די זײַטלעך פונעם ראָמאן באווײַזט זיך אויך שטשאָרס.

דאָס האָט שטשאָרס א גיי געטאָן מיט די לײַט באָגונער —
און פארבײַגעגאן די פײַנט — זיי געטאָן א דונער.

די יאָרן פון בירגערקריג מיט זייער פלאם און פײַער, מיט זייער גרויזאמ־קײַט און העלדישקײַט זײַנען טרײַ פארקערפערט אף די זײַטלעך פון קוויטקאָס ראָמאן.

פּרעכטיק איז די וואָרט־אינסטרומענטירונג פונעם ראָמאן. גלײַך פון אָנהייב, פון די ערשטע שורעס דערשפירט מען אינעם נוסעך, אינעם ריטם די רויִקע גע־מאָסטנקײַט פון א גרויסער לײַוונט. אזוי נעמט מען אָן אָטעם צוליב א ווײַטן גאנג. און אָט גייט אריבער דער ברייטלעכער אמפיבראכי אין קורצע אָפּגעהאקטע שור־רעס, וואָס קלינגען אזוי כיינעוודיק פּראָסט און פאָלקסטימלעך:

וואָס ווילסטו זײַן,
וואָס ווילסטו זײַן,
שוועסטערקע נעכע?

ענטפערט זי:

וואָס וויל איך זײַן?
באם נאָגיד א קעכן,
דאָס וויל איך זײַן.

וואָרנט מען זי: דער גוויר וועט זי שלאָגן מיט א פאנטאָפל, די גווירנטע — רײַסן די צעפּלעך, אאוו., אאוו., נאָר דאָס אָרעמע מיידל האלט זיך בא אירס: זי וויל זײַן באם נאָגיד א קעכן, ווײַל זי וועט דאָרט עסן פיש מיט קארטאָפל...

אין אן אנדער קאפּיטל טרעפן מיר שורעס, וועלכע לייגן זיך צונויף אין א וואונדערלעך־שייגער פאָלקסליד, פון די טיפסטע פאָלקס־קוואלן געשעפּט:

זינגען מיר ארויסגעפאָרן
אפן ערשטן שליטן,
אפן ערשטן שליטן...

און אזוי אינעם גאנצן בוך — א פרייער אומבייט פון ריטמען, אָט א ראַפּי־נירט שטרענגער געבוי פון פערז מיט פינקטלעכן גראַם, און אָט א פאָלקסטימלעך פרייע מעלאָדיק, — און דאָס אַלץ ניט צוליב ווערטער־שפּיל, — ניין! — אלעמאָל איז עס נייטיק צוליב אויסדריקלעכער איבערגעבן דעם כאראקטער פון מענטשן, פון א געשעעניש, א סיטואַציע.

אָט זיינען אייניקע ביישפּילן פון קוויטקאָס פּאָעטישער בילדערישקייט.

פארן אויג:

„ריטשקעלעך — יאַשטשערקעס גרינע"...
„עס טונקלען דיביימער ווי וואָלקן־מאַכשאָוועס"...

פארן אויער:

„ס'איז שנייִק־שטיל, די שטאַמען שטייען שטומע"...
„מע שוויגט, און סע רעדט נאָר דער קלונג פון די
קייטן"...
„דער הובל דערציילט דאָ, די נאָדל דאָ זינגט"...

ניטאָ אין דער יידישער סאָוועטישער פּאָעזיע נאָך אזא דיכטער, וואָס אין זיין שאַפונג זאָל אזוי דייטלעך זיך מערקן די פארוואָרצלטקייט אינעם פאָלקס־נוסעך, אינעם פאָלקס־וואָרט.

אליין דער דיכטער האָט געזאָגט וועגן דעם אזוי:

א פאָלק שטייט אוף פארטאָג אף גליק פאר זיך און לאַנד
און שארפט מיר אָן דאָס וואָרט ביז שארף און גלאַנציק.

און ווייטער:

כ'האַלט עס ווי געווער אף וואך דעם פאָלק און לאַנד
און היט עס אָפּ פאר זיי ווי זייער פלאַנצונג.

יאָ, אליין דאָס פאָלק האָט געענערט און געשארפט זיין וואָרט, און די גאַנצע שאַפונג זיינע איז דעם פאָלקס א פּרעכטיקע פלאַנצונג.

אינעם קאַפּיטל „אופגערירטע הערצער" ווערט דערציילט וועגן דעם, ווי שיי־מען, נאָך דער באַגעגעניש מיט אָשער שוואַרצמאַנען, שפּאַנט אין גאַס, געיאָגט פון א שטורעמיש־גליקלעך געפיל, גרייט אף עמעצן אויסברענגען די אומבאַקאַנטע

פרייד, — „און הילכיק קלינגט דאָס וואָרט זײַנס, כאָטש ער זאָגט עס שטילער־הייט".

די, וואָס האָבן געהאט דאָס גליק צו קענען קוויטקאָן באַם לעבן, ווייסן: דער פּאָעט האָט ליב געהאט ריידן שטיל, ווי אײַנגרוימען דעם מיטשפּרעכער א סאָד... אויך אין זײַן שאַפן האָט ער אויסגעמיטן הויכע פּאַטעטיק, געשריי. דאָס וואָרט זײַנס איז געווען פּאַלקסטימלעך פּאַשעט, שטיל, נאָר — מעגלעך, טאָקע דערפאַר, קלינגט און וועט לאַנג נאָך קלינגען הילכיק זײַן וואָרט, ניט נאָר אין דער ייִדי־שער, נאָר אויך אין אונדזער אלגעמיינער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

דאָס פיר און צוואַנציקסטע, דאָס שלוס־קאַפּיטל פון „יונגע יאָרן" הייסט: „סאָף און אָנהייב". דער סאָף פון איין פּעריאָד — פונעם בירגערקריג, ווען די יונגע שוואַך באַוואָפנטע, אָרעם עקיפּירטע רויטע ארמיי האָט צעשמעטערט די ביז די ציין באַוואָפנטע כאַיאַלעס פון די ווײַסגוואַרדייער און אינטערווענטן, און דער אָנהייב פון א נײַער ערע, ווען דאָס לאַנד פון די סאָוועטן איז דאָס ערשטע אין דער געשיכטע צוגעטראָטן צו דער בויונג פון סאָציאַליזם. האלב אין כאָלעם, האלב אין וואָר זעט שוין שימען, וועלכער רוט אָפּ נאָך איינעם פון די לעצטע זיגרײַכע שלאַכטן, די צוקונפט. ס'איז יענע צוקונפט, וואָס ניט נאָר אין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, ווען דער בירגערקריג האָט זיך פאַרענדיקט, נאָר אויך אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען קוויטקאָ האָט אָנגעהויבן זײַן ראָמאַן וועגן בירגערקריג, איז נאָך שווער געווען אזוינס זיך פאָרשטעלן. נאָר דער פּאָעט און זײַן העלד האָבן שוין דאַן אַרײַנגעקוקט אין אונדזער הײַנטיקן טאָג. זיי האָבן געזען, ווי מע האלט אין:

באַזעצן די ערד מיט די טײַערסטע קערנער.
און ווען מען סע ציט צו מוזיק — ווען לערנען,
צום שטאַנג דער גימנאַסט, צום באַסיין גייט דער
שווימער,
און פּויערים גייען דערלערנען מאַשינעס,
און עפּשער פון פלײַען אונדז גיט זיך די קונסט, —
ווײַל ווען מען נאָך פּאַסט אזוי פליגל, ווי אונדז?!

צי ניט די קאָסמישע פלוגן האָבן אין זייערע נאָך דאַן מעטושטעשע כאַלוי־מעס פאַרויסגעזען דער פּאָעט און זײַן העלד?

אלנפאלס, איינס האָבן ביידע געוווסט:

אוי, וויפל נײַס צום איבערלעבן וואַרטן,
אוי, וויפל געוואַג און איבערשפּאַנונג האַרטע,

און וויפל סאַד און טרעפּעניש געגאַרטע, —
אָ, וויפל נײַסן אומדערוואַרטע וואַרטן.

צו אָט די „נײַסן אומדערוואַרטע״ — צו דער צוקונפט, זײַנען געווענדט מיט זייער גאַנצן וועזן די העלדן פונעם ראָמאַן — שימען, פּאַווליק, אַסי, מיכיי און אַנדערע. צו זיי איז געווענדט אויך דער מעכאַבער. טאַקע לעשעם אָט דער צו־קונפט האָט ער אַזוי פּאָעטיש וואָרהאַפטיק פאַרפיקסירט אין די פערזן פונעם ראָמאַן אַ שטיק פאַרגאַנגענהײַט — יענע יאָרן, ווען אַלע זײַנען נאָך געווען יונג, — דער פּאָעט, זײַנע העלדן און דאָס לאַנד פון די סאָוועטן.

„יונגע יאָרן״ איז, אַזוי־אַרום, אַ בוך ניט נאָר וועגן אָוואַר, זײַן טעמע איז ברייטער, זי נעמט אַרײַן אין זיך אויך אונדזער הײַנטיקן טאָג. דאָס איז אַ בוך ניט נאָר וועגן, נאָר אויך קעגן מילכאָמע און אירע גרוילן, אַ בוך פאַר שאָלעם, ווען דער מענטש קאָן געניסן פון די גרעסטע פריידן — שעפעריש זיך מיען, ליבן און זײַן געליבט, ברענגען צום לעבן נײַע דורות.

און דאַן דאָס וווּנדערלעך זיך נעמען טיילן
אָף קינדער, אָפּגעבן דער וועלט אַ כיילעק. —
און דאָ לאָז ווייל זיך גיין, דו קאַרג ניט, צייל ניט!
ווײַל דאָס איז אייביק שיין און אייביק הייליק!

מיט אָט די שורעס שליסט זיך דער ראָמאַן. אָנגעשריבן איז ער טאַקע וועגן דעם, וואָס איז אייביק שיין און אייביק הייליק, — וועגן דעם מענטשן פון מי, וועגן זײַן לעבן און ליבע, וועגן דעם, אַז קיין שום פון זינען אַראָפּגייענ־דיקע אימפּעריאַליסטישע סראָרעס זאָלן ניט פאַרטיליקן זײַן ליכטיקע צוקונפט.

ב. מילער.

קאפּיטל איינס

## באַנאַכט־אַרבעט באַם קאַרעטניק

1

די שטוב האָט געאָטעמט אין שאָטן פאַרטונקעלט,
אין וואָלקנס פון שלאָף, אין כאַלוימעס פאַרזונקען.
ס'האָט זעלטן זיך ווער פון די שלעפערס געמאָלדן
מיט סקריפּ פון א בעט און מיט שלעפּ פון א קאָלדרע.
אין נעצן פון היץ, אין די ציצענע ציכן —
געפּלאָנטערט כאַלוימעס פון ליבע און פליכטן...
מיט שלאָף מיט א שווערן געשמידט צו די בעטן, —
אזוי איז געשלאָפן די שטוב באַם קאַרעטניק.

מ'האָט שימקען געהייסן אף נאַכט-אַרבעט בלײַבן.
דאָס ייִנגל זאָל בלײַבן די מעשלעך צו רײַבן.

דער מייַדמאַן וועט קומען — מוז זייַן די קאַרעטע,
דעם מייַדמאַנס קאַרעטע מיט קישלעך געבעטע.
דאָס אַרבעטער-ייִנגל די נאַכט זאָל הייַנט וואַכן,
די מעשלעך, די פֿאַרבן, — אַלץ פֿאַרטיק צו מאַכן.

האָט שימקע געוואַכט און געטריבן זיך שנעלער.
ביז אופֿשטיין וועט פֿונעם שלאָף דער באַפֿעלער,
באַדאַרף ער אַ קופּע מיט מעשלעך פֿאַרגרייטן.
דער שלאָף אָבער שווימט דאָ, אין אויגן פֿאַרגייט ער,
די קינדערשע הענט און די אויגן ער מאַטערט,
אַ שלאָף — אַ גענאַרניק! — דאָס האַרץ אָבער פֿלאַטערט: —
עס כראָפּעט אין ווינקל אַבראַם דער קאַרעטניק.
איצט ליגט ער, איצט שלאָפֿט ער, נאָר אופֿשטייען וועט ער, —
און אופֿשטייען וועט מיט אים אַלץ, און באַרויִגעז
וועט אַלץ זיך צעשפּילן אין בייזער מאַכלויקעס.
די טעפּ וועלן שטרייַטן, און קוויטשען — וואַרשטאַטלעך,
די מעבלען, די פּליטע, די אַרבעטער-יאַטלעך,
וואָס ווידער שוין גרייט אַף צו כאַפּן אַ נעריק.
דאָס ווייַב, אַ צערייצטע, איז שעלטיק און טרויעריק.
אַמאָל פּליט אינלופֿטן אַ טעלער אַ העלער,
די קריג נעמט אָן טענער אַף העכער און גרעלער,
עס ציטערט אַפּילע אַף ברויט-שראַנק דאָס שלעסל, —
נאָר שטיל ליגט דער שליסל אין טאַש באַלעבעסלס.
איצט שלאָפֿט ער. דאָס פּאָנעם — אַ קאָכיקע שיסל,
דאָס אָנטאָן צופֿוסנס, אין טאַש ליגט דער שליסל.
איז עפּשער אים נעמען? נאָר כאַפּן איין ביסן
דעם שלאָף צו פֿאַרטרייַבן — דעם גאַנעוו דעם מי׳סן,
וואָס מאַכט פֿון דער אַרבעט אַ שלעפּ׳ריקע קאַשע, —
דעם שלאָף אַפּצולאָכעס דאָס ברויט וועט ער נאַשן.
דער סקריפּ פֿונעם שראַנק וועט ניט אופֿוועקן קיינעם,
און טאָמער נאָר אַסין, — איז וועט זי, די קליינע,
דאָס קיינמאָל אין לעבן ניט זאָגן דעם פֿעטער,
וועט שטיקן זיך שטיל פֿאַר געלעכטער אין בעטל.

און מאַרגן צו אים, איבער אַלעמענס ריידעכץ —
אַ קוק וועט זי טאָן, — עפּעס ווייסן זיי ביידע...
אַ קוק טאָן צו שימקען, אַ שײַן איבער אַלעם, —
אוועק אין גימנאַזיע צו זוניקע זאַלן.
און שימקע וויל זייער דעם קוק דעם זאָל וויסן
דאָס מײַדמאַנדל, דאַדיק, און זאָל אים פֿאַרדריסן.

2

צום פֿענצטער קוקט שימקע: — אַ נאַכט איז אין דרויסן,
אַ זומער־לעוואָנע מיט שטערן מיט גרויסע.
אָט שטייט דאָרטן מײַדמאַנס פֿאַרשלאָסענער גאָרטן,
וווּ ס'ייִנגעלע מײַדמאַנס סע כאָוועט זיך דאָרטן.
דאָרט אונטער דיביימער ער הוידעט זיך, וויגט זיך
דאָרט, וויפֿל דאָס האַרץ גלוסט, אין גראָזן ער ליגט זיך.
דאָס מײַדמאַנדל קומט אינעם שלאָפֿהעמד באַגינען,
די פֿרוכטן פֿון ביימער אין גראָז צו געפֿינען.
אין טוי ליגט די פֿרוכט, וואָס באַנאַכט איז געפֿאַלן,
איז זעצט ער זיך צו דאָרט און דזירגעט אין שטראַלן,
אין גרין־שטײַפֿע גראָזן זײַן שטרעמעלע דראַנזשעט,
און קרעפּטיקע צײַנדלעך אַ פֿרוכטל צעכראַמטשען.

אַזוי זעט אים שימקע, דעם ייִנגעלע יענעם
אין גאָרטן־גאַניידן, און ער — אין גהענעם.
ער שטייט פֿונדערווײַטנס, און יענער דערזעט אים —
פֿאַרקוקט מען זיך שטאַרק איינס אַף איינס און מע רעדט ניט.
איין מענטשיקל קוקט אַפֿן פּראַכט אין די גראַטעס,
דאָס צווייטע — אַף בינטעלע הונגער און שמאַטעס,
מע קוקט און מע קוקט און, אַז עפּעס שלאָגט איבער,
צעגייט מען זיך אופֿגערעגט, אופֿגערייצט, טריבע.

אַזוי זעט עס שימקע אין נאַכטיקע שאָען
און דרייט זיך באַם ברויט־שראַנק. אין האַרצן ווי טלאָען־

געקלאַפּ פון אַ רײַטער, וואָס לויפט אים צו כאַפּן,
זעצט שימען זיך ווידער צום רײַבן, צום קלאַפּן.
צו דאַדיקס געבורטסטאָג מוז זײַן די קאַרעטע,
די וווּנדער-קאַרעטע מיט קישלעך געבעטע.
אָט וועט באַלעבאָס זיך אַ שאַר טאָן, אַ כאַפּ טאָן,
דערזען, אַז נאָך אַלץ איז די אַרבעט ניט פאַרטיק!
איז גיכער, איז פלינקער, — ער שלײַפט און ער לעכערט,
עס שפּילט אים, דער נאַכטישער קלעזמער, — דער וועכטער.
און טײַכן פון שטילקײַט, און טײַכן, וואָס וואַשן
די ברעגעס פון נאַכט, — אָט אַהערצו דערפּאַטשן.
אַהערצו דערשווימען פונוויַטן, פון דאָרטן
די רײַכעס פון מײַדמאַנס פאַרשלאָסענעם גאָרטן.
אין איינס אַ געצעלטל, וואָס צווישן די שטאַלן,
געהיט פון די דינערס, די צוויי „גענעראַלן", —
פאַרברענגט דאָרט אין ווילטיק און קײַט נאַשערײַען
אַ פערדעלע איינס, און מע רופט אָט די כײַע,
מע רופט זי דאָרט „פּאָני". אַ קליינס, גאָר אַן איידלס,
נאָר אַלט, זאָגט מען, איז עס, דאָס זעט מען אין ווידל:
די האָר — ביז דער ערד, ווי בא פערד בא די גרויסע.
מע האָט אים, דעם פּאָני, געבראַכט פונעם אויסלאַנד,
געקויפט בא אַ פּרינץ פאַרן זונעלע מײַדמאַנס,
פאַר דאַדלען אַלייז, און אַ זאָטל צום רײַטן
מיט אַלערליי שיינקײַט באַנײַט און באַשפּרענקלט,
און אויכעט פאָסטראָמקעס צום שפּאַן, אַז ס'אַ וווּנדער!
און אָט, אַ קאַרעט פאַרן פּאָני באַזונדער.

אפילו דאָס מיסט פונעם פּאָני דעם פלינקן
פאַרמאָגט אַ באַזונדער קרעדענצל פון גינגאָלד.
סע קריגן זיך שיר ניט די צוויי „גענעראַלן"
פאַר האָבן דאָס רעכט צו פאַרקערן די שטאַלן.

טוט דאַדיק פון פענצטער אַ ווונק מיט אַ פינגער —
איז ווערן זיי פלינק אָט די צוויי, און זיי שפּרינגען,

זיי שפּאַנען דעם פּאָני אין שפּאַן אין געצירטן,
און דאָדיק די בײַטש נעמט, די זײַדן געשנירטע.
און שימקען דערזעט ער פון יענער זײַט גראַטעס,
דאָס ייִנגל דאָס פרעמדע, דאָס בינטעלע שמאַטעס.
— אהער קום! — ווינקט דאָדיק. — מיר פאָרן אינײנעם,
זיך טאָן א קאַטײַע אף לאָנקעס אף שיינע,
אף יענער זײַט קוואַלן, צו בערג און צו טאָלן.
נו, קום זשע, נו זעץ זיך, דו דאַרפסט ניט באַצאָלן!
נאָר פריִער דערווײַז, ביסט א ייִנגל מיט ביינער, —
דעם צוים קריך אריבער ניט זעען זאָל קיינער.
ווײַל... ברודערל, היט דיר די ביינדעלעך דײַנע,
זע, פּאַק זיך ניט צו גענעראַלן צו מײַנע!...
איז שימקע געשטאַנען אין רייכעס אין פרישע,
געקוקט צום פאַרשלאָסענעם גאָרטן פאַרקישעפּט:
דאָרט בלעבלט א קוועלכל פּאַר בלומען קאַטאָוועס,
עס טונקלען די ביימער ווי וואָלקן-מאַכשאָוועס.
און דאָרטן, אים דאַכט זיך, ער זעט דאָרט געפּענטעט
די אסי, ער זעט ווי זי פּאַכט מיט די הענטלעך.
ער גאַרט אינעם גאָרטן, סע הייבט אים אָן נאָגן,
ער וואַרפט זיך צום טיר, נאָר ער טרעפט זי פאַרשלאָגן.
ער כאַפּט זיך צום אײַזערנעם פּאַרקן, וואָס גלאַט איז,
ער הייבט זיך און גליטשט זיך צוריק פון די גראַטעס.
נאָר שטעלט זיך ניט אָפּ: נאָך א שטאַנג, נאָך א שטענגל,
און קוים זיך דערקליבן — איז בלײַבט ער גאָר הענגען, —
בלײַבט הענגען אף פּיקעס, אף שפּיץ פון די גראַטעס,
פאַרפּלאָנטערט אין אייגענע בגאָדימלעך-שמאַטעס. —

און דאָדיק הייבט אָן מיטן בײַטשל צו קנאַקן,
אָט שפּאַנען די צוויי „גענעראַלן" אים פּאַקן...
ער טוט זיך א טרייסל, — ער זיצט באַם קאַרעטניק.
און אסי — פון יענער זײַט וואַנט אינעם בעטל.
זי האָט, דאַכט, א לאַך געטאָן: זיכער פון שלאָף, —
דאָס האַרץ טוט א טיאַך, אוי, די נאַכט איז אָן סאָף...

* * *

די נאכט איז אָן סאָף און אָן סאָף אינעם מויעך
גערדאנקען זיך קייַקלען, א פעלד־ווײַט א גרויע,
דערזעט ער, מאַנטשזשוריע מע רופט זי, די ווײַטקייַט,
דעם טאטן דערקענט ער דאָרט, צווישן די רייַטער,
וואָס לויפן אנטקעגן דעם אופרייַס אין פייַער.
א יונגער אזא מין, דאָס פּאָנעם מיט קלייַען.

שוין לאַנג נאָכן קריג, און ער קומט ניט אהיים,
זאָל זייַן אין געפאַנגענשאפט פוילט זייַן געביין?
צי שלאָפט אין א גרוב אין געהארגעטן שלאָף?
אָן סאָף ווייַנט די מאמע, די נאכט איז אָן סאָף...

קאפיטל צוויי

## אסי

1

אסיס טאטע־מאמע, יידן
אָנגעשטאָפּטע, דאָרף־נעגידים,
זייַנען בורעקעס־פלאַנטאטערס,
ווי די פויערס זעט מען אויס.
א פארגרעבטער איז דער טאטע
און צעוואקסן ברייט און גרויס.

גרוי פּארטאָג. ער שפּאנט דאָס וועגל,
ווישט די הענט אין פייַכטן גראָז,
לייגט אין טאָרבע ברויט מיט פריידיק, —
צו די פעלדער זיך געלאָזט.
דאָרט איז אים ביז גאָר באקענט
יעדער קער און יעדער ווענד.

נאָר אין שטאָט אַרײַן צו פֿאָרן
פֿעלט אים ניט, — ס׳איז אירס א זאך.
איבער איר געקױפֿט א מױער,
און זײַן קינד דער שטאָט פֿאַרטרױעט:
— קעגן איר בין איך צו שװאַך.
פֿון איר מױל איר ברודער רעדט דאָך, —
דער דײַטשון, אַבראַם קאַרעטניק,
פּרוּװ נאָר זאָג א װאָרט פֿאַרקערט!
פֿאָלג — אַזױ איז דיר באַשערט.

װיפֿל האָט זי אים געדליבעט,
אַז דאָס גוטס איז אַלץ לעיִבעד:
„װאָס דאָס פּאַטיען? װאָס פֿאַר גליק?
אױב דו װילסט דערפֿון ניט הערן,
אַסי זאָל גימנאַזי׳ לערנען —
בלײַבט מען סיװויסי׳ מוזשיק!..
געלט אַלײנעט — געלט אָן סײכל —
איז א נאָדל אָן א לעכל.
זאָג, װאָס װײסט די װעלט פֿון דיר
און װאָס װײסטו דען פֿון איר? —
פֿאָר אַרױס צו לײַט צו פֿײַנע
אַף די בורעקעס אַף דײַנע!..
ס׳קינד איז שײן, קענאַרע, גיב איר
שטאָט, גימנאַזי, פֿײַנע שטיבער,
װוּ מע לעבט זיך, װי די הערן, —
װעט פֿון איר כּידושים זײַן,
װעט זי דיר געלערנט װערן, —
קױפֿט זי אונדז אין ייִכעס אײַן.
ס׳װיל אַבראַם אונדז מאַכן שלעכט? —
אַז ער הײסט — איז ער גערעכט!..
װאָס ביסטו מיר פֿאַר א נאַגיד,
אַז דו ביסט ביז הײַנט צו טאָג ניט
אין קײן גװירישע הױז געװען נאָך! —

גיי, די מײַדמאַנס מעגסטו זען דאָך! —
וואָלסט געוואָלט די מײַדמאַנס, כ׳ווייס!
טו זשע, מאָנציע, וואָס מע הייסט!״

נאָך פיל רייד און פיל הריזאָטע,
האָט מען אָפּגעפירט די טאָכטער
צו באַווײַזן איר די וועלט,
זי באַזעצט באַקוועם און זעטיק
בא דעם פעטער דעם קאַרעטניק
און געלאָזט זיך קאָסטן געלט.

* * *

פאר אבראַמען דעם קאַרעטניק
האָבן ווייניק אָפּשײַ ייִדן,
בא דער וועלט קיין קאָוועד קלעקט ניט
אַף צו שטעלן אים צופרידן. —
ייִדן ווייסן ניט קיין שיר:
גאַנצן קאָוועד נאָר דעם גוויר...

שרײַט ער זיי: — מי סאַמכע, גווירים?!
מירן ברעכן אײַער פירעכץ
אין דער קאָר-שול! אפצולאָכעס
אויסבויען א קלויז באַזונדער!

רעדט ער אײַן די באַלמעלאָכעס.
בראָקט אַרײַן אַליין דרײַ הונדערט.
בייז, פאַראַקשנט, מיטן מיין
דאָרט צו פראַווען איין-אַליין.

קליין אין געלט, נאָר גרויס אין גײַווע,
פּאָקט און מאָזלט ער אַף טײַוועס:

עפּעס אופּטאָן, מע זאָל פּלאַצן
פון זײַן אופּטו. ווען מע פּלאַצט ניט —
לאָזט ער אויס זײַן גרויס פאַרדראָס
דאָרט, ווו ער איז באַלעבאָס.

אָט אַזוי האָט ער אַנומלט,
מיטאַמאָל, מיט צוואַנג מיט שווערן,
אומגעריכט זײַן הויז צעטומלט, —
וועגעטאַריער זאָל מען ווערן.

ווי דאָס ווײַב האָט ניט געצאָרנט,
אים און זיך פאַרשעלט די יאָרן,
און די יאַטלעך פון קאַרעטנע, —
וואָס זיי האָבן ניט געבעטן, —
ווי צום וואַנט. ער האַלט זיך זײַנס: —
וועגעטאַריער זאָל מען זײַן!

זײַנע עסנס זאָל מען קאָכן:
וואַרעטוטעס מיט שפּינאַט,
פּידרעך-סופּ אַף לאַקריץ-בלאַט. —
איז דאָס ווײַב פון הויט געקראָכן, —
נאָר דערפאַר איז דאָך זײַן הויז
ס'ערשטע הויז, וואָס טײַלט זיך אויס!

לעצטנס, שטומערהייט, מיט בליקן
זיך גענומען שימקען שטיקן: —
אַלעמײַ מיט אַסין שמועסט ער.
— דו, פאַרכויך אײַנער, וואָס טוסטו?! —

דריקט עס שימקען. — און ווער רעדט נאָך,
ווען דערבײַ איז דאָ דער פּעטאָך
קאָן, דעם דאָדיק מײַדמאַנס פּעטער,

וואָס דורך אים דאַרף אַסי שפּעטער
ווערן מיט די מײַדמאַנס... נו...
— דו, פאַרכוועץ, ווי קומסטו, דו?

ווען אין בײַזײַן פון דעם פעטער
אַסי מיט דעם „יונג" צערעדט זיך, —
ציטערט אויף דער באַלעבאָס:
רויט און בלוי ווערט פון פאַרדראָס.

ווי ס׳האָט שימקע נאָר אַנטדעקט עס,
האָט ער גלײַך געמיינט — ער עקט זיך —
דער ביזאָיען, דער פאַרדראָס
האָט אים רוען ניט געלאָזט.

2

און אַסין איז פריילעך, סע גייט איר ניט אָן
דער פעטער, די היים, — ז׳איז פאַרכאַפּט און פאַרטאָן
מיט מיידלשע סוידעס, מיט כאַווערטעס אירע,
מיט יאָמטעוווס, מיט לידער, מיט שפּעטע שפּאַצירן.

און שימקע זעט אָפט אין דער גאַס, ווי סע פילדערט
אַ קנויל גימנאַזיסטקעס, אַזוי ווי די ווילדע,
מע רעדט מיטאַמאָל, און די צעפּלעך זיך צאַפּלען,
און אַסי אין מיט און זי פלאַמט און זי פלאַפּלט.
און שימקען ווערט שווער און ווערט וואַרעם דערפון, —
ער שלינגט יעדער וואָרט, נאָר ער קוקט זיך ניט אום.

ווי פריילעך סע גייט איר, ווי וווּנדערלעך גרינג!
סע פליט איר דאָס לערנען אין קאָפּ אַרײַן פלינק —
אַזוי ווי סע פליִען די פייגלען אין נעסטן, —
פון אַלע די צענדליקער ביכלעך דאָס בעסטע.

אפילע איר לערער, הער קאַן, דעם העברייער,
דעם פעטער, די מײַדמאַנס פארכידעשט עס זייער,
ווי גרינג אין די יאַמען פון כאַכמע זי שיפט זיך,
אין ייִדישקײַט אַלטער ווי גרינג זי פאַרטיפט זיך.
דערפאַר איז ער פיל מעשוגאַסן איר מויכל: —
זי איז לויט איר אַפּשטאַם מיט גאַשמיס געשטרויכלט...
סע פעלט איר, לעמאַשל, צו פײַנקײַט דער הרען.
ער האָט זי באַקענט מיט זײַן ליבן קוזען —
מיט דאַדיקל מײַדמאַן, — וואָס ווײַזט זיך ארויס? —
זי שעצט עס קיין קאָפּ ניט, וואָס מאַכט עס איר אויס?
פאַרברענגט ווו א שאָ נאָר א פרײַע, בא וועמען? —
באַם סטאָליער! און דאָס זאָל א קאָפּל זיך שעמען!
סע שטעכט אויך דעם פעטער, דעם בייזן קאַרעטניק,
ער שווײַגט, מיט די בערישע אויגן ער פּלעט נאָר,
ער וואָלט איר א זאָג געטאָן, ווי זי פאַרדינט, —
נאָר עפּעס נאָך צוימט אים, עפּעס נאָך בינדט.

און אַסין סע אַרט ניט. זי קען ניט קיין שענערס
פון אַריע דעם סטאָליערס דעם ציכטיקן קעלער.
מ׳האָט ליב דאָרט, מ׳האָט פײַנט דאָרט, מע זינגט דאָרטן לידער,
אין ליבעס דאָרט שפּילט מען ביז טיפסטן דערציטערט.

אף קאַרטן דאָרט טרעפט מען, מע הערט דאָרט געשיכטעס,
אין טונקעלן קעלער איז היימלער און ציכטיק.
מע לאַכט דאָרטן פרײלער, מע זינגט דאָרטן מונטער.
און אָפט העלפט דער אַלטער רעב אַריע זיי אונטער: —
דעם אייניקל מײַע, איר יונגער כאַוורײַע.
זי זינגט אים, זײַן אייניק, די נייטערקע מײַע,
וואָס בליט אין דער אָרעמער שטוב ווי א רויז,
סע גייט בא די ייִנגלעך דאָס האַרץ נאָך איר אויס.
סע קוקט אויך דער זיידע מיט ליבע אף איר,
אַזוי ווי מע קוקט אף אַן איינציק באַציר.

זי בליט, קיין בייז אויג זאָל ניט שאטן, ווי יענע,
די טעכטער די זיבן אמאָל, — און נאָך שענער.
ניט גרינג איז דעם סטאָליער געווען צו באקליידן,
באשפּײַזן די כאָפּטע גערעטענע מיידן.
און פּאָרט פלעג זיך אַלעמאָל טרעפן דער נעס: —
געפירט צו דער כופּע א מויד א פּרינצעס...

און לײַט מיט די קעפּ פלעגן שאָקלען: — א מייוון?
זיי וואקסן באם סטאָליער, ווי כאַלע אף הייוון...
זײַן סטאָליערקע ענטפערן פלעג מיט א שטאָך:
— מע קלאפּט מיר אין פענצטער, צי האָב איך ניט נאָך...

וווּ זײַנען, טראכט אריע, די זיבן פּרינצעסן?
צעזייט און צעשפּרייט און אזוי ווי פארגעסן.
געיאָגט אין דער וועלט נאָכן מאזל געגארטן.
אָט קוקן זיי, פרעמדע, אראָפּ פון די קארטעס.
פון אַנטאָן פון זייערס, די קינדערס, די מענערס —
קומט אויס, אז מע דארף ניט קיין בעסערס און שענערס
פון סאָרעלעס מעקסיקע,ביילקעס בראזיליע,
פון לייקעס יאָהאנעסבורג, ריווקעלעס טשיליע,
פון יענטעלעס ניו-יאָרק, פון טאניעס אוגאנדע,
פון ערעצײַסראָעל, ווּו כײַעלע וואנדערט.

זײַן הארץ אָבער גלייבט ניט דעם קלייד, וואָס זיי טראָגן,
זיי קוקט פון די אויגן דער ייִדישער וואָגל.
אין שטאָלט פון די איידעמס, אין טעכטערלעכס בליק,
דערקענט ער, רעב אריע, אז ווײַט איז צו גליק,
און דאָך וואַרט ער אַלץ נאָך אף שיפקארטעס! — פּאָשעט,
ווײַל דאָ איז קיין לעבן ניט, — פפו! און פארלאָשן...
כאבאר מיט פּאָגראָמען... כאָטש נעמען פארקערט, —
איז הארציק אים טײַער דאָ יעדער טריט ערד.

פאַרוואָס זאָל ער דאַרפֿן דערמיט זיך צעשיידן,
דער סטאָליער בען סטאָליער?! דער טאַטע, די זיידעס
זיי האָבן, ווער ווייסט נאָך פֿון ווען, פֿון קאַדמוינים,
געלעבט דאָ, באַסטאָליערט די קלויז און די בוינע.

די באָד און דעם העקדעש — דאָס קען מען פֿאַרווישן?
די שטאָט זיצט פֿון אייביק בא זייערע טישן,
אין זייערע בעטן זי קינדלט, מיספּאַלעל
בא זייערע שטענדערס, און ווען שוין נאָך אַלעם,
איז ווערט מען געלייגט אונטער זייער מאַציווע.
אַזוי האַלט די שטאָט, — און די שטאָט איז אַ מייוון —
גאָר כאַשעווע מײַסטערס געווען, און רעב אַריע
אַליין איז אַ בעריע אין הילכעס סטאָליאַריע.

ער גיט די מעלאָכע זײַן אייניקל איבער, —
אַ קאָפּ האָט דער פֿרויעם, זײַן יוירעש זײַן ליבער,
זײַן טרייסט אויף דער עלטער, אַ וועלכן באַשערט
איז יאַרשענען דאָס, וואָס צו זיידעס געהערט.

און פֿרויעם האָט ליב אים, דעם בייזלעכן זיידן,
מע אַרבעט מיט כיישעק, מ׳איז אופֿגעלייגט ביידע.
אַ לידל, אַ ביכל, די סטרוזשקעלעך שמעקן,
דער קליי, פּאָליטור און די גלאַנציקע דעקן.

אַהער טאַקע קומען די ייִנגלעך — כאַוויירים,
פֿאַרברענגען מיט פֿרויעמען. כאַווערטעס גערן
צו מײַעלען קומען, — אויך אַסי, אויך שימקע.
דאָ לאַכט זיך און בענקט זיך, גיטאַרעס דאָ ברימקען.
אויף עפּעס דאָ וואַרט מען, צו עפּעס מע ווינקט,
דער הובל דערציילט דאָ, די נאָדל דאָ זינגט.

קאַפּיטל דרײַ

## מע פֿירט די זין...

### 1

און אײנמאָל פֿאַרטאָג, אינעם פֿײַכטלעכן דרויסן
איז שימקע, דאָס ייִנגל פֿון טאָל, פֿון געמויזעכץ,
געגאַן צו דער אַרבעט, צום באַרג, צום קאַרעטניק.
געגאַן זײַנען פֿיל און פֿאַרזאָרגטע, ווי שטענדיק,
פֿון בלאָטיקע געסלעך, פֿון נאָרעס מיט שפּינען, —
דער טאָל האָט גערוקט זיך דעם באַרג צו באַדינען,
די מאַרקן, די בירזשעס, די קלויז און די קלייט,
די נײַ־שטאָט, וואָס ראַשט דאָרט מיט געלט און טאַנדייט.

האָט שימקע דערזען צוויי מוטערס זיך שלעפּן,
צעטראָגן, פֿאַרסאָפּעט, די קליידלעך טעלעפּען,
זיי שלעפּן צום באַרג זיך, די אויגן צעמישטע:

— מע פֿירט הײַנט פֿון טורמע די זין אױפֿן מישפּעט...
און שימקע, באַם טויער באַ מײַדמאַנס. ער זעט:
דער גערטנער פֿאַכאָם מיט דער לאָפּעטע שטייט.
זײַן זינדל מיכיי לאָזט די טאַטשקע אַראָפּ,
דעם רוקן גלײַכט אויס און דעם טשוב טרייסלט אָפּ.
מיט זיי נאָכמען־יאָנטעוו דער שאַמעס, פֿאַרוקט
דעם טאַלעסזאַק אונטערן אָרעם. מע קוקט,
ווי אײַלִיק די מוטערס עס שלעפּן זיך דאָרט, —
מע קוקט און מע קרעכצט און מע זאָגט ניט קיין וואָרט.
סע האָבן די קרעכצן די ווערטער דערוואָרגן.

סע קומט אַרויס קאָן מיט אַ ברייטן גוט־מאָרגן
צו אוילעם, ער גייט אױף שפּאַציר אין באַגין, —
די וואָנצעס צעקעמט, פֿריש געגאָלט איז דער קין.

מיט קאַלט וואַסער פֿריִער דאָס לײַב זיך געריבן,
אַ שאָ אפֿן ווײַגער זײַן סייפֿער געשריבן.
דער שיינער העברייער, דער פֿעטער פֿון גווירים —
האָט ליב אַ שפּאַציר טאָן פֿאַרטאָג מיטן שירעם.
און צולייגן קלוג צו די נײַסן אַן אויער, —
וואָס רעדט דער האַמוין אַף זײַן שפּראַך אַף זײַן רויער...

געשלונגען האָט שימקע אין אײַלעניש גרויסן
די נײַסן, מיט וועלכע סע ראַשט דער אינדרויסן:
— די גאַנצע שטאָט רעדט, אַז מ'האָט אונטערגעשמירט, —
מע זאָל זיי פֿאַרשיקן אַף אייביק סיביר.
זיי זאָלן צוריק ניט דערלעבן צו קומען...
— אַ מאַקע דעם שמירער אין טרייפֿענעם גומען, —
וואָס אַרט זיי, זיי האָבן געבלוטיקט אַף קינדער?!
— מע הענגט זיי נאָך אָן, אַז דער הויפּט-אונטערצינדער
פֿון פֿאַרעץ סוועניציצקי, געשיקט איז פֿון זיי.
— וואָס שווײַגט מען, וואָס הייבט מען ניט אויף קיין געשריי?!

2

דערזען דעם קאַרעטניק, לויפֿט שימקע פֿאַרביסן
אין שטוב, גיט דאָס אַלץ די כאַווירים צו וויסן.
אויך אַסי געהערט האָט, אין בעט נאָך געלעגן,
די אויגן האַלב אָפֿן, געהערט און געשוויגן.
פֿון די, וואָס מע פּירט הײַנט, איז איינער באַקענט איר:
פֿון דאָרף אירן איז ער, אַ יונג אַ געבערענטער,
מיקיטושקע כיסט, אין די שטעט לעבט ער שטענדיק.
די עלטערן זײַנע, — ווי שכיינים, זי קען זיי.
ניט איין מאָל זײַן מוטער אַרײַן מיט אַ ביטע,
אַז אַסי זאָל שרײַבן אַ בריוו איר מיקיטען,
ניט איין מאָל געהערט פֿון זײַן פּירעכץ פֿאַרשײַטן
אַנטקעגן די גווירים, — די רעדעס, די שטרײַטן.

און קאַנס, איר דערציי̆ערס, א וואָרט פאַרגעדענקט זיי:
„דער סאָף מיט דעם כיסטן וועט זיין, מ'עט אים הענגען".

איז אסי געלעגן א שטילע, פאַרכושטע
און איינגעזאַפּט אַלץ, וואָס די יינגלעך דאָרט שושקען:
— עס האָבן זיך איצטער די גוירים גענומען,
סע וואָלן קאַזאַקן אין שטאָט ארײַן קומען.
האָט אסי פאַרטראַכט זיך, — די אויגן געשלאָסן:
זיך אויסגעמאָלט כיסטן אין קייטן פאַרגאָסן.
און פּלוצעם זיך אָנטאָן גענומען אפגיך,
ארויס פון דער שטוב אף די שפּיץ פון די שיך...

סע קומט דער קאַרעטניק. די ארבעטער-יינגלעך
אנשוויגן געוואָרן, — געצייגן צעקלינגען.
נאָר שימקע, ער וויל ניט, אָן אויסרייד ער זוכט זיך
די ארבעט צו וואַרפן און לויפן א קוק טאָן.
אָן אויסרייד געזוכט און געפונען א גוטן:
באַם דרייען די קלעמערס די פינגער צעבלוטיקט.
א נאָגל צענעריקט, צעהאַקט ביזן ביין.
און נאָך א פּאָר קלעפּ פון קאַרעטניק: — אהיים!

ער שטייט שוין אין גאַס, און דעם אוילעם צעטרייבט מען,
פון איין זייט צעטרייבט מען, פון צווייטער ער קלייבט זיך.
אין שווייגן פאַרביסן די האַרבע געזיכטער.
סע רוט ניט דאָס האַרץ אונטער העמדלעך פאַרשמירטע.
סע הייבן, סע קראַמפּן זיך קניפּיקע פויסטן, —
סע שמעקט מיט האַריגע די לופט אינעם דרויסן.
א ברומעניש ווערט, א קאָנוואָי קומט מיט שטורעם:
— מע פירט אף באַנאַכט זיי צוריק אין דער טורמע...
א רייטער-קאָנוואָי, און דעם אוילעם צעטרייבט מען,
פון איין זייט צעטרייבט מען, פון צווייטער ער קלייבט זיך.

א פערד שטעלט זיך דיבאָם, א פרוי טוט א כליפע,
אָט פירט מען פיר מענטשן. באם הארצן סע ציפּעט:
אין קייטן די הענט און באוואכטע פון רײַטער
מיט שווערדן מיט בלויזע פון אלע פיר זײַטן.
זיי דרייען די קעפּ, ווי מע וויל עפּעס ריידן.
מע שווײַגט און סע רעדט נאָר דער קלונג פון די קייטן.

— אָט גייט ער. איר זעט, ווי די אויגן אים טראָגן.
זיי האָבן פון אים דאָרט צו זינגען, צו זאָגן.
פון כיסטן... ר׳איז קראנק, צי דאָס זיצן געשאָדט?
— דאָס מאזל אף זיי, סארא פּאָנעם ער האָט...
— ס׳א מאָשל, — ער עסט ניט! ער שטייט אף דער דייע —
אז מ׳זאָל מיט דער מאמען אים לאָזן זיך זען.
נו, פיקן די מערדערס די גאל אים, — א שרעק:
מע ווײַזט אים, זי ז׳דאָ און מע כאפּט זי אוועק.
פון הארצווייטיק האָט ער באקומען א פיבער —
אזא מין סאָרט קרענק, אז א גרויל גייט אריבער!
ווען מ׳האָט זיי פון קאמער צום מישפּעט געטריבן,
איז ער ניט געגאַן, — ער איז ליגן געבליבן.
מע רופט אים — ער שווײַגט. גייט צו דער קאָנוואָיער
און טוט אים א שטורך — ס׳קען רירן א מויער, —
נאָר יענער א טויטער, — און געל און פארדארט —
וואָס טוט מען? — דער „סוד”, דער קאָנוואָי דאָרטן ווארט!
איז שלעפּן די מערדער אף דר׳ערד אים אראָפּ,
מע רײַבט אים, מע שטורכעט, מע טרייסלט דעם קאָפּ.
אזוי ווי געלעגן מיט אָפענע אויגן,
די הענט אף צוקאָפּנס, די קניִעס פארבויגן, —
אזוי בלײַבט ער ליגן, — כאָטש האק אים און בראָק,
נו, אָפּגעלייגט האָט מען דעם „סוד” אף א טאָג...

און דאָ „ראזאָידיס!”, ס׳אײַלן רײַטער-זשאנדארמען,
זיי שנײַדן מיט פערד אינעם אוילעם, מיט ליארעם,

מ'ט קנאק פון נאהײקעס — א פּאַנעם זיך שפּאַלט
און בלוטיקט. דער אוילעם אף בינטלעך צעפאַלט.
און פּלוצעם האָט שימקע, דאָס ייִנגל, דערציטערט:
אצווישן דעם אוילעם באַגלייטערס, אינמיטן,
אצווישן די מוטערס פון זין, וואָס גפאַנגען, —
איז אסי, איז אסי אין מיט דאָרט געגאַנגען.

ווי קומט זי אהערצו, די דאָרף־באסיעכידקע,
און וועמען באַגלייט זי עס, וועמען דען פירט זי? —
די מוטער מיקיטעס, איר דאָרפישע שכיינע,
די מוטער מיקיטעס פירט אסי די קליינע.

און באַלד האָט די קליינע פון פּעטער באַקומען
א פּסאַק, אז סע האָט איר די צונג אָפּגענומען.
פאר מענטשן אין גאַס, א מין קריצן מיט ציין, —
אז נאָך א מינוט שיסט זי אויס א געוויין.

3

און שפּעטער פּלעג שימקע מיט אסין דערמאָנען
דעם טאָג און מיקיטעס דעם סאָדפּולן נאָמען.
נאָר אסין פאַרוועדט איז אפילע א רעד טאָן
מיט שימקען. דאָך פּלעגט זי פאַרבאַרגן פון פּעטער, —
מיט כעוורע פאַרברענגען. דעם וואַרעמעס טיילן
די אַרבעטער־יאַטלעך, זיי הערן דערציילן
פון זייערע היימען, פון הונגער און קרעכצן.
און אָפּט פּלעגט זי עסן די גראָבע געקעכטסן
מיט זיי בא וואַרשטאַטן, דאָס איידלע געזיכטל
פאַרטראָגן אין מײַסעס איז אופגערעגט־ליכטיק.

און דאָך איז דער שטרײַט צווישן יאַטן און פּעטער
פאר לוין און פאר קירצן די אַרבעט די שפּעטע
געוועזן איר דערווידער. עס פּלעגט זי פאַרקלעמען
דער האס פון די יאַטן: — זיי מעגן זיך שעמען!

זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען, עס האָט זי דערצויגן
די היים און דער פֿעטער, און קאָן האָט געבויגן
איר מויעך אין ווײַטע, גאָר אַנדערע צײַטן.
ער האָט זי געפֿירט אין די טונקעלע ווײַטן
פֿון ייִדישער כאָכמע, אין גאַנג פֿון די שטערן,
אין גריכישע געטער, אין מײַרעוו-מאַניערן.
און אויב זי מיט אַרבעטער-יאַטן געטראָפֿן —
איז פֿלעגט ער אָן סאָף זי פֿאַרשעמען און שטראָפֿן.
— וואָס שײַעך די כיסטעס, איז זאָלסטו געדענקען —
סע וואַרט אויף זיי שטענדיק די טליִע צום הענגען! —
ס'האָט שימקע געוווּסט, אַז ער טאָר זיך ניט לאָזן
אין פֿרײַנטשאַפֿט מיט אַסין... ס'אַ זינד און אַ האָזע!..
און כאָטש ס'האָט צו איר ווי מיט קישעף געצויגן —
האָט ער זיך באַמיט איר ניט זײַן פֿאַר די אויגן.
נאָר שולדיק איז אַסי, זיך שעמען זי מעג —
זי קומט אַלעמאָל אים אַלײן אינעם וועג.
אָט לויפֿט זי און לאַכט, עפּעס פֿרײלעכס געטראָפֿן:
— מיקיטע כיסט איז פֿון טורמע אַנטלאָפֿן!..

קאַפּיטל פֿיר

## נאַכמען-יאָנטעוו דערציילט וועגן אויצער

האָט שימקע מיט מאַזל געבראַכט צו דער מאַמען
די ערשטע פֿאַרדינסטן, — אַ מאַטמען מיסטאַמע.
און מאַלקע די וועשערקע גייט מיט די קינדער
צו קויפֿן, קענאַרע, מאַלבושים אויף ווינטער:
דעם זינדל אַ לײַבל, דער טאָכטער אַ רעקל
און זיך אויף אַ וואַטניקל, אויב סע וועט קלעקן.

צום שטאָט אויפֿן באַרג האָט געצויגן די שוועסטער,
צו באַרג-מאַגאַזינען מיט שענסטן און בעסטן,
אַהין האָט געצויגן דאָס אַרבעטער-מיידל, —

נאָר ס'האָט דאָך די וועשערקע אנדערע קלייטן,
ווו ברוכוואַרג, און אלטוואַרג, און הענדלער, און טענדלער,
און קלייטלעך אף קלייטלעך און שטעלן אָן ענדע.

באם ראָטהויז דעם אלטן, די אוראַלטע קראָמען,
דאָרט קען מען די וועשערקע פאָשעט באם נאָמען.
— וואָס טויג אײַך צום באַרג דאָרטן, אויסברענגערס מײַנע!
מיר קענען דאָ קויפן אי וועלוולער אי פײַנער.
אוי, קינדערלעך, אוי, ווי סע רוקט זיך דער זייגער...
געקויפט האָב איך דאָ נאָך די כאַסענע-קליידער...

דאָ קריגט מען דאָס בעסטע געניצעוועט מאַנטל,
דאָס שענסטע געניצעוועט קלייד און געוואַנטל.
און אויב מ'איז בא געלט און מ'איז אויסברענגערס פאָשעט,
איז דאָ בא טאַנדייטניקעס נײַע האַלבאָשע.
שא, זעט נאָר, — סע ניט דאָס פּאַניטשל אָן דאָרטן?
אוי, אונדזער פּאַניטשל! פאַר דאָדלען אן אָרט דאָ,
אין בלאָטע מיט זײַן טשעטשוטשאַען קאָסטיומדל?
אוי-וויי, ווען די מײַדמאַנשע זעט דאָ איר זונדל!
וואָס טוט ער? וואָס טוט ער? אן אופּטו א ביסל! —
אומיסטן צעבראָכן א קיילע, אומיסטן!

## די טעפּערקע

כאַפּט אים,
כאַפּט אים,
אָן-אָ דעם פּאַניטשל,
א קריגל צעטרישטשעט!
צעבראָכן א טאָפּ!
כאַפּט אים,
נעמט אים,
שטעלט אים כאַטש אָפּ!

## קרעמערס

— וויי מיר, מע קרעמערט די גאַנצע וואָך!
— אוי, די פּאַרנאָסעס, ר'בוינע!

— אז אָך און אז וויי,
אז וויי און אז אָך, —
מע זעט ניט קיין איינציקן קוינע!
— יידן, ער גייט!

נאכמען-יאָנטעוול גייט!
די דינסטן דעם רעבנס
אין מארק ער באלייט!
אף יאָמטעוו דעם רעבן
דעם הויף ער פארגרייט!

— זיי גייען צו מיר
אין קלייט אריַין!
— זיי קויפן בא מיר
דאָך שטענדיק איַין!

— אהער, רעב יאָנטעוול,
לעבן זאָלט איר מיר.
— נאכמען-יאָנטעוו, נאכמען-יאָנטעוו,
פעלט ניט אויס מיַין טיר!

— ראָכעלע, מיַין לעבן,
זינט דו ביסט באם רעבן
קויפסטו בא מיר איַין!

— פרומעניו, איך בעט דיך,
כ׳האָב פאר דיר קאָנפעטלעך,
קום זשע שוין אריַין!

— ראָכעלע, מיַין לעבן,
סע רייַסט דאָס הארץ פאר דיר!
א כאָסן דיר געגעבן,
דער רעבע? א געשווויר!
דיר וועגן אין פאפיר?

— וואָס ווייסט איר, כײַע־סאָרע,
ווי סע טוט מיר קלעמען,
דער רעבע האָט געהייסן,
כ׳זאָל דעם באָכער נעמען...

— מע טוט דאָך דיר אָן
די טאָרבע אפן האלדז!
וויפל געבן צוקער?
וויפל געבן שמאלץ?

נאכמען־יאָנטעװ

יידן, זײַט וויסן,
איך שווער אײַך בא גאָט,
פאראן דאָ אן אויצער
בא אונדז אין דער שטאָט!

קרעמער

וואָס רעדט איר, אן אויצער? —
יידן, איר הערט?
אן אויצער אין שטאָט,
אן אויצער אין דר׳ערד!

נאכמען־יאָנטעװ

הערט זשע אויס, יידעלעך,
יידעלעך קוועלט, —
סע וועט אײַך א שיט טאָן
א האָגל פון געלט!

פראדקין

דער אָפּלאכער קומט שוין
מיט זײַנע שטיק!

נ א כ מ ע ן-י אָ נ ט ע ו ו

נאַר זיך אַ ריר טאָן —
ווערט איר באַגליקט,
אונטער דער נאָז אײַך
פֿון גאָט צוגעשיקט!

ק ר ע מ ע ר

אײַ, ווײ,
זאָגט, נאַכמען-יאַנטעוול,
ציט ניט די קלײ!

נ א כ מ ע ן-י אָ נ ט ע ו ו

דער רעבע האָט געזאָגט,
אין אײַך איז געווענדט,
איר האָט שוין דעם אוצער
קימאַט אין די הענט.
סע האָבן דעם אוצער
די מײַדמאַנס אַנטפּלעקט...

ק ר ע מ ע ר

די מײַדמאַנס, איר הערט!
ווער ווייסט, וואָס דאָ שטעקט!

נ א כ מ ע ן-י אָ נ ט ע ו ו

סע ווילן די מײַדמאַנס
פֿאַר שוטפֿימלעך אײַך.
זיי ווילן דאָך מאַכן
די יידעלעך רײַך.

ק ר ע מ ע ר

די מײַדמאַנס!
די מײַדמאַנס...

אוי,
גענוג שוין דעם מאַרק אונדז
געקוילעט אזוי!

זינט בא זאוואָדן
די קלייטן צעשטעלט, —
קומט ניט קיין קוינע
צו אונדז אין געצעלט.
זינט פונעם ראַטהויז
די צינזן ער קלויבט,
ווערט מען פון זיי נאָר
געיאָגט און גערויבט.

נ א כ מ ע ן - י אָ נ ט ע ו

אָט הייבן די מיידמאַנס
דעם אויצער שוין אָן,
זיי האָבן דעם רעבן
אין שוטפעס, אין קאָן.

פ ר א ד ק י ן

דעם רעבן אין שוטפעס! —
וואָס? ווען?
כויזעק פון רעבן? —
א כילעל-האשעם!..

נ א כ מ ע ן - י אָ נ ט ע ו

קאַזאַרמעס, קאַזאַרמעס —
הייסט דאָס געשעפט.

ק ר ע מ ע ר

קאַזאַרמעס אָן אויצער?
קאַזאַרמעס? עט!

נ א כ מ ע ן-י אָ נ ט ע ו ו

איר מעגט זיך פארלאָזן
אף מײַדמאַנס באראָט!
זיי נעמען זיך באָוועז
קאזארמעס אין שטאָט.
דעם רעבן אין שוטפעס,
און אײַך און קאזנא, —
גאָלדענע גליקן!

ק ר ע מ ע ר

— אָווא!
אָווא!

נ א כ מ ע ן-י אָ נ ט ע ו ו

סע קוקן די מײַדמאַנס,—
אײַ, קוקן זיי ווײַט...
דער קאָפּ טוט זיי ווי
פאר די אָרעמעלײַט.
זיי זאָגן, די ארבעטער
ווערן פארשײַט.
אײַ, קוקן די מײַדמאַנס,
אײַ, קוקן זיי ווײַט...

זיי ווייסן אין זעלנער,
קאזאקן א טאָלק.
זיי זאָגן דער שטאָט פעלט
קאזאקן א פאָלק.
סע מאכן קאזאקן
דאָס מיסכערל שטארק.
קאזאקן פארמערן
די קוינים אין מארק!

אזוי מיינען מײַדמאנס,
אײַ, מיינען זיי ווײַט!
איז טראָגט זיי די קלינגערס
קאָלזמאן ס׳איז נאָך צײַט.

שימקע

— קאזארמעס, קאזאקן, —
שמײַסן מע ועט...

פראדקין

שא, שייגאָצניק,
הער, וואָס מע רעדט.

שימקע

מאמע, דו הערסט,
א פאָלק צו אונדז ברענגען:
וועמען מ׳עט שמײַסן,
וועמען מ׳עט הענגען!

פראדקין

איר הערט א שייגאָצניק,
איר הערט, וואָס ער זאָגט!
דער וועשערקעס מײַדמאנס,
איר הערט א בענאָק!

קרעמער

אײַ, נאכמען-יאָנטעוול,
קאזאקן גאָר, גיי!
זאָג, נאכמען-יאָנטעוו,
צי קען מען אָן זיי?
כ׳מיין אָן קאזאקן
צי קען מען, כ׳מיין,
דאָס ריינע געשעפט נאָר,
קאזארמעס אליין...

נ א כ מ ע ן־י אָ נ ט ע ו ו

סע האָבן קאַזאַרמעס געפּונען כּיין
באַם הייליקן אונדזערן
רעבן אליין!

פ ר א ד ק י ן

יידן, ער וואַרפט אין רעבן אַ שטיין!..

ש י מ ק ע

מאַמע, דו הערסט,
דער רעבע אליין!

ד י מ ו ט ע ר

מע זאָגט דיר, קום הער, —
רעדט אַפן ווינט,
וואָסי דיַין אייסעק?
געזען אַזאַ קינד!
דער הייליקער רעבע
ווייסט, וואָס ער טוט,
וואָס ס׳טוען די גווירים —
איז טוען זיי גוט.
אַף טוירע און געלט
האַלט זיך די וועלט!

ק ר ע מ ע ר ס

— די מייַדמאַנקע גייט!
— איר שליאַפּע! איר באַנט!
— דעם פּאַניטש באַ דער האַנט!
— ווי׳ן גייט זי? וואָס זוכט זי?
— די טעפּערקע רופט זי!

מ א ד א ם

איך באַצאָל דיר פאַרן טעפּל,
דאָס קינד זאָלסטו ניט טשעפּען.

דאָס קינד האָט פאַרגעניגן
צעברעכן דיר א טעפּל.
איך צאָל דיר פאַרן ברעכן,
אַף יעדן טאָג באַרעכן. —
דאַדיקל, זאָלסט יעדן טאָג
א טעפּל איר צעברעכן!!

* * *

דער רעבע ז׳געזעסן אין אייבערשטן שטיבל,
אין היכן פּאָטעל, אין מאַכשאָוועס פאַרגריבלט,
און אונטן באַם טרעפּ, מיט פאַרכידעשטן אוילעם,
דאָרט שטייט נאַכמען־יאָנטעוו. א קאַפּעלע גרוילט אים:
וואָס איז מיטן רעבן? ער פלאַקערט פון צאָרן,
ער זאָגט ניט, ער רעדט ניט, פאַרענדערט געוואָרן.
נאָר שפּעטער א ביסל שייַנט ווידער זייַן פּאָנעם,
צום אוילעם, צו כסידים מיט גוטער קאַוואָנע.
איז בעטן די כסידים, דער רעבע זאָל זאָגן.
צעלאַכט זיך דער רעבע, די אויגן אים טראָגן.
מיט יאַשטשערקעס לאַכט ער, דאַכט זיך דעם אוילעם.
ס׳ווערט שטיל מיטאמאָל, נאַכמען־יאָנטעוולען גרוילט עס.

## רעבע

איך זע באַ דעם לייב
א פליג אפן קאַרק.
איך הער, אַז די פליג
פלאַפּלט אין מאַרק.
איך זע, ווי די צונג
אין געהענעם זי פּירט.
איך זע, ווי דער ייִד
מיט שיידים שפּאַצירט.

ד ע ר  א ו י ל ע ם

ווער???

ר ע ב ע

נאכמען-יאָנטעוול, קום הער!
דו האָסט גערעדט?

נ א כ מ ע ן - י אָ נ ט ע ו ו

גערעדט.

ר ע ב ע

דו האָסט געשפּעט?

נ א כ מ ע ן - י אָ נ ט ע ו ו

געשפּעט.

ר ע ב ע

פון רעבן...

נ א כ מ ע ן - י אָ נ ט ע ו ו

כלעבן,
כ'האָב געזאָגט אָן א מיין, —
אויב דער הייליקער רעבע אליין
איז שוטעף מיט שלאַקן, —
איז דאָס געשעפט אוואדע ניט טרייף.
זײַנען קאזאקן — דעם רעבנס קאזאקן...

* * *

דער רעבע איז אוף, דעם אָרעם אויסגעצויגן, —
איז נאכמען-יאָנטעוו פון די טרעפּ
קאָפּ-אראָפּ געפלויגן.

קאַפּיטל פֿינף

# נאַכמען־יאָנטעוו מיט דער טאָכטער

## 1

זײַנען אין אַלדי שוואַרצע יאָר
סראָרעס אַראָפּ פֿון זינען. —
גיסט זיך דאָס מענטשן־בלוט אָן שפּאָר,
טאַנצן א טאַנץ די שפּינען.

גייט די מעהומע אום אין לאַנד,
פֿירט די מאַגייפֿע בא דער האַנט: —
עפֿנט טיר און טויער! —
גרייט דעם טיש אין טרויער!
אומעטום זיי קומען אַרײַן,
לאָזן פֿײַן זיך מעכאַבעד זײַן.

נאַכמען־יאָנטעווס טירל איז אָפֿן —
האָבן זיי אויך צו אים געטראָפֿן.
פֿריידלס לעבן ברעכן זיי אײַן —
טוט זי, פֿריידל, אין טויט אַרײַן:
— טאַטע, ווײ צו מײַנע יאָרן —
בעניען נעמט מען אין מילכאָמע.

אוי, מײַן כאָסן, מײַן נעשאָמע!
פֿיר אים מאַכן א כיסאָרן!
די מעכוטענעסטע זאָגט ניין —
זאָגט דאָס זעלבע דער מעכוטן,
און בעניע וויל דערוף ניט גיין,
ניט מיט בייזן, ניט מיט גוטן.
ער שרײַט: „איך וויל דיך גאָרניט הערן, —
איך וועל קיין קאַליקע ניט ווערן!"

דו קענסט דען ניט די קאוועליוקעס? —
איין זון געשיקט שוין אין די פראָנטן,
איצט שלעפּט מען בעניען אַף די קרוקעס.
איך וועל זיך דיר א מייַסע אָנטאָן.
נו, גיי שוין, טו שוין עפּעס, לויף,
אין קוזניע לויף, אין רעבנס הויף! —

און גיך דעם טאַטן אָנגעטריבן,
איז פריידל איין-אליין געבליבן.
— דעם טאַטן וואָס האָב איך דערשלאָגן
און אָנגעיאָגט אַף אים א שרעק.
זיך ניט דערוועגט קיין וואָרט מיר זאָגן,
ווי'ן איז זייַן שארפע צונג אוועק? —
סע האָט אים ווען די נויט געקומערט
צי ווען די אָרעמקייַט פארומערט?
אוי, ניט די נויט — יעסורים ברעכן.
די צאָרעס נעמען אָפּ דעם סייכל.
די באָבע טרייסט מיך:
„סע דאָ א פּלען,
און בעניע וועט אימירצעשעם
דעם פּלען געפינען
און וועט איבערוואַרטן דרינען". —

א בראָך צו מיר און צו מייַן קאָפּ. —
„ווייַטער קוקט נאָך גאָט אראָפּ
צו שיצן אונדז מיט זייַן האזשגאָכע
ווייַטער האָבן מיר די בראָכע
פון רעבנס מויל.
סע קען דעם זעלנער טרעפן די האצלאָכע
מיט א ברעקל קויל,
מיט א שטיינדל, צי מיט א שטיקל ליים, —
און ער איז דיר אין דר'היים!"

## 2

בא דער קוזניע קאַכט די אַרבעט.
מענטשן, פערד, א קלונג-געקלאנג,
דער מעכוטן קלאפט א שטאנג,
קלאפט פארכאפט און בייגט און סארפעט.
ווי זײַן גאנצע קוזניע שטייט ער —
פון די מענטשן אלע ברייטער.
שטופט זיך נאכמען-יאַנטעוו דורך,
טוט מיט רוגזע אים א שטורך:
— נו, מע דארף דאָך עפעס טאָן —
עפעס לינדערן, — דעם צאַרן!
קום באווארענען דעם זון, —
פריידל איז אויס מענטש געוואָרן,
וועט ניט אויסהאלטן דאָס שיידן, —
וויל אליין מיט א מאכער ריידן.

— בא וואָלף-בער פאַקראַס דעם שמיד
ווייסט מען פון קיין מאכערס ניט!..

בייז צעגייט מען זיך, דערצאַרנט.
און מע קוקט זיך אום, מע וואָרנט:
— מיט וואָלף-בער פאַקראַס דעם שמיד
ווארפט מען זיך ניט, הערעב ייִד... —
— קום צו מענטשן, קום זיך לאַדן,
קום זיך לאַדן, — כ'טו דיר שאַדן... —

טאָג נאָך טאָג האָט נאכמען-יאַנטעוו
מיט זײַן פריידלען אומגעבלאַנקעט,
פאר דער קוזניע אומגעקראָכן,
פאר דער קאָוועלקע געוויינט,
און פאר מענטשן זיי פארשעמט, —
און די לײַט דאָך ניט געבראָכן.

3

וואָס סע טוט זיך איצט באם ר׳עבן!
א יאריד, צעיאַצט, צעיאכמערט,
קלאָגערס, בעטערס, מעקלערס, מאכערס,
און פון אַלעמען פארבאָרגן
אין זײַן ביידער, טיף אין זאָרגן,
פאַר׳ן ליבן פאָלק ישׂראל,
פירט די ראָד דער ר׳עבע שאָעל.
ס׳וועט די זין דער ר׳עבע היטן,
וועט פארהיטן פון דער שכיטע.
יענע, וואָס אין קלעם, אין ענגען —
וועט ער זען צוריק זיי ברענגען.
יענע, וואָס אין קריג דאָרט פירן —
וועט ער זען אין פלען פארפירן.

שפרייט דער ר׳עבע אויס זײַן דייע,
יענע אויסגעפּרוּווטע זאכן:
בראָכעס, שפּרוכן און קאמייעס
און דערצו די גוטע מאכערס.
די, וואָס מאכן די בעסרוינעס,
די, וואָס פּולע הענט באלוינונג
ברענגען זיי דעם רעבן, כיילעך,
און ער זיי: — די הענט ער הייליקט.
און זיי אים: — מיט לוין און לויב.
און ער זיי: — אין קאָוועד הויבט.

דיכן רײַסט דער מעקלער שנייער,
וועלכער האָט די גרעסטע דייע
סײַ אין שטאָט און סײַ אין שול.
אויערן מאכט אוויגדער-שמול
שוטפעס מיטן קריסט דעם פעלדשער. —
ביידע זײַנען שטילע מענטשן
דולן קיינמאָל ניט דעם ר׳עבן.

נאַר דער שאַכן לאָזט ניט לעבן, —
יענער אויער-מאכער גערלעך
שרײַט: — זיי פירן זיך ניט ערלעך. —
אלע זיי: — פון שנייערס שיטע,
ווידער גייט די צווייטע קיטע,
ליוועראנטן, וועלכע מאכן
אויך די זעלבע גוטע זאכן, —
נאַר זיי רוידעפן, די שנייערס.
פארן רעבן איצטער שטייען
די און די, דער רעבע גלײַכט זיי.
זאָגט זיי צו געזונט און רײַכקײַט,
אייביק קוועלן זאָל דער קוואל —
זיך לעטויווע און דעם קלאַל.

בענטשט דער רעבע אלע יידן,
לויטן גראַד און שטאַנד פארשידן:
ווער אַן אויער זאָל זיך שטעכן,
ווער א פוס זאָל זיך צעברעכן,
ווער אן אויג זאָל זיך פארווײַסן,
ציין און דיכן — לאָזן רײַסן,
וואָס פאר וועמען ס'האָט א ווערט,
ווי פאר וועמען ס'איז באשערט.

---

מײַדמאנס הויז איז בייז, מע האלט ניט
פונעם רעבן: וואָס פאר גוואלדן?
וואָס פאר קלאָגן קלאָגן יידן? —
וואָס שוין ווידער ניט צופרידן?
די מילכאָמע שטארקט די קרעפטן,
הייבט און פרישט אָפּ די געשעפטן.
די מילכאָמע מאכט א טאָלק,
רייניקט אָפּ דאָס בלוט פון פאָלק,

איז א בראָכע פאַר דער ערד, —
כאָטש סע קאָסט — נאָר ס'האָט די ווערט!

שטאָט איז פול מיט קלאָגערס, שרייַערס,
ניט-פארגינערס, רויב-כאַווריַיעס.
זאָגן מיַידמאַנס אָן דעם רעבן:
— זאָל דער היילי̇קער לאַנג לעבן: —
טוירע איז די בעסטע סכוירע,
שענקען מיר א סייפערטוירע,
מיט א סימכע אונדזער שטאָט,
יידעלעך, א לויב צו גאָט!

4

פריידל האָט אין שרעק אין בלינדער
זיך דערשלאָגן מיט געוויין: —
בעניע זאָל זיך לאָזן שינדן
שטיקער ליטקע ביזן ביין.
און דער גוואר האָט צו זייַן כופּע
הינקענדיק אזוי געטופּעט,
אז ס'האָט פריידל אינעם דעק-טוך
פאַר כאראָטע שיר געעקט זיך.

נאָר ס'האָט בעניען זייַן כיסאָרן,
זייַן כיסאָרן ניט באַוואָרנט,
און געמוזט זיך לאָזן פירן,
זיך אריַינלאָזן געשווירן
אין די אויערן אריַין, —
זאָל א רעכטער פעלער זייַן.
יענער זון — אין די קארפּאטן —
קיין גוט-אויג זאָל אים ניט שאטן —
שרייַבט, קיין שלעכטס מע זאָל ניט קלערן,

טאָמער וועט ער נאָר ניט ווערן
דאָרט פאַרוווּנדעט צי געפאַנגען,
האָט ער אייגענע פאַרלאַנגען, —
וועט ער עפשער קומען גאָר
מיט געאָרגיִעס א פּאָר.
נאָר באַ בעני̇לע וואָלבערס
איז דאָס פּאָנעם איַנגעפאַלן,
אפן הארץ איז ביטער שווער.
גריִן און געל איז שוין זיַן וויַבל.
נאָר מע טרייסט זיך: מ'איז איִניינעם.
און ארום — מע הערט נאָר וויינען,
קלאָגן און א שיקער-זינגען.
און עס קאָכט אין שטאָט מיט יונגען
פון די דערפער, שטעטלעך, כוטערס,
מיט די פּאָטערס, מיט די מוטערס,
מיט די וויַבלעך, מיט געליבטע
קומט מען אין דער שטאָט באַטריבטע.
צו דעם פּריזיוו זיך צו מעלדן.
קלוימערשט האלט מען זיך ווי „העלדן". —
און מע זינגט, מע שפּרינגט, מע שלאָגט זיך,
און מע שיקערט און מע קלאָגט זיך,
און מע וויינט ביז מארך פון ביינער,
און מע האקט דאָס גלאָז אין שטיינער.

אויסגעראַמט די מאַנאָפּאָלקעס,
שפּילן, שפּילן די גארמאָנקעס,
טאָג און נאכט, און טאָג און נאכט, —
פריילעך אין דער שטאָט פאַרבראכט!
וועשערנס אין מיַידמאַנס קאמער
וואשן וועש. און שימקעס מאמע
צווישן זיי, און בעניעס וויַבל.
איַנגעבויגענע זיי רייַבן
באַ די ביטן. פּארע קנוילט זיך

אינעם פּאָנעם און פֿאַרקוילט זיך
אין דער נאָסער סטעליע, ווענט.
אַלץ געבויגן אַף איין אָרט,
רײַבט מען מיט די רויטע הענט.
רײַבנדיק, מע וואַרפֿט א וואָרט,
וועגן שלעק און לייד געבערענטע,
צאָרעס אייגענע און פֿרעמדע:
דער און דער — אַראָפּ פֿון זינען,
יענע — שטיקער גאָלד פֿאַרדינען.
— ליוועראַנטן און פּאָליציע
לעבן הײַנט ווי רײַכע פּריצים.
און אין פֿײַער און אין פֿלאַם
שיקט מען דעם געמיינעם מאַן.

פּלייטים שפּאַרן פֿון די פֿראָנטן,
ווייסן זיך ניט וויִ'ן אַהינטאָן,
זקיינים, קינדער אַף די וועגן —
אָן אַן אָרט דעם קאָפּ צו לייגן,
פֿון די אויפֿרײַסן צעשיידט,
עלנט, אין דער פֿרעמד צעזייט.

— אָט-אָ קוקט אים אָן אין מיסט דאָרט,
זעט א ברעקל. — וועמענס ביסטו?
— קאָליע בעזשענעץ.
— פֿונוואַנען?
— פֿונעם פֿראָנט. איך זוך די מאַמע.
העפֿקער-קינדערלעך א סאַך
אָן א לאַסקע, אָן א דאַך.

בעניע קומט אַרײַן צו פֿריידלען.
אַף די קוליעס קומט, א דאַרער,
אין דער קיך זיך טאָן א וואַרעם,
און א קאַפּעלע צו ריידן:

— די יארידן, די יארידן, —
זאָגט ער, — פול מיט אינוואלידן.
דער נאראָד איז ביטער-סאם,
ווער קען איינהאלטן א יאם!
שעלט זיך פריידל, קלאָגט פארדריסלער.
וואשן וועשערקעס פארביסן.
שימקעס מאמע איינגעבויגן
פינטלט מיט די קראנקע אויגן,
פאר די שמועסן האָט זי מוירע:
— נאָר מע קלאָלעט, נאָר מע שעלט.
מיידמאן שענקט א סייפערטוירע —
מ׳איז דאָך יידן אף דער וועלט!..

אוי, דער זון וואָלבערס פארשניטן!
ס׳פייער האָט אים ניט געמיטן,
יונגערהייט געגאן אין גרוב. —
שיווע זיצט דעם קאָוועלס שטוב.
און דאָס צווייטע זונדל, בעניען,
איז שוין גאָרניט צו דערקענען.
ס׳פוילט דער פוס, ס׳רינט דער אויער,
וואָס מיט צוועקעס מ׳האָט געבויערט.
גייט דער יונגער בוים געבראָכן,
ס׳יונגע ווייבל — אָפּגעקראָכן,
און וואָלף-בער — מיט רויטע אויגן.
נאכמען-יאָנטעוו גייט געבויגן.

5

און די סימכע איז געקומען
און די שטאָט ארומגענומען.
אין א פראָסטן אינדערוואָכן
האָט די סימכע אויסגעבראָכן.

כעורע־קלעזמער שפּילט געהויבן,
גאָר געהויבן, רום און לויבונג!
סייפּערטוירע איז די קאַלע —
פליוש און צירונג אף איר שטראַלן.
כאָסן איז דאָס פאָלק ייִסראָעל,
אונטערפירער: רעבע שאָעל,
איצכאָק מײַדמאַן, רײַך געקליידעט.
שפּאַנען זיי פאָרויס דער איידע,
קאַלעס צאַד — דער מעקלער שנייער,
כשיווּעס גלאַנצט פון באָרד און פּייעס.
לעבן „דיכן" גייען „אויגן",
שטיל, בעניִמעס, אײַנגעבויגן.
און אין קאַפּעליוש און סערדעט,
טאַנצט דער אויער־מאַכער גערלעד.
אין א ריקעדל מיט כסידים, —
זינגט מען אונטער טידע־רידעם —
קדושע, הייליקײַט צעשטראַלטע.

כאָסנס צאַד — די ליווּעראַנטן,
שפּאַנען פעסט און אײַנגעהאַלטן,
שטרענג, מע לאָזט זיך ניט פאַרכאַפּן
פונעם טאַנצן, פונעם קלאַפּן —
הייסע פערד איז מען געווינט
פירן רויִק און געצוימט.

הינטן גייען — מעכוטאָנים:
קרעמערס, סאָכרים און באַטלאָנים,
באַלמעלאָכעס באַלעבעסלעך,
כעוורע גרעבערס אונטערן גלעזל,
ווײַבער, ווײַבער אומעטום
יאָמטעוודיק און זייער פרום.
נאָר מע זעט דאָ ניט דעם שמיד,
נאַכמען־יאָנטעוו, — אויכעט ניט, —

בעניע, בעניע זייער זון
האָט דעם לעצטן קרעכץ געטאָן.
ווי א ליכט איז אויסגעגאנגען
אין א מויד׳עדיקן צאנקען,
מיט די פיס צום טיר ער ליגט,
פריידל שרײַט, די האָר זיך פליקט.

6

ראַשט די כאַסענע די גרויסע,
מיט דער טוירע, ראַשט אין דרויסן.
שפּילן קלעזמער פרום געשטימטע,
ניומטשיק-פידל דער בארימטער
רײַסט דאָס יידיש האַרץ פון ענגשאפט
צו דעם אייבערשטן מיט בענקשאפט,
קלאָגט אף סאָנים, בעטלט ענטפער.
און די פלייט מיט פאָנפע-טעמבער
כויזעקט פון די יידנס סאָנים.
און טראָמבאָן מיט שטאָלצן פאָנעם
טראַסקעט מיטן מעש לעהאַכעס:
וועגן הייליקן יאַדאַכעס
צווישן יידן, גאָט און רעבן,
טראַסקעט, אז מאַלאָכים שוועבן
פאָלקנווײַז, נאָר אומגעציילטע,
פאַרן פאָלק דעם אויסדערוויילטן.
ווען דאָס פאָלק פון צאָרעס פילדערט —
מאַכן די מאַלאָכים מילדער.
ווען מע בראָט דאָס פאָלק, מע ברענט —
שפּרייטן אונטער זיי די הענט.

טראַסקעט דער טראָמבאָן געהויבן.
און אין טויערן פון הויפן —

דינסטן, יונגען, אינוואַלידן
קוקן אױף די פֿרומע ייִדן.
העלנט פֿאַרלייגט, מע שווײַגט פֿאַרביטערט,
אָדער גאָר מיט ווערטלעך שיט מען.
ס׳האָבן וועשערקעס געשפּאָטן,
בייזע שטעכווערטלעך געשאָטן:
„אַ בייזוווּנדער, אַ בייזוווּנדער!״
שימקעס מאַמע טראָגט עס אונטער,
נאָר זי האַלט זיך, ווײַל איר שימקע
איז דאָך אויך פֿון די, וואָס ברימקען,
נאָר מע שפּעט און נאָר מע כוויזעקט,
נאָר סע שטעכט זיי מײַדמאַנס גרויסקייט.
עפּעס איז דער שימקע אירער
אַ פֿאַרביטערטער, פֿאַרפֿירטער,
ווי ער רעדט אױף באַלעבאַטים!
זאָל זיי, גאָטעניו, ניט שאַטן!
ס׳נאָגט זי צו די פֿרומע לײַט,
מיט די מײַדמאַנס באַ דער זײַט.

* * *

ווען פֿאַר מײַדמאַנס הויף צעפּראַלטן
האָט די סימכע זיך פֿאַרהאַלטן
און די קלעזמער גאָר געהויבן
האָבן זיך צעשפּילט אין לויבונג
און ווען כסידים האָבן אַלע
זייער סייפֿערטוירע־קאַלע,
וועלכע גלאַנצט אין פּראַכט־געוועבן,
און דעם מײַדמאַן און דעם רעבן
אײַנגעשלאָסן אין אַ קראַנץ
און פֿאַר זיי אין ליב געטאַנצט, —
האָט פֿון הינטערגעסלעך שטום,
ניט צו שטערן דעם ארום,

ווי געשעמט זיך פאַר דער טוירע,
פאַר דער סימכע, ווי אין מוירע
פאַר דער טאָג-שייַן פאַר דער פרייַער, —
האָט געשלעפּט זיך אַ לעווייַע.
שטיל, פאַרשעמט און שטאַרק געבראָכן
איז נאָך-יאָנטעוו נאָכגעקראָכן,
און דאָס ווייַבל און דער שווער,
קעפּ געבויגן טיף צו דר'ערד.
ווען די שטומע שרעק-לעווייַע
פאַר דעם סימכע-אָרט פאַרבייַ איז,
האָט זיך פריידל דול צעשריגן, —
זייַנען קלעזמער גלייַך אַנשוויגן,
האָט דער מייַדמאַן אויסגעשפּיגן, —
האָבן קלעזמער זיך צעשריגן.
האָבן קלעזמער זיך צעשפּילט,
האָט דאָס ווייַבל דול געברילט.

קאַפּיטל זעקס

## באַרג און טאָל

1

קומט שימקע אין שטיבל באַנאַכט אַ פאַרטראַכטער.
אויף שמאַטעס-געלעגער ער לייגט זיך אַ וואַכער,
מיט איבערפּולט האַרץ פון געהיימע פאַרלאַנגען, —
אויף קורצן טאַפּטשאַנדל, צעלייגט זיך אַ לאַנגער.
ער הערט צו דער מאַמעס פאַרדומפּענע קרעכצן,
זי ליגט אין אַ ווינקל אין שמאַטעס און לעכצט דאָרט.
די שייַן גייט איר אויס פון די אויגן די קראַנקע,
די שייַן גייט אַוועק און דער ווייטיק נאָר צאַנקט נאָך.

און נעבעך צופוסנס דער מאַמען, — זי שלאָפט שוין,
אין סמאָלע-פאַרטונקענעם קליידל און קאָפּטע,

אזוי ווי געקומען פון טאָג-ארבעט שווערער,
אזוי זיך ארײַנגעלייגט, שנאָרכעט זי בעריש.
זי האלט אפן הארצן א האנט א פארגרעבטע,
פון שמוציקער מי אין סמאָליארנע, צערעפּעט.

— וואָס ווילסטו זײַן,
וואָס ווילסטו זײַן,
שוועסטערקע נעכע?

— וואָס וויל איך זײַן?
באם נאָגיד א קעכן,
דאָס וויל איך זײַן.

— דער גוויר וועט דיך שלאָגן
מיט די פּאנטאָפל.
— כ'וועל דאָרטן עסן
פיש מיט קארטאָפל.

— וואָס ווילסטו זײַן,
וואָס ווילסטו זײַן,
שוועסטערקע נעכע?

— וואָס וויל איך זײַן?
באם נאָגיד א קעכן,
דאָס וויל איך זײַן.

— די גווירנטע וועט
בא די צעפּלעך דיך רײַסן!
— כ'וועל דאָרטן טראָגן
א פארטעך א ווײַסן.

— וואָס ווילסטו זײַן,
וואָס ווילסטו זײַן,
שוועסטערקע נעכע?

— וואָס וויל איך זײַן?
באַם נאָגיד אַ קעכן,
דאָס וויל איך זײַן.

— די זינדעלעך וועלן
ביזווינעס דיר מאַכן!
— אַן אָרעמע מויד
קען נאָר וויינען און לאַכן.

— וואָס ווילסטו זײַן,
וואָס ווילסטו זײַן,
שוועסטערקע נעכע?

— וואָס וויל איך זײַן?
באַם נאָגיד אַ קעכן,
דאָס וויל איך זײַן!

— די טעכטערלעך וועלן
דאָס פּאָנעם דיר שווארצן.
— וועל כ׳זיך באוואשן
מיט בלוט פונעם הארצן.

2

און שימקע, ער דרייט זיך, סע לאָזט אים ניט שלאָפן, —
אַז ס׳האָט זיך אַ נײַס אָף כידושים פארלאָפן,
ער לערנט דאָך איצטער זיך שרײַבן און לייענען
אָף קורסן באַנאַכטיקע, קורסן געהיימע.

נאָך ארבעט דער שפּעטער אין „פלוג" — אַהין גייט ער,
און נאַשט פון די קורסן, און נאַשט, און סע פרייט אים.
ער טיאָפּקעט אין בלאָטע, סע בילט פון די הויפן,
זײַן קין שנײַדט די ווינטן, וואָס פײַפנדיק לויפן.

דער הארבסט די מעמשאָלע נעמט איבער, און פּילדערט,
פּאראמט נאָכן זומער. פון זומער די בילדער
צעפּליקט ער, צעשינדט ער, אליין נעמט ער מאָלן:
די ביימער געבויגן, דער הימל געשוואָלן,
א רעגן זאָל הענגען, די הינט זאָלן בילן,
פון קריריקע ווינטן דער דרויסן זאָל ברילן.
ווי גלייך ניט געווען גאָר קיין זון און קיין שטערן, —
א כאָלעם געווען, — ניט געדאכט זאָל עס ווערן!
און דאָך גייט ארום אזא געזונט אין די ביינער:
ס'איז כיסט אף דער פריי! כאָטש סע זעט אים ניט קיינער,
נאָר פילן אים פילט מען, ער רודעוועט אום.
א סימען — די שפּיצלעך, וואָס שנאָרען ארום,
א סימען — דער ספּראווניק, וואָס שוויצט ווי א ביבער,
א סימען — ווי ארבעטער שמייכלען זיך איבער.
און פּאווליק דער לערער ווי אופגעלייגט לערנט!
ווי קלאָר ווערט די זאך פון זיין פּאָשעט דערקלערן!
— איז הייסט עס, מיר גייען אין קריג, אין געפארן,
וויל קייסער, לויד דזשאָרזש און ווילהעלם, פּואנקארע
זיך רייסן פאר מארקן, געשעפטן מיט לענדער?!
גאָר פּאָשעט! ווי מיידמאן, לעמאָשל, ווי הענדלער.
מע גייט ניט אליין, נאָר מע שיקט דאפקע יענעם.
די פּראָסטע האמוינים מע שיקט אין געהענעם...
איין מאסע די צווייטע אף טויט זאָל צעשטערן.
דערפון וועט דער רייכער פיל רייכער נאָך ווערן!
דער לערער — שוין איין מאָל א לערער! — פון יענע,
וואָס ליכטלעך צעשטעלט ער אין קאָפּ — סע זאָל ברענען.
מע קען פון אים לערנען! — און אסי, און אסי, —
זי קען שוין מיסטאמע, זי ענדיקט גימנאזיע...
וואָס פּלוצעם דערמאָנט זיך? אין הארץ שעמעריט אים.
אים דאכט, אז זי נעמט אים געארעמט און פירט אים.
אים דאכט, ער דערציילט איר, — ס'האָט כיסט זיך באוויזן
פון ערגעץ פון טורמעס, פון אונטער די שפּיזן.

באַ טשײַניקעס טיי און באַ רויכיקע ליכטלעך,
דערציילט ער פון קריג און פון שטרײַקן געשיכטעס.
און טרייבערט דעם „בונד" און ער קנאַקט די „עסערן", —
און וואָס פאַר אַ זאַכן קומט אויס פון אים הערן! —
עס טוען באַ גווירים אַ ציטער די גוידערס,
מע טראָגט צום זשאַנדאַרם־שעף דאָס האַרץ פול מיט שוידער.
„מיר נעמען אָן מיטלען, זאָגט יענער, ניט רוישן...
דאָס פאָלק איז הײַנט נערוונע, וואָס עפּעס, — איז כוישעך!
די הייסערע אײַנציקווײַז איבערצוכאַפּן
און שיקן אַהינצו!.. די דײַטשן צעקלאַפּן...
צעטעכערן זיי אין בײַפּראָנטישע טיילן,
און זאָלן די דײַטשן די קעפּ זיי דאָרט היילן...
די אַנדערע... האַלטן דערווײַל אין רעזערוון,
דעריקער ניט רייצן, דאָס פאָלק איז הײַנט נערוונע".
סע רודערט אין טאָל, סע צעקאָכן געבליטן, —
סע קומען אַלץ מער און אַלץ מער אינוואַלידן.
און רעדלעך אין מאַרק און בלעטלעך פאַרשפּרייט מען,
און גרויס' עפּעס טוט מען, און גרעסערס נאָך גרייט מען.
„ווען ציפּרוס, טראַכט שימקע, פאַרשווארצט ניט די יאָרן!
„אַ קענער אַזאַ מין אַ וועלט אויסגעפּאָרן".
נאָר הערט קוים די טײַערע רעדעס פון כיסטן
און דרייט מיט די ווילשע אייגלעך די וויסטע.
און טוט אַזאַ זאָג, — גלײַך אין האַרץ וואָלט פאַרפאָרן, —
אַז ס'קומט באַ אים אויס, אַז מיר טויגן אף גאָרניט!"
סע שלאָפט זיך ניט שימקען, סע טראַכט זיך און גאָר!
מעשונענע זאַכן אים שטעלן זיך פאָר:
פון באַרג שפּאַנט אַ יעגער, אין האַנט אַ נאַהײַקע.
ער לאָזט זיך אַראָפּ אינעם טאָל ווי פאַרדײַגעט.
מעשונע, — ס'איז דאָדיקן! וואָס קומט ער דאָ זוכן?
און שימקע קוקט נאָך, ווי ער קוקט אף דעם ברוכוואַרג
און קרימט זיך, — דאָס ערשטע מאָל זעט ער מיסטאַמע
אַזויפיל פאַרפּינצטערטע מענטשן צוזאַמען!

אזויפיל קאַנורעס, בא דר׳ערדיקע כאטעס,
און קינדער אזויפיל — נאָר ביינער אין שמאטעס.
ווער האָט זיי באזעצט אין די גוואדזיקע מיסטן,
מע ארבעט דאָך שטענדיק, איז ווו די פארדינסטן?
ס׳איז ארבעטער, הייסט עס, פאר זיי האָט מען מוירע!
פון דאָ, הייסט עס, גייט צו דעם בארג מאַרעשכוירע?
פארוואָס זייַנען שטיבלעך אין בלאָטע פארזונקען? —
עס גליטשט זיך דער שוך, ניט געווינט צו דעם טונקעניץ.
ער קוקט אין א פענצטערל, אסין דערבליקט ער,
און ווינקט איר: — קום גיכער, וועסט ווערן דערשטיקט דאָ.
דאָ קוקן אזויפיל גאזלאָנישע בליקן,
דאָ קאָן מען א כאפּ טאָן אזוי און דערשטיקן...
נאָר ס׳רירט זיך ניט אסי, די אויגן די גרויסע
זיי קוקן אריבער דעם מייַדמאַן, אין דרויסן,
זיי קוקן אין וויַט, זייער טיף איז אָן סאָף, —
אזוי זעט עס שימקע און פליט אינעם שלאָף.

* * *

און אָט אין דער נאכט איז פּאָליציע געקומען
מיט ביקסן אין טאָל, אין די שטיבער די קרומע.
און מענטשן פארנומען אין אייַלעניש גרויסער,
געפירט זיי צום בארג איבער פינצטערן דרויסן,
און צווישן באיאָרטע פון סוינע פארינגלט
גייט אויך אונדזער שימקע, דאָס אויסגעדארט יינגל.
סע דרייט זיך דער קאָפּ אים, סע נייגט צו כאלאָשעס:
מ׳האָט איינעם א כאווער דאָס פּאָנעם צעיושעט...
דער כאווער אף הענט די זשאנדארמישע הענגט,
אן אויג אופגעריסן, אין בלוט זיך סע שווענקט. —
פון דעם קערט זיך איבער אין שימקען די גאל,
אָט-אָ, און ער טוט אין כאלאָשעס א פאל...

קאַפּיטל זיבן

# די סימכע

1917 יאָר, פעווראַל־רעוואָליוציע

## 1

סע רוישט און סע קנאַקט. צו די מײַדמאַנס פאַרפאָרן
באַפּעדערטע דאַמען, פאַרשוינען מיט שפּאָרן,
די מענטשן די שענסטע, די שטאָט-ליבעראַלן,
וואָס זײַנען פאַר גלײַכהײַט, פאַר פרײַהײַט אַלע.

די מײַדמאַנס מיט פירער פון לאַנד זיך באַהעפטן,
מע טוט איצט א פּלי צו גאָר גרויסע געשעפטן!
מע גייט איצט אין שוּתּפעס אַף רײַכקײַט און ערע,
א זינדל זיי גיבן אַף פּראָפאָרשטשיק ווערן,
א טעכטערל אין באַטאַליאָן פון די דאַמען —
די סאָנים דעם צוטריט צו אונדז צו פאַרצאַמען.
און ענגער צום פאָלק, וואָס באַהערשט איצט די גאַסן:
דעם זון מיט א דאָרפישער טאָכטער פאַרקנאַסן,
און ווערן מיט דאָרף-מענטשן פּראָסט מעכוטאָנים.

אַזוי האָבן מײַדמאַנס געווענדעט דאָס פּאָנעם
צום ברייטן האַמוין און אַף גוט זיך באַרעכנט,
אַז איצט, ווען דער ייִד איז שוין אויך פולבאַרעכטיקט,
וועט דאָדיקס דער דאָרפישער קינפטיקער „שווער" —
פון פּראָסט אַרענדאַטאָר א פאָרעץ דאָך ווערן!
און ס'קאָן דאָך די מײַדמאַנס אוואַדע ניט שאַטן,
אַז דאָדיק זאָל קריגן א גוט אײַנעם נאַדן,
און בלײַבן דער יוירעש פון דאָרף-באַלעגופים,
וואָס האָבן געזאַמלט, געזאַמלט אָן אויפהער.

און אויב דאָרט דאָס דאָרף-מיידל אסי זיך קווענקלט
און וויל ניט דעם כאָסן, — איז עמעס, סע קרענקט זיי
א ביסל, די מיידמאנס, מע מאכט זיך, מע ווייסט נישט.
די קלעזמער באשטעלט מען און גרייטן זיך הייסט מען.
דער כאָסן נאָר בייסט זיך אין אנגסטן די ליפּן.
און קוקט אף אים קיינער ניט — כאַפּט ער א כליפּע.
די מיידמאנשע האלט זיך קוים איין ניט צו שרייען.
זי ווערטלט זיך שטיל וועגן יכעס דעם נייעם.

און קאָן לאָזט פארבעטן זיך צו דעם קארעטניק,
און יענער זיך לאָזט צו די מיידמאנס פארבעטן.
און ס'לויפן שטאָפּעטן אין דאָרף פון די גווירים,
מיט בריוו-ווינטשעוואניעס, מיט אָנזאָג אף צירונג,
און קאָן צום קארעטניק, קארעטניק צו קאָנען.
ס'וויזן דערוויל זיך אין שטאָט מעכוטאָנים.
מע גייט איבער קראָמען, מע נייט זיך, מע גרייט זיך —
דער אָנזאָג אף סימכעס אין הערצער צעגייט זיך.
אָט וועט מען נאָך מער די געשעפטן דערפרישן,
אריינגיסן דאָרפישן גוטס און פארמישן, —
אז בליען זאָל ווייטער דער מיידמאנשער נאָמען,
מיט גיטער, גילדייצעס, מיט דאָקטער-דיפּלאָמען.

איז דארף מען לעקאָוועד דעם שידעך דעם נייעם
און אויכעט לעקאָוועד דער גווירישער פריַיהייט
א וויַיז טאָן א סימכע, נאָר ביז צו די שטערן, —
די פריַיהייט, און דאָדלען מיט אסין בארערן!

דער רעבע אליין נאָר באדויערט דעם קייסער.
און ווייטער אין שולן אים רימען געהייסן:
— עס האָט אָנעם קייסער קיין טאם ניט דאָס לעבן —
אזוי ווי די יידעלעך אָן זייער רעבן.

2

דרײַ טעג און דרײַ נעכט
האָבן סאַרווערס געוואַכט,
פון קראָמען די שענסטע
געווירצן געבראַכט.

און דינסטן די קוישן
פון מארקן געשלעפּט,
פאַרגרייט און געפּאָרעט
מיט ריזיקע טעפּ.

איין קיך איז געוואָרן
פון גווירישן הויף, —
דאָ באַקט מען, דאָ קאָכט מען,
דאָ פלעכט מען צונויף.

איין קיך איז געוואָרן
דער פּריצישער הויף:
מיט גלײַיקע אויוונס,
צעדולטן געלויף.

סע זידט און סע פּרעגלט,
סע פלאַמט און סע פּלייצט:
די קיך-לײַט, צעגליטע
פון פײַער, צערייצט.

די סאַרווערס, די מײַסטערס,
באַם פײַער די קעפּ,
אין פאַרטעכער ווײַסע
זיי קישעפן טעפּ.

אליין שוין פארקישעפט,
פון רייכעס שוין זאט,
זיי שוועבן מיט בעקנס, —
די פענעמער מאט.

און גענדז ווערן בײַכיק
מיט עפל געפולט.
אָט טאנצן אף בעקנדלעך
מאנדלען צעדולט.

און קוגלען מיט גריוון
זיך העצקען אין פעטס,
און כרעמזלעך אף בעקנס,
און שטרודלען אף טעץ.

גאָלדענע יויכן,
פון קעסלען א רינג
און קיכלעך אף בעקנס,
ווי פייגעלעך גרינג.

די שפּײַז־אראָמאטן
און דופט פון געווירצן, —
שפּאצירן אין זאלן
אין אלע דעם גווירס.

און רייכעס און רייכעס
פון פרעגלעכץ און ווײַן,
די גאסן די נאָענטע
וויקלען זיי אײַן.

— ניט שפּאָרן, ניט קארגן! —
באַפעלט די מאַדאם,

אליין פרוווט זי אויסעט
פון אלצדינג דעם טאם.

אליין האָט פארקלערט זי
פון טאָרט דעם געביי:
דעם טאָרט, וואָס געווידמעט
די גליקלעכע דריי:

דער נייער מעלוכע,
דער קאלע, דעם זון —
דער טאָרט זאָל באערן
דעם דרייפאכן בונד!

פון ווינקעלערס קומט מען
ארויס און אריין,
די פראָבעס מע ברענגט
צו פארזוכן דעם ווייַן.

דערוף האָבן מיידמאנס
דעם פעטער באשטימט,
ווייל קאָן איז אלס מייוון
דער פיינסטער בארימט.

איז פרוווט ער, פארזוכט ער,
סע פינקלט דער וויין,
סע צמאָקעט דער מייוון —
און מייוונט אריין.

ער לאָזט זיך דערנאָכדעם
טיר-איין און טיר-אויס,
א ווינקל ער זוכט זיך —
א דרימל טאָן בלויז, —

דאָס מויל מיט מעסיקעס
א דיכטער ציטירט,
ער קנאַקט מיטן פינגער
צום טאַקט פונעם שיר.

דאָס צימער אָט איז,
וואָס דער קאַלע פאַרגרייט,
די טיר ער צעעפנט
און שמוכעדיק שטייט.

די טונקלקייט דופּטיק —
אַף ליבע זי גאַרט,
— א, כאַפּן א דרימל...
דאָס בעטל איז צאַרט.

נאָר פּלוצעם דערזעט ער
אין שאָטן געהעפט
סע שטייט דאָ דער כאָסן!
איז בלייבט מען געפּלעפט.

מע נעמט איינס דאָס צווייט
אַפן שטומען פאַרהער:
„קוזען מײַנער!” „אָנקל!”
„ווי קומט מען אהער?”

און קאָן זאָגט: — ניט זאַרגן,
זי ליבט דיך, געוויס... —
א גרויל כאַפּט אָן דאַדלען
פון קאָפּ ביז די פיס.

אין לירישער שיקרעס
הייבט קאָן אוף דאָס קאָל,
און דיכטונגען דופטן
ווי רויזן אין טאָל:

אלעקסאנדער און צעזאר, און פרידריך, און הענריך די גרויסע
וואָלטן מיר האלב אָפּגעגעבן פון זייער דערוואָרבענעם רום,
פאר איינער א נאכט מײַנער דאָ אף מײַן שלאָף-אָרט,
אָבער די אָרעמע, נעבעך, סע האלט זיי די קראפט פונעם אָרקום
דעם שטרענגן.
איז פריי זיך, דו לעבעדיק-וואכער, מיט די ליבע דערוואַרעמטע
ערטער,
איידער די שרעקלעכע לעטע דײַן פליענדן פוס האָט געפאנגען![1].

3

די קלעזמער-קאפעלע —
א וואָך זיך געגרייט,
די גרויסע קאפעלע —
צו גווירישער פרייד.

אין הארטע מאנישקעס,
ווי בלעכן געפרעסט,
מע איז צו די מײַדמאנס
אריבער אף קעסט.

אין זאל אין געפוצטן
מיט שפיגלען און בעז,
שטודירט די קאפעלע
די טענץ און מארסלעז.

[1] פון געטעס „רוימישע עלעגיען", 10־טע עלעגיע.

די וועשערן מאַלקע
אויך זי איז פאַרטאָן:
זי וואַשט און זי רײַבט
און זי טראָכט וועגן זון.

מע האָט אים געמישפּעט,
מע האָט אים געשטיקט.
מע האָט אים דערנאָך
אויף מילכאָמע פאַרשיקט.

אַז ווי איז דער מאַמען —
דאָ ווערט זי גאָר בלינד.
אוי, איין מאָל נאָך זען אים,
כאָטש איין מאָל איר קינד.

קיין בריוו ניט, קיין וואָרט ניט,
ווער ווייסט, וווּ ער איז.
ער זאָל דאָרט, כאָלילע,
ניט אָפּשנײַדן מי'ס.

זי זעט אים אין גריבער
אין מאַטערניש גרויס,
זי זעט אים אין פײַער, —
געבראָכן ער פויזט.

זי זעט, ווי ער פאַלט
מיטן פּאָנעם צו דר'ערד.
און כאָרכלט פון בלוט.
דוכט זיך, „מאַמע" זי הערט.

די זאָלן די מײַדמאַנס —
אין אַשרעס געציירט,

די טישן די מײַדמאַנס —
מיט זילבער סערווירט.

דערשײַנט נאַכמען-יאַנטעוו,
די באָרד איז צעקעמט,
דער לעטניק — פאַרגאַרטלט,
און פריש איז דאָס העמד.

מיט כסידים — א כאָסיד,
מיט ווײַבלעך — גאַלאַנט,
מיט קלעזמער — א קלעזמער,
מיט סאַרוועדס — איין האַנט!

א לעצל פון כויזעק
אף ליפּ זײַנער העגנט.
אוווּ ער בלײַבט שטייען —
א פריילעכקײַט ברעגנט.

און געסט שווימען ראַשיק,
עס הייבט זיך שוין אָן
און יעדער באַוווּנדערט
דעם אויבנאָן.

סע זײַנען באַערן
געקומען אליין
די פירער פון פּאַרטייעס,
קלימענקאָ און קריין.

די שטאָטישע מאַכט.
אין מונדירן פול כיין.
נאַטשאַלניק קלימענקאָ.
נאַטשאַלניק קריין.

און לינקס זיי די קאַלע,
דער כאָסן — רעכטס —
פאר זיי אין די וואזעס —
דאָס שענסטע געקעכטס.

אין זילבער-קרישטאָלן,
אין איידלען סערוויז, —
א ביסל די קאַלע נאָר
טרויעריק איז.

מיסטאמע פון פריידן,
מיסטאמע פון גליק,
זי שמייכלט צו יעדן,
נאָר אומעט אין בליק.

מאדאם טאניע מייַדמאן
אין ווירדע געצירט,
ווארפט אומבאמערקט כשאדיקע
בליקן אף איר!

— וואָס איז זי, די דאָרפס-מויד,
בא זיך אזוי גרויס,
וואָס מיינט זי, די דאָרפס-מויד
מע גייט נאָך איר אויס? —
נאָך איר און איר ג׳זינדל:
דער גראָבער „מאַמאַ",
און דאָרפיש-גראָבהענטיקן
ווילדן „פאַפאַ",
— וואָס זיצן געפּלעפּטע, —
געשען זיי דער נעס!
מיט פינגער פארגרעבטע
קוים-קוים וואָס מע עסט —

סע צווימט מאדאם מייַדמאַן
איר אופגערעגט בלוט,
צום מאַן קוקט אריבער, —
פארשטייט מען זיך גוט.

עס כאַפּט אָבער איבער
דעם גווירישן בליק
אבראַם דער קאַרעטניק
און ווערט שיר דערשטיקט.

דער קאַלעניוס פעטער,
ער זעט עס, געדענקט,
סע פּיקט אים די לעבער
זייַן קאָוועד סע קרענקט:

— זיי פאַסט ניט דער ייִכעס, —
א בראַנד זיי אין בויך!
אבראַם דער קאַרעטניק
וויל אויך אין דער הויך! —

צערייצט ער אליין זיך,
און מאַכט זיך קאַראַש, —
און טרינקט אַלץ און ליידיקט
א פלאַש נאָך א פלאַש.

א וואָרט וועט ער זאָגן,
און קיינעם געשווינט: —
מי סאָמכאָ, לייַדאַקעס —
ווער האָט אײַך געקרוינט?!

א וואָרט מוז ער זאָגן,
און טאָן זיי א שלעפּ,

זיי זאָלן א בייג טאָן
צו אים מיט די קעפּ.

ער הייבט זיך קוים אופּעט:
— כ׳ל זאָגן א וואָרט,
כ׳ל זאָגן... כ׳ל זאָגן, —
און קען ניט פון אָרט.

אזש טרערן דערפילט ער,
די שוואכקייט ער טרייבט,
מיט הענט אין די טאשן
דאָס לייב זיך ער קנייפּט.

די קלעזמער אים שטערן —
וואָס בילן זיי דאָרט?
אבראם דער קארעטניק
וויל זאָגן א וואָרט!

זיי האָבן געשוויגן,
ווען קריין האָט גערעדט,
ווען קאָן האָט פון קאלעס צאד
איידל געשפּעט, —

איז זאָלן זיי איצטער,
אנשטומט ווערן באלד!
הערט אוף, קלעזמערוקעס! —
זיי זעצן א גוואלד!

סע רוישן די קלעזמער, —
מע לעקט אָפּ א ביין.
און ניומטשיק דער פידלער
קאסירט היינט אליין.

א צײַטלאנג געווען איז
קאסירער דער באס,
איז פלעג ער צו אַפּטלעך
ארויסגיין אין גאס.
און פראָסט אלפי-טאָעס
פארוקן אַן ראש —
פון אלעמענס קעשענע —
זיך אין דער טאש.
איצט קוקן די קלעזמער
אף ניומטשיקלעס טאש,
עס קלײַבט זיך, עס קלײַבט זיך
א פײַנער קורטאזש!

דער באס פירט אף קלעזמערש
דעם כעזשבן געהיים:
„באקער, פיקסלעך, דעצן:
ספּען דעצן סטראָם קליין...״

ר׳איז ניומטשיקן כוישעד
אין שלעכטע קאוואָנעס:
— ניומטשיק, גייסט פ...
איז פ... מיט ראכמאָנעס.

צעהיצט זײַנען קלעזמער
אין שיקערן גלאנץ,
זיי פלעכטן די פריילעכס,
מארסעלעזע און טאנץ.

סע ברומען די קיילים
פון שיקערער שפּיל. —
מע שפּילט נאכמען-יאָנטעוולען
דאָס, וואָס ער וויל:

— דעם כאַסנס א שטעקל,
דער קאַלעס א פלעקל,
דער אדיר פון אַן,
דער גוויר פון אַצעקלאַץ,
נאכמען-יאַנטעוול טאם —
ווער טאנצן מיט מײַדמאן מאדאם!

א ריס טוט קאפעלע,
א טראַוועדיקס ציט,
סע פירט נאכמען-יאַנטעוו
די דאמע אין מיט.
אין זײַד, אין בריליאנטן,
באוועגט זי זיך שווער, —
זי קוקט מיט א שמייכל
אף איר קאוואלער,
וואָס שטרעקט זײַן פאטשיילע,
זײַן רויטע איר אויס,
און דרייט זיך און נייגט זיך
אנטקעגן איר גרויס.

און קיינער גאָר זעט ניט,
ווי שווער ס'איז דעם כאַסן.
ער רעדט צו דער קאלע,
ער טײַנעט פארדראַסיק. —

און זי — גלײַך זי הערט ניט,
און ניט צו זײַן זײַט.
זי קוקט און זי שמייכלט
צום עולם, וואָס שרײַט,

וואָס פרייט זיך, און פלוצעם,
צום כאַסן א וואָרט.

ער בלײַבט א דערשטױנטער,
און זי פּונעם אָרט,

זי לאָזט זיך, א בלאַסע,
דאָס טיכל באַם מױל,
די אױגן די גרױסע —
זײ קוקן מיט גרױל.

זי אײַלט צום ארױסגאַנג,
מע שטעלט זי ניט אָפּ,
זי אײַלט, — אױ, װאָס איז'דעס,
זי לאָזט זיך אראָפּ.

א טומל געװאָרן:
— דאָ עפּעס ניט גלאַט!
א שטופּעניש: — װאַסער!
א שושקעניש: — שאַט!

געפינט דער קאַרעטניק
די שװעסטער אין זאַל:
— די רעגע אװעקפיר
די קאַלע!.. סקאַנדאַל! —
דאָס רױמט ער אין אױער, —
און באַלד אפן קאָל:
— אנו, קלעזמערוקעס,
א טוש מיטאַמאָל!

די פלײטן, טרומײטן
פאַרדרײען די טענץ,
און שערן זיך װאַרפן
װי זײַדענע פרענדז, —

פארליבט איז די פידל,
פארשיקערט די פויק, —
איז אלץ, וואָס זיי שפּילן,
שוין גוט און סע טויג.

די ערשטע פּאָר פידלען
פון פּרימע אראָפּ,
די צווייטע, סעקונדע,
צו פּרימע לויפט אָפּ.

עס וויל ניט די קאלע
דעם כאָסן — איז וואָס?
א טאנץ נאָך א טאנץ,
און א קאָס נאָך א קאָס!

באפעלט מאדאם מייַדמאן:
— די טאָרטן דערלאנגט!
די נוס-שאָקאָלאדנע
צום דראָשע-געשאנק!

סע לויפן די סארוועךס,
נאָך-יאָנטעוו — נאָך זיי,
מע לויפט אינעם צימער
צום טאָרט-גאלעריי,

וואָס רוט אין א קאסטן,
און היטן אים היט
די וועשערקע מאלקע.
פארמאטערט און מיד,
די קני צו דעם פּאָנעם —
זי שלאָפט אפן דעק,
סע קומען די סארוועךס,
מע רייַסט זי, מע וועקט.

נאָר שטאַרק איז איר גופֿל
אין שלאָף-קלעם פאַרקלעמט, —
איז הייבט מען זי אויף
מיטן דעק און מע נעמט.

עס גייט נאַכמען-יאָנטעוו,
די זאַלן ער מעסט,
ער שרייַט אויף א קאָל
די באַשטעלונג פון געסט:

— דעם כאָסנס א פעטער,
מאָסיע בלומענבלעטער,
דער גוויר פון אַלשאַן,
זאָל מאַרעך-יאָמים זייַן,
א גוטס און א פייַנס,
און א ווילס —
אופגעשפילט!

און באַלד קערט ער איבער:
— דעם פעטערס א כאָסן
דאָסן, וואַווירן,
פון ייִכעס און גווירן
דער שווייַן פון אַלשאַן.

סע טוען די פלייטן
א ריס זיך אַרויף,
און גאַנצער אָרקעסטער
נאָך זיי אין געלויף.
דאָס פייַער פון אויסרוף,
די פרייד פונעם שפּיל,
געווענדט זיך אין אָפּצאָל
צי ווייניק צי פיל,
געווענדט זיך אין אָפּצאָל,
אין ייִכעס דאָך אויך,

אָט זאָגט ער צעקראָכן,
ווי זיך נאָר אין בויך:
— דער קאָלעס א פּעטניק,
אבראַם דער קאַרעטניק, —
א פּיַינס אופגעשפּילט.

און אומגעריכט, פּלוצעם אַן אָנפלי פון רײַטער,
א רײַטער-אָטריאַד אינעם הויף צו די מיַידמאַנס.
— וואָס איז דאָס פאַר רײַטער אין שטיקלעך אָבמאָטקעס?
דער זונו פּאַכאָמעס! און לײַט פון סלאָבאָדקע!
און פּרויעם דעם סטאָליערס, א גאַנצע כאַוורײַע!
ווער האָט אָט די שלעפּערס געגעבן קלייזיַיען?
ווער וואַגט עס, ווער זײַנען די באָרוועסע שיסער,
וואָס וואַגן די מיַידמאַנס די סימכע פאַרמיסן?
— נאַטשאַלניק!
נאָר קריין און קלימענקאָ — פון זאָל ניט געוואָרן.
ווערט שטיל מיטאמאָל און מע הערט נאָר די שפּאָרן
פון שימקען, וואָס שפּאַנט צו די מיַידמאַנס דאָרט אויבן.
ער זאָגט אַף א קאָל, גלײַך ער ווענדט זיך צו טויבע:
— הערט אויס אונדזער ערשטן באַפעל צום דערפילן! —
נו, פּרויעם, נעם מאַך זיי נאָר קלאָר, וואָס מיר ווילן.

— אין נאָמען פון אַרבעטער-פּאָלק — פּאַרטיזאַנער,
באַפעלן מיר אײַך זיך פאַרנעמען פונדאַנען.
איז גייט, גאָספּאָדא, אָט מיט גוטן מיר בעטן,
די סאַרוועַרס נאָר בלײַבן אַלץ ווײַטער צו גרייטן.
סע זאָלן די סאַרוועַרס און מוזיקער ווײַזן —
ווי אייגענע לײַט זיי באַדינען און שפּײַזן.
אָט קומט אונדזער פּאָלק אָן אהער אַף קוואַרטירע,
מיר וועלן די סימכע אַליין שוין דערפירן.
עס פאַלן כאַלאָשעס פיל דאַמען און הערן,
דערוואַכן פון גוואַלד און פון שיקרעס דעם שווערן.
ס'איז דול דער קאַרעטניק, ער הערט ניט אוף שטוינען:

— דער מענטש, וואָס באפעלט, איז דאָך שימקע!.. ריבוינע!..—
צעדולט דער קאַרעטניק, די האָר ס'ווילט זיך רײַסן, —
אָט וועט ער די מײַדמאנס א מוסטער באווײַזן,
ווי ס'דאַרף באלעבאָס מיט זײַן ארבעטער רעדן!
וואָס לאָזן זיך מײַדמאנס פון שאָלטעקעס טרעטן?!
אָט טוט ער דעם שימקען א נעם פאר די לאצן —
און אלץ, און זײַן גאנצע קאָמעדיע וועט פלאצן!
וואָס מיינען די באָרוועסע, לאָזן זיי, וואָס,
צו ווערן אליין איבער אלץ באלעבאָס?!
— מי סאָמכאָ! ווער האָט אײַך געקרוינט, — וועט ער זאָגן...
נאָר אָט, און אים דאכט זיך, — דאָס הארץ הייבט אָן טראָגן,—
דאכט, שימקע דערזעט אים און גייט אים אנטקעגן, —
באפאלט אים א שרעק, גלוסט זיך נעמען דעם וועג באלד.
איז דרייט ער זיך אויכעט ארײַן אין געמויזעכץ,
און שרײַענדיק שטופט זיך אין טיר צום אינדרויסן.
פון געסט איז אין דרויסן קיין סאך ניט געבליבן.
— מיר זײַנען — שרײַט קאָן — פון גאניידן פארטריבן!..
היי, נאכטיגאל-קלעזמער, פאָרויס מיט טרומייטן!
איר זאָלט איצט די מײַדמאנס צום פאָרעך באלייטן...
נאָך שטארקער געשפילט, זאָלן פריצים דערהערן
און קומען אף הילף און א כאַיל זאָל ווערן!
געוואָלט רעוואָליוציע, אָט האָסטו... — אָט האָסטו...

סע שלעפט זיך א שיקערע, רײַכע כאליאסטרע,
מע שלעפט זיך צום בארג מיטן קלעזמערשן רומל.
פארטאָג איז און קיל, נאָר ס'ברענט א שטיק הימל.
— סע בראָט און סע ברענט, אוי וואָס טוט זיך דאָ, כלעבן...
היי, קלעזמערוקעס, איז פירט אונדז צום רעבן!

סע ווערן די מײַדמאנס פון ניכטערער ניכטער,
פיל מענטשן זיי זעען, — די פענעמער ליכטיק.
סע קומען ארמייער מיט פערד און מיט וועגן.
און דאָרט פון די געסלעך — מע לויפט זיי אנטקעגן.

ווי שירקע די קאָוועלקע שלעפּט איר וואָלף-בערן
און פּליעסקעט אנטקעגן, — די געסט צו באערן.
נו, זעט, ווי די שירקע פון נאכעס קוועלט אָן
און שלעפּט איר וואָלבערן אריַין אינעם קאָן!

אוי, גאָט, וואָס געשעט דאָרט? אוי, זעט נאָר, ס'איז ראָני!
דאָס וויַיב דאָקטער קריינס! פון זינען אפּאָנעם!
ניט אנדערש די וועלט קערט זיך איבער און גאָר —
זי שפּאנט מיט די ביַידלעך — אָף איר אזא יאָר!

ווי גליַיך מ'האָט געוואכט און געוואַרט פארבאהאלטן
און איצט מיטאמאָל זיך באוויזן צעשטראַלטע,
פון עטלעכע זיַיטן, מיט ביקסן, מיט פאָנען,
מע שפּאנט און מע לויפט, און דער טאָג הייבט זיך אָנעט.
א סימכע קומט אָן און א סימכע פארענדיקט,
ווער ניכטער געוואָרן, — דער רוקט צו די ווענט זיך.
וואָס האָט זיך געטראָפן? וואָס האָט זיך פארלאָפן?
וואָס זיַינען די קלעזמער אהיים זיך צעלאָפן?
אליין נאכמען-יאָנטעוול איז נאָר געבליבן.
דעם קאָפּ אין א זיַיט, און די הענט זיך געריבן.
געוויגט זיך, געבוקט זיך, באדויערט די גווירים,
מיט שיקערן קעלכל באקלאָגט זיי: — אדירים!
עס איז מיר אָף איַיך אזא ביטער ראכמאָנעס.
א ביטער ראכמאָנעס, אָף איַיך, בענעמאָנעס,
איך קוק אָף איַיך דאָ, און דאָס הארץ טוט מיר קלעמען, —
פארוואָס קומט איַיך, נעבעך, אזוי צו פארשעמען
די מיַידמאנס, די מיַידמאנס!.. איַי, אייל מאָלע ראכמים!
נאָר טרייסט איַיך! — מאכט יאָנטעוול! — טרייסט איַיך! —
מאכט נאכמען.
צום רעבן לויפט באלד! — ער וועט קריגן ראכמאָנעס,
און אויסרופן וועט ער פאר קאָהאָל א טאָנעס...

קאפיטל אכט

## געזעגעניש און באגעגעניש

1

ווען ער גייט דער יאט דער שטאלטנער,
שימקע פון דער ראקאָווקע,
דער-טאָקער-יונג פון „פלוג“:
אין די ברייטע פלודערן,
אינעם שווארצן לעדערל,
אינעם שמויסן היטל, —
ווען ער גייט דער יאט דער שטאלטנער,
מיט זיין זיכער-הארטן שפאן,
אף א רימען איינגעפּעסט
העגנגט זיך דער נאגאן,
וויגט זיך דער קינזשאל,
א שארפער אינעם שיידל, —
און אין בוזעם-קעשענע
די קאַרטעטשקע פון מיידל,
און א לאנגע שווערד
ביזקל צו דער ערד:
ווען ער גייט אזא מין יאט, א ריז.
און עסריידן שפּאָרן,
שווערד און שפּיז,
און דאָס פּאָנעם ברוין און גרויס,
און דער האלדז איז ברוין און בלויז, —
גייט ער דעמלט
פון דער שטאָט, וואָס אפן בארג,
צו דער שטאָט, וואָס אינעם טאָל, —
צו דער מאַמעס הויז.

* * *

ווי ער שפּאַנט זיך אַזוי פריי
הויכע מויערן פאַרביי.
— מויערס, מויערס,
וואָס געטראָפן? —
די פּאַראַדנעס אַלע אָפן,
די פּאַראַדנעס אופגעמאַכט,
מיט די מירמל־טרעפּ מע לאַכט!

— ווי זשע לאַכט מען ניט, אַז אָט:
ערשט געמעגט האָט דער „נאַראָד"
נאָר אַף אונטער־טרעפּ אַרוף, —
איצטער, איבער די פּאַראַדנעס —

אָפּ־און־אוף, אָפּ־און־אוף!
טו אַן עפן אוף אַ טיר —
קומט אַ פריינט אַנטקעגן דיר.

2

אונטער גרינעם באַרג,
אין טיפן טאָל,
אין טיפן טאָל, —
שטייען דאָרט קאָנורקעס אָן אַ צאָל,
און ביינערבראָך פון קעץ און הינט,
און אַ שימל־ריטשקע רינט.
אַ דעכל פוילס, און ווענטלעך בלויז —
און שימקע שטייט אין מאַמעס הויז.

איז די מולטער אומגעקערט,
זעצט ער זיך אַנידער,

און די שוועסטער נעכע
שטייט אנטקעגניבער.
פינטלט מיט די קלוגע אויגן,
דרייט די אַדערדיקע הענט,
און זי שטייט אזוי פארשעמט.

— מאמע, כ׳בין געקומען
מיט דיר זיך צו געזעגענען.
— שוין ווידער זיך געזעגענען?
מיט ראַצכים זיך באגעגענען?
בלײַב, מײַן זון, מיט אייגענע.
אין דר׳היים דיר עפּעס פעלט?..
— מאמע, יאָ, מיר פעלט,
מיר פעלט די גאנצע וועלט!..

גייט די בלינדע מאמינקע,
רוקט זיך צו אים צו,
ברימקעט עפּעס ברומבלדיקס,
נעמט זיך עפּעס טאָן:

שפּיליעט אים די קנעפּלעך אָפּ,
פונעם אייבערשט העמד:
נישטערט דאָרט מיט דארינקע,
ציטערדיקע הענט.

רוקט ער איר א שטריקל צו,
נעמט זי עס און האלט:
זי מיינט ס׳א טאַלעסקאַטן,
ווערט בארויִקט באלד.

— כ׳האָב פאר דיר א קאלע,
זונעניו, פון גאָט.
וואָס וועסטו זיך שלעפּן
אייביק נאוועגאַד?

— מאמע, וואָסער קאַלע,
וויל דען אזא-אָ? —
נעכע, מיידלעך נארישע
זײַנען דען נאָך דאָ?
כ'קען א ווײַב דען שפּײַזן? —
כ'בין אזוי געמיין,
כ'האָב א קראָם פון אײַזן? —
נעכע, זאָג אַליין...

— נאדן האָט די קאַלע,
שטעל דיר א געשעפט.

— נעכע, הערסט די גליקן?
נעכע, כ'בין געפּלעפט...

— הער זשע. זי וועט מאכן
א לײַט פון דיר, וואָס דען?
געשטעלט איז זי, און עלטער
פון דיר מיט א יאָר צען.

זי וועט אף גוטע דראָכים
פירן דיך, מײַן זון,
זאָל די וועלט נאָר שטיל זײַן,
קאָן מען עפּעס טאָן...

טאפּט זי דאָס געווער זײַנס,
הערט זיך צו דעם צו:
— דארפסט עס אף קאַפּאַרעס,
באָכער, איינער, דו! —

טוט א שטעל זיך שימקע,
ענטפערט פריילעך אָפּ:

— קעגן וויסטן לעבן
גיי איך מיטן קאָפּ.

דיר וועט, מאמע, גוט זײַן,
גליקלעך פון אצינד.
טויטן די בורזשויען
אָט די פּעטע הינט! —

טוט א בייג זיך שימקע
ס׳היטל כאפּט אראָפּ:
נישטערט אין די טאשן, —
גיט דער מאמען אָפּ:

— קאָך זיך דיר א ייַכל,
מאמינקע, פון הון.
היט דיר דייַנע קויכעס,
ווארעם זיך אף זון.

— גיי שוין, וואָס דו בעבעסט,
בעסער שוין דער טויט, —
אז סע טוט פארזיצן
אזא גאָלד א מויד.

— ווער פארזיצט דען, מאמינקע?
וואָס אי׳דאָ צו קלאָגן? —
וועסט נאָך אין די דייַניקע
גרויסן נאכעס האָבן.

נעכע צו אים שמייכלט,
מיט די אויגן קוועלט:
— וואָס מאכט עפּעס דייַן צירל?
א שיינע, ווי די וועלט!

כ׳האָב באַגעגנט בוצלען,
ער האָט צו דיר א טײַנע,
כ׳זאָל דיר איבערגעבן,
אז צירל איז שוין זײַנע...

שימקען אי׳ דאָס פריקרע —
און ער קערט זיך אָפּ...
צו דער מאַמען נאָענט
בייגט ער אָן דעם קאָפּ.

אוי, אזוי מעוווּלבל
איז זײַן קאָפּ געבויגן: —
אוי, אַן אנדער בילד גאָר
שטייט אים פאר די אויגן.

אוי, אַן אנדער מיידל
האָט זײַן האַרץ פארבלענדט.
שימקע דעקט דאָס פּאָנעם צו
מיט דער מאַמעס הענט.

— הער מיך אויסעט, זונעניו,
גיב מיר צו פארשטיין:
אז שלאָגסט זיך מיט דער וועלט,
צו וואָס וועסטו דערגיין?

— מיר ענדיקן און קומען
אין טאָל אין טאָג א שיינעם.
גריס דערווײַל די גוטע-פרײַנט,
די קרוויווים און די שכיינים...

מאַמע, ווען זשע קלײַבסטו זיך
אפּן באַרג אַריבער?

לעניִן הייסט אונדז ווינען דאָך
אין די שענסטע שטיבער!

— וואָס וועל איך זיך, אלטע, שלעפּן,
שימקע קינד, ניט ריר די נויט,
אַף מײַן מיסט בין איך נאָך עפּעס,
איז פאַר מיר דעם ספּראַווניקס הויז?

ווי זשע וועל איך צוזען קענען,
איך, קראַנקער מענטש, די גרויסע נויט,
אז די פײַנסטע לײַט די גווירים,
זאָלן קוואַסן דאָ אין קויט!

פעלן מיר באַם טיר מעכאַבלים
סטראַזשניקעס מיט וואָנצעס לאַנג, —
און ניט דאָ געדאַכט, אין גאָלדן
הענגט דער קייסער אפן וואַנט.

גאָט צעטיילט ווער רײַך און אָרעם, —
און דו ווילסט איבערמאַכן, דו?
שטעלסט זיך, שימען, קעגן בוירע,
היי זשע, שימען, היי זשע, נו...

3

די יונגע אַף די פראָנטן,
די יונגע ערגעץ ווײַט,
וואַרטן דאָ נאָר קינדער,
דרויב און אלטע לײַט.
וואָס וואַרט איר דאָ?
— מיר וואַרטן
מיט שימקען זיך געזעגענען.

די וואַלקנס אָנגעשוואָלן,
באַלד וועט נעמען רעגענען.
— מיט שימקען זיך געזעגענען?
— באַגלייטן אים, דעם אייגענעם!
— אַן קלעזמער און אַן טאַנצן?
— די הימלען וועלן פּלאַצן
און וויינען באַם געזעגענען.

— מע זעט ניט אַן דעם הימל.
מע זעט ניט אַן די שטערן.

מ׳האָט אופגעהערט זיך גאָלן,
מ׳האָט אופגעהערט זיך שערן, —
שימקע גייט אוועק!
שימקע גייט אוועק!

מע שטרעקט אים אויס די הענט,
מע ווינטשט אים און מע טרייסלט אים,
די אויגן אזש צעברענט.
— אַ, וואָס זאָגסטו, שימקע,
קומען נאָך די פייגעלעך?
— לאָזט נאָר צו דעם זיידעניו,
— לאָזט אים זיך געזעגענען.
לאָזט נאָר צו דעם זיידעניו!

דער זאָקן שלעפּט זיך צו,
די זיקנע אין אַ זײַט:
— שימקע, אַ, שימקע...
וועט זײַן פון אונדז נאָך לײַט?

4

און צווישן בארג און ראקאָווקע,
דאָ ליגט צעשפּרייט א הויף.
די שטאַלן זייער נידעריק,
דער פּלויט נאָר הויך ארויף.

די ליוועראנטן וווינען דאָ,
מישפּאָכעדיק און ברייט,
פונדאנען הירזשען לאָשעקעס,
אף בארג אין טאָל צעשפּרייט.

פונוויַטן בא א גאנעקל,
שטייט צירל, שטייט אוןווארט,
מיט אומרו און מיט אומגעדולד,
א לאָקעלע פארשארט.

— פארשטעל ניט, פריילעך לאָקעלע,
פארוויש איר ניט די טרער,
זאָל יענער שוין דערזעען זי
און צוגיין אָט אהער.

ער זעט זי ניט, ער ווייסט גאָר ניט,
דער יונג, דער באָלשעוויק, —
זי האָט מיט אירע עלטערן
זיך איבער אים צעקריגט.

אוי, ווען סע דונערט, הערט מען דען
דאָס גרילעכל אין וואנט?
צי הערט ער דען, דאָס מיידעלע,
וואָס וויינט באם ליוועראנט?

און זי האָט גאָר זיך צוגעגרייט
א בינטעלע אפגיך,
ער וועט אוואדע בעטן זי,
און נעמען זי מיט זיך.

נאָר קומען קומט אָן אן אנדערער:
דאָס רײַט דער בוץ אהער!
באם טויערל דערזעען זי,
צעיאָגט ער ווילד די פערד.

ער זאָל זיך כאָטש מיט שימקעלען,
ניט טרעפן דאָ אצינד.
אָט לאכט דער בוץ מיט יאשטשערקעס,
די פערד דער בוץ ער שינדט.

— אף וועמען וואַרטסטו, צירעלע,
אף מיר, איאָ, אף מיר?
אָט פיר איך אָפּ די לאָשעקעס
און קום ארויס צו דיר!

און שימקע שפאנט א מונטערער,
ער טראכט: „אוי, סארא טעג!"
ער טראכט זיך זײַנס, ער פײַפט זיך צו, —
פארלויפט זי אים דעם וועג.

איז בלײַבט ער שטיין א פריילעכער
און נייגט צו איר דעם קאָפּ,
ער האלט איר האנט. זי פעסטעט זיך,
דאָס לאָקעלע בלאָזט אָפּ.

— וואָס וויינסטו, צירל, נארעלע?
— דו פרעגסט? אז וויי און אָך!

אין פוסטע זאכן קאָכסטו זיך, —
און ביצל לויפט מיר נאָך.

דאָס געסל בא דעם טויערל
איז בלאָטיק, גליטשיק, פוסט,
און שימקע הערט און ענטפערט ניט,
ער גליטשעט מיט א פוס.

— וואָס קריכסטו אין די אומגליקן?
נאָר שימקע שוויַיגט פארקלערט.
ער גליטשעט זיך א שוויַיגנדער,
און קוקט אראָפּ צו דר'ערד.

— דו וועסט שוין אויך א באָרוועסער!
און ער — ווי אופגעוועקט:
„ — וואָס פלאפלט זי? מע ווארט אף מיר". —
און שימקע איַילט אוועק.

און פלוצעם קערט זיך אום צו איר,
דאָס פּאָנעם זיַינס איז רויט.
ער האלט אין האנט איר בילדעלע —
ער שטעקט עס איַין אין פלויט.

5

פריילינג-ריטשקעס פריילעך ראשן,
יונגע כעוורע פריש געוואשן.
פראָפּאריין נאָך פראָפּאריין,
אויכעט קינדער גיין און גיין.

ראָני קריין, זי שפּאנט פון פּאָרנט,
די טאבאטשניצעס זי פירט.

האָט עס שימקען צוגעשפּאָרנט,
און ער שפּאַנט שוין לעבן איר.

ער — א גרויסער, זי — א קליינע, —
ביידע שפּאַנען גלײַך איינעם,
ער א שפּאַן, און זי צוויי קליינע,
ער — א שמוכע, זי — א שמייכל,
ער הייבט אָן און זי דערציט.
כאַפּט מען אונטער — קלינגט א ליד.

פול דער זאַל איז, פול געלאַדן,
יונגוואַרג, פאָנען, שטערנס,
זיסער נאָך פון האָניק-פלאַדן
איז די ראָניען הערן.

ווי הויך און קלאָר איר יונגער שטערן,
פעסט ווי זיג איז פעסט איר רו,
א קיל שטיק ג'זונט קומט צו זי הערן:
— גובקאָם שטעלט אײַך וואָגנס צו,
דער פּלאַן איז שטרענג און קלאָר, כאַוויירים,
נעמט די בעבעכעס צונויף,
אַלע איר פאַרלאָזט דעם כיירעם,
אַלע אַפּן באַרג אַרויף.
די רײַכע הײַזער, סעדער, גאַסן,
צו אײַך קער אַלץ און מיטאַמאָל, —
און גלייבט מיר, ס'וועט דאָס גוטס אײַך פּאַסטן,—
פּאַר בורזשויען לאָזט דעם טאָל,
זיי זאָלן זיך אהערצו קלײַבן
און לעבן אײַער לעבן דאָ.
כאַלאָשעס מיט קאָדאָכעס רײַבן,
און זען, צי האָט די נויט א דנאָ.

איך ווייס, ס'איז דאָ כאַווירים שוואַכע,
די מוירע נעמט: „דער סוינע גייט!"
אָט די באַדויערן מיר און לאַכן,
בלײַבט אין קויט דאָ געזונטערהייט!

* * *

און שימקע וואַלט נאָך לאַנג פֿאַרבראַכט אין דער שטאָט
און אומעטום זײַן, ווו באַקאַנטע ער האָט.
אין טאָל זיך באַרימט מיט זײַן אָנזען און שטעל...
פֿאַר אים, זאָגט ער, ציטערט אַף גווירים די פעל...
אים גלוסט זיך פֿאַר מיידלעך א שײַן טאָן אין גאַס, —
א גיי טאָן, א דריי טאָן, — דאָס אָנטאָן אים פאַסט. —
א גיי טאָן, א דריי טאָן — זיך מאַכן באַקענט,
און זאָל מען אים זען און ווערן פאַרברענט!..
דאָס מיינט מען דאָך אים אינעם ליד, וואָס מע הערט, —
ווי ער האָט די מײַדמאַנס דעם שידעך צעשטערט.

זײַנען מיר אַרויסגעפאָרן
אפן ערשטן שליטן,
אפן ערשטן שליטן,
אַלע מעכוטענעסטעס —
די קאַלע אינדערמיטן,
די קאַלע אינדערמיטן.
— אוי, אוי, —
זינגען אַלע,
וואָס זשע שווײַגט אַזוי די קאַלע?
— אוי!

זײַנען מיר אַרויסגעפאָרן
אפן צווייטן שליטן,
אפן צווייטן שליטן,
אַלע מעכוטאָנימלעך —

דער כאָסן אינדערמיטן,
דער כאָסן אינדערמיטן.
— אוי, אוי, —
זינגען אַלע,
נאָר סע שווײַגט אַליין די קאַלע.
— אוי!

זײַנען מיר אַרויסגעפאָרן
אויפן דריטן שליטן,
אויפן דריטן שליטן,
קאַלעס צד און כאָסן־צד.
די קלעזמער אינדערמיטן,
די קלעזמער אינדערמיטן.
— אוי, אוי,
שפּילן אַלע,
וואָס זשע שווײַגט אַזוי די קאַלע?
— אוי!

ווי מיר זען אַרויסגעפאָרן,
פֿליט פֿאַרבײַ אַ רײַטער,
פֿליט פֿאַרבײַ אַ רײַטער,
האָט די קאַלע אויפגעפֿלאַמט
ווי אַ פֿײַער־שײַטער,
ווי אַ פֿײַער־שײַטער.
— אוי, אוי, —
שווײַגן אַלע,
נאָר סע זינגט אַליין די קאַלע...
— אוי!

שליטעלעך, איר שליטעלעך,
מעגט צוריק שוין פֿאָרן,

מעגט צוריק שוין פאַרן, —
דאַדיקל, אוי דאַדיקל —
אַז ווײ צו דײַנע יאָרן.
אַז ווײ צו דײַנע יאָרן.
— אוי, אוי, —
אויקען אַלע:
זעט א כאַסן אָן א קאַלע...
— אוי!

קאַפּיטל נײַן

## טײַנעס

1

רעדלעך צערודערטע שכיינים
דאַבערן, שמועסן אינייִנעם:
— וואָס רוט איר ניט און שלאָפט ניט?
— וואָס הייסט, מע רײַסט דאָך פּאַסן!
די אַרבעטער באַוואָפנט
לויפן איבער גאַסן...
— וואָס, נאָך ניט אַוועקגעגאַן?
לאַנג געדאַרפט אַוועק...
— א מאַקע אף דער צונג אים, —
ער מיינט עס נעמט אָן עק!
— וואָדען, גאָר ברענען קלייטן!
— ס'האָט ציפּרוס דאָס געטאָן.
— און ווער איז דען דער ציפּרוס?
אויך פון זייער קאָן!
— האָט פּאַווליק אים אַרויסגעשמיצט
טאַקע פאַר די שטיק.
— איז ציפּרוס קאָמוניסט דען?
— ניין, א באָלשעוויק.

— גיי שוין א מאכנאָוועץ גאָר...
— פון קריינעץ שוין געהערט?
דאָס ווײַב און שימקע הייסן אים —
אויס „בונד” און אויס „עסער”!
און קריין האָט טייקעף צוגעזאָגט,
ער ווײַזט זיך שוין ניט מער...

— שימקע קעגן קריינעץ, —
פּלאַצן פאַר געלעכטער!
לאַכן ביז צום וויינעץ!
שימקע קעגן קריינעץ.
— ווער עס האָט די מייע,
יענער האָט די דייע.
— ווער עס האָט דאָס געלט,
יענער האָט די וועלט.
— קריין איז צוויי מאָל דאָקטער,
דאָס ווייסט די גאַנצע שטאָט.
און שימקע האָט געענדיקט
דעם בלאָזזאַק אין זאַוואָד...
און מאַרקסן קען ער, קריינדל,
מער ווי מאַרקס אַליין.
— א שיינער אָפּגלײַך כלעבן,
דער טאָקער-יונג און קריין.
— ווי'ן קריכט ער, דער אמהאָרעץ?
קעגן וועמען, ווער?
דער קנעכט אנטקעגן פּאָרעץ,
א מויז קעגן א בער!
— איז וועמענס, וועמענס זײַנען מיר,
איך מיין, אין וועמענס הענט?
— איר זעט ניט, ווי די פּאַלגעלעך
לויפן אום פאַרבּרענט!
— פון סטאַנציע, פון מאַכאָראַטשנע,
זעט נאָר ווי מע שפּאַנט.

— גאָט מײַנער, פון דערפער!
ס'האָט אופגעריכט דעם קאָנט!
— ווי'ן פירט מען עס די גווירים?
— האלטן אונטער וואך.
— א כוצפּע!
— א ביזאָיען,
— אך!
— איך זאָג אײַך, פארגעסט ניט, —
ס'אי מאָרגן א טאָג!..
סע זאָגט עס אײַך פּראדקין,
ער ווייסט, וואָס ער זאָגט.
זע נאָר, ווי מ'האָט זיך
א ביסל צעשפּרייט!
— מע גייט מיטן שטעקן,
צו ווײַט אין דער ברייט.
— מע מישט זיך, מע נישטערט,
באפעלט, ארעסטירט.
— דעם האנדל, דעם מיסכער
צום אומקום מע פירט.
די כאָשעווסטע ווארפט מען
פון מויערס ארויס,
און בעטלערס, און ארבעטער
זעצט מען דאָרט אויס.
זיי ווילן ניט ווּיסן,
און ס'העלפט ניט קיין רייד.
— מע גייט מיטן שטעקן
צו ווײַט אין דער ברייט!
ס'האָט קריין און קלימענקאָ
א שווּע געשווירן:
— א מיסע-מעשונע
די הינט מיט אויערן!
— עס וועט ניט פארלײַדן
די וועלט אזא שאַנד,

אז, משטיינסגעזאָגט,
קנעכט זאָלן פירן דאָס לאַנד. —
עס זאָגט עס אײַך פראדקין,
ער ווייסט, וואָס ער זאָגט!
פארגעסט ניט, אז מאָרגן
איז אויכעט א טאָג!
— וואָס קנאַקט איר, רעב ייִד?..
— שא-א-אט, לאָזט הערן א ליד!

— נעכע פערעבענדעווע**ט**,
זי וויל קיין דינסט ניט בלײַבן.
— וואָס זשע וויל זי, נעכע?
— זי וויל זיך לערנען שרײַבן.

— אָט האָסטו! ווי געפעלט אײַך
ווע**מ**ען טאַנצט זי נאָך!
שרײַבן נאָר איר פעלט נאָך
א מיידל מיט א שטאָך!

— ווער צעפּיקעט,
ווער צעפּיקעט,
ווער צעפּיקעט, באַלעבאָס —
נעכע שרײַבט שוין אָס באַ אָס!

— נעכע פערעבענדעוועט,
זי זעצט זיך שיר ניט ווײנען.
— וואָס זשע וויל זי, נעכע?
— זי וויל זיך לערנען לייענען.
— אָט האָסטו! ווי געפעלט אײַך,
ווע**מ**ען טאַנצט זי נאָך!
לייענען נאָר איר פעלט נאָך,
א מיידל מיט א שטאָך!

— ווער צעפּיקעט,
ווער צעפּיקעט,
ווער צעפּיקעט אפן אָרט —
נעכע לייענט שוין וואָרט בא וואָרט.

— נעכע פערעבענדעוועט,
— זי וויל זיך לערנען ווײַטער.
— וואָס זשע וויל זי ווערן נאָך?
— א ברען אַן אגיטאטאָר.
— אָט האָסטו, ווי געפעלט איַך,
א מיידל מיט א שטאָך!
ס׳מאכן זיך די דינסטן
א יאָמטעוו פון דער וואָך!

— ווער צעפּיקעט,
ווער צעפּיקעט,
ווער צעפּיקעט, ווער אנשטומט. —
נעכע ס׳ערשטע וואָרט באקומט.

2

א ליכטיקער דרויסן
מע פעקלט זיך איבער:
פון הינטערשטע געסלעך,
פון קעלערשע שטיבלעך.
פון טאָל צו דעם בארג,
צו די ליכטיקע מויערס:
מע שלעפּט זיך מיט טראנטעס
צו גווירישע טויערס; —
די אָרעמקייַט וויסטע,
אָרעמקייַט גרויע,
שלעפּן די קינדער,
צום ליכטיקן הויז.
געבויגענע רוקנס
גלייַכן זיך אויס.

און מארק־לײַט מיט קינע
די אויגן פֿאַרשאָטן:
— קוקט זיי נאָר אָנעט
די וויסטע בערקוטן!
— א מייוון? צו מײַדמאַנס...
צום ספּראַוונִיק אַלײן!
— אוי מיר, איך שטאַרב —
דעם זיבעטן כּײַן!..
— זעט, אויך נאָך־יאָנטעוו,
די בעבעכעס פֿירט.
אוי, נאַכמען־יאָנטעוו —
אַז ווײ איז צו דיר!
— דאָס אײניקל ניאַנטשעט...
די טאַטער ווו איז?
— ליגט, נעבעך, קראַנק.
מיט געליימטע פֿיס...
— אוי, זעט נאָר, אוי, זעט נאָר,
די מײַדמאַנס מע פֿירט:
— ווי׳ן פֿירט מען די גווירים?
— אין טאָל אָף קוואַרטיר!
— א צו גרויסע קלעפּקע,
ס׳וועט פּלאַצן די רײף,
גאָר וואַרפֿן די גווירים
פֿון גווירישע הײף!
— ווײסעך, זײ האָבן
אָן אָנזען א גרויס,
מע וועט זײ, די פּאַלגעס,
צעקוועטשן און אויס.
— אין מויער אין מײַדמאַנס
וועט זײַן דער פּרײווט!..
— דעם פּאַלאַץ פֿאַר קינדער?!
— מע ווייסט וואָס מע טוט?!
— וואָס זאָגט איר, רעב פּראַדקין,

סע גייט דאָך די קרי!..
— ניטאָ וואָס צו זאָגן,
פּכי!..

* * *

— זעט נאָר ווי ס׳איז פריילעך!
— מע כאַפּט א כײַע-שאָ!
סײַווי מע זיצט אין זעקל,
קיין אויסוועג איז ניטאָ.

— ניטאָ? איר וועט שוין זעען!
סע קומט א נײַער כוואַט. —
מע זאָגט, אז קומען קומט ער
פון סאמע פּעטראָגראַד.

— מע זאָגט, פון לענינס כעווערלײַט,
געשיקט פון אים אליין.
מע רופט אים כיסט מיקיטא,
סע ציטערט פאר אים קריין.

— מע זאָגט, אהער אראָפּגעשיקט,
ווײַל גוט דעם קאַנט ער ווייסט.
— א רוס? א ייִד?
— א קאַטאָרזשניק!
— מע ווייסט שוין, וואָס דאָס הייסט.

— ווי׳ן גייען די האמוינים?
— אזא מין גרויסער אוילעם!
און זע נאָר, די וואָלבערעכע,
און לעבן איר וואָלבער.

דו קוק נאָר אָן איר גאדלעס —
די גאנצע וועלט איר קער.
— אוי, וועמען פירט זי, ראָני?
— פון גלאָז-זאוואָד די יאטן.

און די, וואָס קומען אונטער?
— פון דערפער דעלעגאטן!
— וואָס איז אזוי באלויכט?
— וואָס רוישט אזוי די זאל?
— ס'איז דאָך היינט דער יאָנטעוו
פון אינטערנאציאָנאל.

* * *

אין א כיידערל באם זאל
ווארט דאָרט קריין אף ראָניען,
שפאנט ארום, די גאנצע גאל
ליגט אים אפן פּאָנעם.

שפאנט און שפאנט און אָט זי קומט, —
לויפט ער אָן אף איר און ברומט:
— פארזעצט די בעסטע לייט אין שטייגן,
זאָלסט קענען ווילדעווען אין שטאָט?!
וועסט שטעלן מיך צו שאנד און שפּאָט —
און איך וועל צוקוקן און שווייגן?! —
אז וויי צו דיר, דו קאָפּ מיט ווינט,
די גאל טוט פון דיר קערן.
און זאָג, כ'וועל ניאנטשען דיר דאָס קינד? —
א ניאנקע וועל איך ווערן?
— העהע...
— העהע, העהע! זיך אָנגעשמעקט
מיט אויסוואָרף און באנדיטן. —

איך זאָג דיר, וואַרף די שטיק אוועק, —
איך זאָל דאָס קינד דיר היטן?!

— און גיב דעם עסן צו דער צײַט.
און אָפּט די העמדעלעך דעם בײַט,
און זע די קאַשקע מאַך ניט ביטער, —
ניט צו געדיכט און ניט צו שיטער...

— א נײַע גאַבעטע אין שטאָט!
וואָס מישטו זיך אין פרעמדע צאָרעס?
א מענטש מאַכט זיך און מיך צו שפּאָט —
מע דאַרף דיך דאָ אַף צען קאַפּאָרעס!

— איך גיב דיר איבער אַלע רעכט:
אין שטוב, אין קיך — וועסט זיך באַדרייען:
און איך וועל מיט כאַווײרים גייען.
דעם קינד א צעפּעלע פאַרפלעכט
און ברענג עס אָפּט צו מיר זיך זעען.

— אוי גאָט, אוי גאָט... נו, זאָג אַליין,
סע אַרט דיך ניט דעם קינדס געוויין?
נו קום אהיים, נו קום אהיים...

— דאָס קינד זאָל זײַן מיר אזוי ג׳זונט —
אז ביז דו גייסט ניט אָפּ פון „בונד",
וועל איך דיך מיט קיין זאַך ניט שוינען,
איך וויל ניט לעבן מיט קיין סוינע...

— דו וויסטע אקשנטע, דו קליפּע,
איך מאַך דיר באַלד אזא מין גוואַלד!.. —

און קריין האָט שטיל גענומען כליפּען —
און ראָני האָט די טיר צעפּראַלט...

## מיקיטאַ כיסט;
## איך...

1

— אי ר האָט געהערט, —
וועגן נײַעם, דעם כיסט?
אי ר האָט געהערט
וואָס דער נײַער פאַרקאָכט?

מע זאָגט, ס'האָט אים לענין
אהערצו געשיקט, —
די אָרעמעלײַט
צו באַפרײַען פון יאָך...

— אי ר האָט געהערט,
וואָס דער כיסט האָט גערעדט?
אי ר האָט געהערט,
וואָס דער כיסט האָט געזאָגט?!

די גוּירים, די פּריצים
דערגייען דעם עק, —
דאָס איז דער איקער
באַם הײַנטיקן טאָג!

— אי ר האָט געהערט,
וועגן אָרעמען גראַד?
אי ר האָט געהערט
ווי דער כיסט האָט באַגריסט? —

זאוואָדן, פאַבריקן,
דעם פּראָלעטאַריאַט,
די ערד פאַר די פּויערס
אינגאַנצן אומזיסט!

— זיי האָבן נאָך האַרץ
צו פאַרייסן די נאָז! —
— ער פּירט זיך, דער כיסט,
ווי אַ וועלט-באַלעבאָס!

2

באַנאַכט אין רעווקאָם. שטאַרק געבויגן צום טיש
זיצט כיסט אינעם שרײַבן פּאַרטייפּט. אין געמיש
פון פּעק און פון מענטשן, וואָס שלאָפן אין אַנטאָן, —
געקומען צו אים אַפן וועג צו די פראָנטן.
ער זאָל זיי די גענג און די אויסגענג דערקלערן
און לענינס געדאַנקען פון מויל זײַנעם הערן.
זיי האָבן מיט כיסטן מעסלעסן פאַרבראַכט, —
און מאָרגן לאָזט יעדער אין וועג זיך, אין שלאַכט.
נאָך עמעצער שלאָפט ניט, ער וואַרט דאָרט אין ווינקל,
און בליקן אַף כיסטן ער וואַרפט פון דער טונקל. —
ס'איז שימקע, ער רייניקט די ביקס, און עס ווערט
אים גרינגער און גרינגער. ער פּײַפט שטיל און קלערט:
„ווען כיסט וואָלט אינגאַנצן געבליבן אָ-דאָ!
וויאַזוי? יעדער גרופּע דערוואַרט קוים די שאָ
זיך זעען מיט אים. אומעטום דאַרף ער זײַן.
דעם ווילן און וואָרט לענינס ברענגט ער אַרײַן.
זינט כיסט איז געקומען — האָט אַלץ זיך געשפּאַנט, —
דו זעסט יעדער זאַך מיט אַן אַנדער פאַרשטאַנד.
גאָר אַנדערע מענטשן, ס'איז פרייליך און הייס.
וואָס וואָלט ער געטראַכט פון אים, כיסט, ווען ער ווייסט?

שפּאַצירן פאַרגלוסט זיך, אינמיטנדרינען,
אוועק צו די פריַינטלעך זיך טאָן א באַרים.
און דאָס איז נאָך ווייניק, — צו איר נאָך דו גייסט,
אַהיים, צו נעוויִים, — דו ווייסט וואָס דאָס הייסט!
און וואָס וועלן פיַינט זאָגן? דו ביסט איין האַנט
מיט זיי, דו פאַרשטייסט כאָטש, ווו איז דיַין פאַרשטאַנד?
דו האָסט דאָך מיט צירלען צעריסן שוין לאַנג! —
איז וואָס זשע טוט צירל דיר ווידער שוין באַנג?
צי פּאָשעט עס שטעכט דיך, סע ברענט דיך, סע צופּט,
וואָס... דאַכט אין א צווייטן זי האָט זיך פאַרליבט...״

אַזוי עסט זיך שימקע און פּוצט דאָס געווער.
צעהיצט און צערודערט זיַין פּירעכץ באַקלערט.

דו מאָנסט נאָך בא יענעם געטריַישאַפט און לאַד...
איענער געפעלט דיר ניט, דער איז אין כשאַד.
דו האָסט דען ניט ראָניען געגעבן דעם וועג,
וויַיל זי האָט דיך אָף די נעוויִים געפרעגט?
און כיסט האָט צוריק דיר די ראָני געבראַכט.
דערצו דיר אַן אויסרייד א שווערן געמאַכט:
דו לערן זיך, שימקע, ביסט צופיל פאַרשיַיט,
דו לערן זיך שעצן און ליב האָבן ליַיט.
ניט מיידלעך נאָר, ליבן, נאָר ערנסט און שטיל,
ווי כיסט ליבט, מיט אַכטונג, מיט הייסן געפיל.

אַזוי עסט זיך שימקע און פּוצט דאָס געווער, —
און ס׳גייט אָפ פאַמעלעך פון האַרצן דאָס שווערס.

געזען, ווי ס׳האָט כיסט צו דעם ריַיטער גערעדט? —
געקומען א ריַיטער, געבראַכט א פּאַקעט,
א באָכער א שטאַלטנער מיט וואָנצעלעך-שוואַרץ.
ער זעצט זיך צו דר׳ערד, אַזוי לאַכט ער מיט האַרץ,

ער זעצט זיך צו דר׳ערד, אזוי לאכט ער געשמאַק, —
דערציילט, ווי זײַן טייל האָט דעם סוינע געפּאַקט.
זײַן נאָמען איז אָשער, א העלדישער יונג, —
א פריילעכער, שטאַלטנער, — געפיקט אין דער צונג.

א ליד האָט ער כיסטן אף יידיש געלײ׳נט,
דערנאָך אף אוקרײַניש פארטײַטשט, וואָס געמיינט,
און כיסט מיט אים לאנג האָט גערעדט און געלאכט,
ביז שפּעט מיטן רײַטער אין שמו׳סן פארבראכט.
דערנאָכדעם געפרעגט מיך, צי ליי׳ן איך? איך ליי׳ן!
די בלעטלעך דערלאנגט מיר: — שרײַב איבער, ס׳איז שיין...

* * *

„די שווארצע מוטער-נאכט
צעריסן ווערט פון וויי:
— דער סוינע בא די טויערן!

פון טיף פון הארץ
זיך רײַסט א ווילד-געשריי:
— דער סוינע בא די טויערן!

אפגיך צום פערד,
די האנט שטאָל אָן,
ס׳איז איצט די שווערד,
די שפּיז — א פאָן —
— דער סוינע בא די טויערן!"

פארשטייסטו שוין איצטער, צעקײַעט, מײַן פרײַנט?..
פארשטייסט ניט די ארבעט. וואָס שטייט פאר דיר הײַנט.
האָט כיסט דאָך דערציילט אונדז פון לעבנס א וואָרט:
„די וועלט וויל אונדז פרווון שוין באלד, אפן אָרט,

צי קענען מיר פירן, מיט קאָפּ מיט פאַרשטאַנד,
אַליין אַ מעלוכע אַ גאַנצע, אַ לאַנד".
אַ לאַנד! און דײַן אייגענעם קנופּ פון געפילן
צו אַסין, צי קענסטו צעקניפּן און שטילן?
ווען כיסט זאָל אַלץ וויסן, — וואָס וואָלט ער געטראַכט?
און וואָס פאַר אַן אויספירן וואָלט ער געמאַכט!

זאָל כיסט טאַקע וויסן, געזאָגט — איז געזאָגט!..
ס'האָט קיינמאָל נאָך שימקען אַזוי ניט גענאָגט.
ס'האָט קיינמאָל נאָך שימקע אַזוינס ניט געפילט,
די ביקס איז שוין פאַרטיק, — ער פּרוּווט זי, ער צילט.
ער שטעלט זי אין ווינקל, און גייט צו דעם טיש.
און אומרויִק קוקט ער אויף כיסטן, צעמישט,
אויך כיסט האָט פאַרענדיקט, הייבט אויף זיך אַפגיך:
— אַ, שימקע!.. נו, ווילסט עפּעס זאָגן... נו...
— איך...

קאַפּיטל עלף

## אויפגערירטע הערצער

1

די שטאָט עוואַקויִרט מען. ס'גייען די רויטגוואַרדייער-טײַלן
מיט שטאַב-פּאַרמעס, מיט לאַדונגען, געקרעמפּעוועט מיט שטריק.
פאַראַקשנט קוקן אויגן הייסע פון די טיפע הײַלן,
מיט אומגעדולד פאַרהאַלט מען זיך אין ענגשאַפט בײַ דעם בריק.

מיט גרינג געווער, מיט שווער געווער, מיט פּי און מיט אַבאַזן,
די פּענעמער פאַרשלאַסענע, זיי קוקן שווער פאַרויס.
מע קלעפּט זיך צו צום שטופּעניש, זיך מיטן שטראָם צו לאָזן
וואָס גיכער דורך דעם שמאָלן בריק צום צווייטן ברעג אַרויס.

באפוילט איז צו אָפּטרעטן אין שלאכט די שטאָט דעם סוינע,
און אלץ אין פולער אָרדענונג אריבערפירן גיך;
אין זייַטן ניט צעשפּרייטן זיך און מענטש און קויל צו שוינען,
אריבער, — און דעם בריק געשווינד צו אופרייַסן נאָך זיך.

נאָר וואָס זשע רייַסט זיך צו דער שטאָט, וואָס ווערט פאַרלאָזט,
א רייַטער?
איז צו צום בריק, זיך אָנגעשלאָגן הארט אנטקעגן שטראָם.
מיט אומגעדולד דאָס פערד ער דרייט און שארף ער קוקט אינווייַטן:
— אף לאנג דעם בריק פארקאָרקעוועט. נו, אָט, וואָס דארף מען טאָן?

דאָס פערד, ווי ער, מיט אומגעדולד סע ווארפט מיט שווארצע בליקן,
מיט שווייס באשלאָגן טופעט עס אין אנגסט, סע אָטעמט שווער.
מע שרייַט פון בריק: — ווי'ן רוקסטו זיך?
— און צו דעם שעד מע שיקט אים,
ווי'ן טראָגט עס אים, דעם שווארצן דראָנג, מע טאָר אהין ניט מער!

דער רייַטער דרייט די וואָנצעלעך און אפן טייַך פארקוקט זיך,
און שארף דאָס פערד א שפּאָר געטאָן, ס'זאָל קריכן אינעם טייַך.
דאָס פערד, דערשמעקט די קרירע, האָט עס גיך צוריקגערוקט זיך,
נאָר, דעם באפעל געהאָרכנדיק, אריַין אין וואסער גלייַך.

און שיר ניט ביז די אויערן אין קאלטער טיף פארזונקען,
פון אויגן און פון נאָזלעכער פארצווייפלט גלאָצט מיט היץ,
דער רייַטער האלב אין וואסער, ער באמיט זיך האלטן גרינגער,
ער צמאָקעט, גלייַך ער בעט באַם פערד און גיט דעם אונטער היץ.

פון בריק מע קוקט פארכידעשטע מיט אָטעם א פארכאפּטן,
אין הארץ זייַן גאנג באגיטיקט מען, מע טראכט: „א בראווער מאַן".
דעם צוים-רימען אין מויל ער נעמט, מיט הענט דאָס וואסער קלאַפּט ער,
דאָס פערד צעהירזשעט זיגעריש: — זייַן פוס טאפּט אָן דעם זאמד.

ארויס, און ניט זיך אָפּגעטרייסלט, גיך געלאָזט זיך יאָגן,
און צוגעיאָגט, פון פערד אַראָפּ, דער רײַטער שפּאַנט צום הויז,
דאָ האָט זיך שימען מאַלקעס אינעם רײַטער אָנגעשלאָגן, —
„ווער איז ער, אָט דער שלאַקסרעגן? כאַטש נעם און דריי אים אויס!"

און באַלד דערקענט און אָפּגעשײַנט: — אָווא, ס'איז אַשער שוואַרצמאַן,
ס'איז איר? אהער?.. צו פּאַווליקן? — און פּלאָנטערט „דו" מיט „איר",
דער נאַסער און דער טרוקענער מע לאַכט פון גאַנצן האַרצן.
ווען אַשער פונעם פערד דערציילט, ווי'זוי ס'האָט זיך געפירט.

אָט איז ער, אַשער שוואַרצמאַן, דער באַרימטער זאַפּעוואַלע,
אײַן האַרץ און איין נעשאָמע מיט די יונגען פון זײַן טייל,
ווי ער הייבט אָן, דערציילט מען, ווי סע כאַפּן אונטער אַלע,
אַז דאָס סאָלדאַטסקע האַרץ געטרייסט ווערט און געהיילט.

ס'האָט איינמאָל זיך פאַרלאָפן, און אַ קויל האָט אים געטראָפן,
געלעגן אין שפּיטאָל איז ער, נאָר פאַר דער צײַט אַרויס:
ער איז אַ זאַפּעוואַלע דאָך, ער איז צום פראָנט אַנטלאָפן
און ווידער מיט די ברידער אין געזאַנג דאָס האַרץ גיסט אויס.

ס'האָט פּאַווליק נ'טעלעפאָן גערעדט, געבייזערט אין די רייד זיך.
אָף אַשערן אַ קוק געטאָן און דאָך אים ניט געזען.
דערנאָך ווי גלײַך אַראָפּ אהער פון ערגעץ און דערפרייט זיך.
און פּעסט דעם גאַסט די האַנט געדריקט: — איז עפּעס נײַס געשען?

— אַ צוגאָב צום באַפעל געבראַכט. מע הייסט אַ טייל דאָ לאָזן,
אין וועלדער זאָל ער האַלטן זיך, פאַרבאַרגן פונעם פײַנט.
באַשטימט אַ מענטש, אָף וועלכן איר קענט זיך פּעסט פאַרלאָזן,
און זאָל אַוועק אין וואַלד אַרײַן דער טייל נאָך טאָקע הײַנט.

איז שימקע מאלקעס רויט געוואָרן, אָפּגעגאַן צום פענצטער,
די הייסע אויגן צוגעמאַכט, דאָס האַרץ געקלאַפּט האָט שטאַרק:
„איז וועמען וועט ער שיקן? וואַרט, און וועמען פאַר אַן עלטסטן?" —
געפּלאַמט האָט שימקע שווייַגנדיק און אויף אַ וואָרט געוואַרט.

נאָר פּאַווליק האָט זיך אָפּגעזעגנט, שימענען באַפוילן:
— דעם גאַסט גיב טרוקן וועש אַרויס, און קום באַלד גיך צוריק.
געגאַנגען זייַנען די קרעפּטיקע, די שטאַלטנע צוויי פּאַרשוינען,
געלאַכט, געקוועלט, געפרייט זיך, ווי מע וואָלט געכאַפּט דאָס גליק.

ס'האָט אַשער אַליין זיך צוגעזעצט פון קייַכנדן געלעכטער,
געשפּאַסט און, ווי זייַן שטייגער איז, זיך צוגעזעצט צו דר'ערד,
און לאַכנדיק, דערציילנדיק, פאַרוואָרפן דעם פוס דעם רעכטן
און שפּרינגט אַרייַן אין זאָטל גיך, און שוין — סע יאָגט דאָס פערד.

דער רייַטער האָט אַוועקגעיאָגט, און שימקע שטייט צעטראָגן, —
וואָס איז עס פאַר אַ מענטש אַזאַ, ס'וואָרט שטענדיק פון אים גוט!
און שימקע גייט צו פּאַווליקן, — ער וועט אים אָפּן זאָגן,
אים זאָגן: „איר פאַרגלייבט מיר ניט? עס וועט מיר קלעקן מוט"...

נאָר אָנגעטראָפן פּאַווליקן באַם פענצטער אַ פאַרקלערטן, —
איז שימקע שטיין געבליבן שטיל, אין האַלדז אַן ענגשאַפט וואַרגט.
סע יאָגט אַזוי דאָס האַרץ אין אים, דער מויעך אין אים קערט זיך,
ער שטייט און קוקט אויף פּאַווליקן, ער קוקט אויף אים און וואַרט.

איז פּאַווליק צו אים צוגעגאַן, צום פענצטער צוגעפירט אים,
געקוקט אים אין די אויגן טיף און שטיל געזאָגט אַזוי:
— וועסט בלייַבן דאָ, נאָר היטן זיך, דו ביסט אַ הי-געבירטער,
געדענק, דער פייַנט איז כיטרע-וואַך. איך גלייב דיר און געטרוי.

ס'האָט פּאָווליק אים אַ צי געטאָן און אים געטאָן אַ טרייסל:
— נו, אײַל זיך, נעם כאַווײרים מיט, און מאָרגן מאַרש אין וואַלד.
ס'איז באַרג אַראָפּ פון שימענעז, ער האָט אין אַלץ פאַרגעסן,
אַ פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט, ס'האָט פרייד פון אים געפּראַלט.

אַרויס אין גאַס, באַגריסט אַ פרעמדן, ניט דערקאָנט באַקאַנטע,
סע גלוסט זיך יעדן אָפּצושטעלן, וועד אַנטקעגן קומט!
און טאַקע מיטאַמאָל האָט ער אין אַשערס ליד דערמאָנט זיך:
„דער סוינע באַ די טויערן!"... — האָט ער אין האַרץ געברומט.

2

אַ שטורמיש-גליקלעכער געפיל געיאָגט האָט אים, געמאַטערט
אַף עמעצן צו אויסברענגען די אומבאַקאַנטע פרייד.
ער מיט זיך שפּאַנען רויִק, האַרט, — נאָר דאָ די ערד זי פלאַטערט,
און הילכיק קלינגט דאָס וואָרט זײַנס, כאָטש ער זאָגט עס שטילערהייט.

אַרײַן איז ער אין קינדערהיים, פאַרבראַכט דאָרט מיט די קינדער.
אַ ווײַל זיך דאָרט געבאַלעוועט גאָר ייִנגלש און צעהיצט.
און פאָרט דאָך די פאַרפלאַמטקײַט ניט געשטילט און ניט געלינדערט.
און פּלוצעם גאָר פאַרכידעשט זיך — ס'האָט עפּעס אויפגעבליצט! —

איר בליק, איר ליכטיק פּאָנעם, מיטן שעמעוודיקן שמייכל.
דאָס האַרץ האָט אים אַ קלעם געטאָן: — איז אָט גאָר ווי'ן סע צילט!
ער טרײַבט, ער יאָגט דאָס בילד פון זיך, ווי עפּעס אַ פאַרברעכן,
און אײַלט, ווי גלײַך אַנטלויפן וויל פון דעם, וואָס שטאַרק זיך ווילט.

און ברייט ער שפּאַנט דעם באַרג-אַראָפּ, און צו דער מאַמעס שטיבל,
ער שפּאַנט אַרײַן אַ ראַשיקער, ווי ייִנגלווײַז אַמאָל,
די בלינדע הייבט אַף אים די הענט אויף, ווי די שווערע פליגל,
און הערט, ווי ניט געשעמט און ייִנגלש רעדט ער אַפן קאָל.

און ניט דערזאָגט געזעגנט זיך, זאָגט צו אינגיכן קומען.
אוועק, ער גייט אין פּאַרק אַרײַן זיך צו באַטראַכטן שטיל.
ער זיצט אַליין. ס׳איז שנייִק-שטיל, די שטאַמען שטייען שטומע.
און מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך, גאָר פון אַמאָל, אַ שפּיל, —

אַ גלאָבוס איז געשטאַנען באַם קאַרעטניק אין אַ ווינקל,
איר, אַסיס גלאָבוס, דער פּלימעניצעס, געלבלעך און פאַרקלעפּט.
זי פלעגט די ייִנגלעך רופן, זאָלן ווײַזן מיט אַ פינגער,
און זי וועט טרעפן, וואָס דאָס איז און וועד אָ-דאָרט סע לעבט.

ווי ס׳גייט דער באַלעבאָס אַרויס, — אַזוי לויפט מען צו אַסין,
מע שטופּט זיך לעבן גלאָבוס און מע דרייט אים און מע טײַט.
און אַסי טרעפט די ערטער באַלד, און ווער סע ווינט דאָרט ווײַזט זי,
די יאַמען און די ערדן און דאָס לעבן פון די לײַט.

פון איר האָט מען דערוווּסט זיך, וועלכע פעלקער סע פאַראַנען,
פון איר, דורך איר געגאַפט אַף זיי און נאָענט זיי דערפילט.
זיי זײַנען פון איר מויל אַרויס, ווי לעבעדיק געשטאַנען,
פאַרברוינטע, ווײַסע, געל און שוואַרץ, די ציין געשטשירעט מילד.

נאָר דאָס געווען איז קינדווײַז נאָך. מ׳איז אַלע אויסגעוואַקסן, —
און זי איז מײַדמאַנס קאַלע איצט, אַ באַלעגופס אַ קינד,
און פאָרט איז זי אַן אַנדערע, אַן עמעסע, אַן אַקשן.
— „אַן אַנדערע — אַ שוואַנדערע!“ — גיי, גלייב זיי, ווי דעם ווינט!

און שימקע האָט זיך אויפגעשטעלט, ס׳האָט ווײַטער אים געטראָגן,
גאַס-אויס, גאַס-אײַן, און פרויעמען, זײַן יונגן פרײַנט, דערטאַפּט
און יענעם אין אַ זײַט געפירט: — איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן, —
אַ לערער וויל איך מיטנעמען... אַ לערער... האָסט געכאַפּט?

מיט זיך אין וואלד, אין אונטערערד אזא מין כאוועך נעמען,
כ׳זאָל הערן אי פון לעבינעץ, פון הימל און פון ערד,
א לערער צי א לערערן. ווי מיינסטו, זיך ניט שעמען
און בעטן עפּשער אסין... דעם קאַרעטניקס... אָ? דו הערסט?

— געהערט, געהערט, נאָך ווי געהערט! — א לערער זאָלסטו נעמען,
א לערער, ניט קיין לערערן! — און דאָס וויל איך דיר זײַן!
איצט קום צו פּאַוולִיקן אַ רעד טאָן, די האַסקאַמע נעמען.
— נו, גוט, נו, קום צו פּאַוולִיקן, אַ רוּ׳ך אין דיר אַרײַן!

3

צו נאכט מיטאמאָל האָט געבראָכן דער ווינטער.
פון אונטער דער ערד צו אים גראָבן זיך אונטער,
גאָר אומגעריכט ריטשקעלעך — יאשטשערקעס גרינע —
פון אונטערן שניי, — ווי זיי לויפן און פינען.

דער הימל באַפלעקט איז, סע קלײַבן זיך וואָלקנס,
ווי הימל-בעהיימעס מיט גרויסע געמאָלקן,
מיסטאָם וועט א רעגן אראָפּ, ווי א „באָבע“, —
דער ערד, דער געווינערן, העלפן באַם „האָבן“.

און וויפל ס׳האָט שימען זיך היינט ניט באַמיט
צו שטילן זײַן אופגערעגט-פרייליך געמיט, —
אליין זיך דעם וועג מיט האסראָעס פאַרלאָפן:
עס איז דאָך פאר פּאַוולִיקס אוועקגיין אָף צאָפן,

און פאר זײַן אוועקגיין אין וואלד זיך פאַרגראָבן! —
ווער ווייסט, סאַרא אומגליקן דו וועסט נאָך האָבן.
ווי גלײַך ניט קיין סוינע דאָס גייט אָף דער שטאָט,
וואָס איז די געדולע! וואָס טענצלט דער טראָט?

צו נאַכט האָט דער אומרו ערשט רעכט אים צענומען. —
א קלאַנג: — אין מעטשעטנע פּעטליורצעס געקומען.
אוי, גלוסט זיך אויף זיי כאַטש א קוק טאָן פון ווײַט. —
און פּאווליק וואָס?.. שימען האָט פּײַנט, אז מע שרײַט...

נאָר שימען, באַנאַכט, האַלט ניט אויס און גענומען
נאָך פּינעף מיט זיך, אויף יעדיעס באַקומען.
זיי רוקן זיך שטיל קיין מעטשעטנע אַרויס.
סע אײַלן זעקס רײַטער, דאָס כאַשכעס איז גרויס.

א רעגן מיט קעלט ווי מיט צווענגעלעך ציפּעט,
און אַלץ, וואָס לעבט, איז, דאַכט, קוים וואָס סע זיפּעט,
און איינס נאָר סע גאַרט מיטן אָטעם דעם שטומען —
וואָס גיכער דאָס כאַשכעס שוין איבערצוקומען.

און מונטער נאָר קלינגט אויף דער בלאָטיקער ערד
דאָס קײַען פון צוימען, דער טופּ פון די פערד,
די הערצער פון רײַטער, דער יונגער געדאַנק —
זיי יאָגן אין כאַשכעס מיט מונטערן דראַנג.

געקומען צום דאָרף און געפּאַקט די זאַסטאַווע,
דערוווּסט זיך: צוויי מײַעס פּעטליורצעס דאָרט האָווען
אין וואָלאָסט. מע מישפּעט דאָרט פּויערים פיל.
דאָס זעקסטל אַהין רײַט. מע קומט אין דער שטיל.
זיי זעען אין הויף, אין לאַמטערנישן בלענטשן,
געבונדענע איינער אין אַנדערן מענטשן.
סע טרײַבן זיי מערדערש א טוץ הײַדאַמאַקעס,
און איבער די קעפּ פון געבונדענע האַקט מען,
דאָס שלעפּן פּעטליורצעס די פּויערים שיסן...
דאָס זעקסטל אין רעגן, אין פינצטערניש וויסטן
באַראַטן זיך קורץ. מיטאַמאָל, — און מיט גוואַלדן,

— היי, כלאַפּצעס, אהער! — גלײַך אין כאשכעס זיי האלטן
א גאנצע ארמיי דאָרט, וואָס דארף זיך באלד ווײַזן,
און זיי, די פּעטליורצעס, אף שטיקער צערײַסן,
אזוי שרײַט דאָס זעקסטל מיט שרעקלעכע בראָכעס, —
אז ס'ווארפט מיט פּעטליורצעס דאָס פינצטער קאדאָכעס.
און איימע באפאלט זיי, צעמישט זיי, צעדרייט זיי, —
דאָס לעמפּל פארלעשט מען אף מאכן די פּלייטע.

ארײַן אינעם הויף איז דאָס זעקסטל, און שלאָגט
א שרעקלעך געשלעג, מיט הורא, מיט געשרייען, —
ווי גלײַך דאָ איין שטורעם דעם אנדערן יאָגט, —
סע פאלן פּעטליורצעס, פּעטליורצעס צעגייען.
און גיך, — ווי אין טרוים, — די צום שיסן געפירטע
באוואָפנען זיך און דאָס הויז אטאקירט מען.
מע רײַסט זיך ארײַן און פארענדיקט אינקורצן.
מיט הונדערט און זיבעציק פינעף פּעטליורצעס.
און שימען פארטאָג האָט צוריק אומגעקערט זיך,
געשטארקט מיט א טייל פון בא זיבעציק שווערדן,
געבראכט א הארמאט און „מאקסימס" א האלב טוץ
און הונדערט געזאָטלטע פערד נאָך אכוץ.

זײַן נעכטיקער אומרו — ווי רויך זיך צעטראָגן,
איצט ווארט ער געדולדיק, וואָס פּאווליק וועט זאָגן.
ער האָט זיך פאר פּאווליקן שולדיק דערפילט, —
שולדיק — ניט שולדיק, — דאָס הארץ איז געקילט...

4

און פּאווליקן טרעפט ער אין קארטע פארזונקען
און קלאפּן פארקלערט מיט די הארטע שפּיץ-פינגער,
ווי גלײַך אין דער מיט פון א שמו'ס מיט אים האלט ער,
מיט שימענען, זאָגט אים: — אָט זע, ווי סע פראלט דאָ
דער פײַנט, מיט זײַן גאנצן קולאק שפּאַנט אהער,

פון באַן נאַר. פאַרוואָס פון דער באַן נאַר? איך קלער,
פון באַן איז אים גרינג אונדז צו קלאַפּן. סע שײַנט, —
אין זײַט זיך צעשפּרייטן האָט מוירע דער פײַנט.
איז האַלט איך: דער צווייטער טייל גיט דאָס געווער
דעם ערשטן, ער זאָל זיך באַוואָפֿענען מער.
דער צווייטער אָטריאַד ווערט צעלאָזן אַהיים.
געשוויגן האָט שימקע, פאַרקלאַמערט די ציין,
דאָס לעצטע וואָרט פּאַווליקס האָט שווער אים דערלאַנגט
אין קאָפּ, אינעם האַרץ, ווי אַן אײַזערנע שטאַנג,
די האַנט אָפּן קני האָט פאַרכאַלעשט געפּויזט
און באַלד זיך באַהערשט, זיך פאָרמירט אין אַ פּויסט:
— אַהיים? וואָסער היים? וועמען וואַרפסטו דעם שטיין?
געפרעגט באַם אָטריאַד? מ'עט דיר געבן אַהיים!

און שימען אַרויס איז פון פּאַווליקן גרין, —
געשפּאַנט אַ צעקאָכטער, ניט טראַכטנדיק ווי'ן.
געשפּאַנט און געשפּאַנט און אַוועק אין זײַן טייל.
דערזעט ער, שטייט ציפּרוס און עפּעס דערציילט,
און היצט זיך, און עפּעס אַ באַטקע ער רימט.
— גוליײַפּאָליע! — טוט ער אַ שרײַ און אַנשטומט.
— וואָס דרייט ער, — זאָגט שימקע, — וואָס דרייט, דעם מאָט?
און ציפּרוס זיך האַרץ מאַכט: — כ'בין ניט דאָ קיכאָט
מיט מילן זיך שלאָגן! סע קומט אַן אַרמיי —
און מיר זײַנען שלעפּערס און הינט קעגן זיי!

איז שימקע געוואָרן צעקאָכט מיטאַמאָל,
צערייצט האָט געציטערט זײַן יינגלשער קאָל:
— אים ענטפערן, כעווירע? איך ענטפער אים, הערט:
אַ קני אים פון הינטן — און פּלי קאָפּ אין דר'ערד!

רעציכע האָט יענעם צוזאַמענגעקלעמט,
געוואָלט עפּעס זאָגן און דאָך ניט געקענט.

די אויגן צעעפנט, זיי קוקן מיט רייד
צו די פּאַרטיזאַנער: — די הענט אים פאַרדרייט!
דאָס צאָלט ער מיר אָפּ, ווייַל איך שעץ אייַך און שיץ. —
ער דרייט מיט די אויגן, סע ווארגט אים, ער שוויצט.
דער פוס פילט די ערד ניט, סע טריקנט אין שלונג.
ערשט שפּעטער צעפּלאַטערט זיך ווידער די צונג:
— כ׳האָב גאָרנישט, כ׳האָב גאָרנישט קיין שלעכטס ניט געמיינט!
פאַרקערט, ליבער פרייַנט... — און ער האָט זיך צעוויינט:

— און אויב ס׳האָט געקאָנט ווערן קאָנטרע געטייַטשט —
איז גוט, וואָס דו האָסט מיר דערלאַנגט מיט א בייַטש.
איך זאָל אזוי לעבן, איך נאַר דיך ניט אָפּ.
איז נעם דאָך דייַן כשאַד פון דייַן כאַווער אַראָפּ!
סע דריקט מיך דייַן כשאַד, ווי א וואָלקן פון בלייַ,
איך שווער דיר, איך בין די סאָוועטן געטרייַ!

און שימקע געלאָזט האָט דעם ציפּרוס אין טייל,
און שפּעטער די נייַס פון רעווקאָם אים דערציילט,
און ציפּרוס האָט פריילעך געהערט און גערעדט.
געוואָרפן מיט ווערטלעך, מיט כאָכמעס געפּלעט,
דערווייַל אף כאַוויירים א פּליאָטקע, א שטאָך:
— מע זאָגט, ס׳האָט מיכייַקאָ פאַר הייַנטיקער וואָך
זיך דרייַ מאָל פאַרקנאַסט און זיך דרייַ מאָל געגעט.
מע טומלט אף אונדזער סאָוועטמאַכט... מע רעדט...

איך האַלט, אז מיר דאַרפן ווי גינגאָלד זייַן ריין
און פרויעם, אשטייגער, ער גיט אונדז צו כיין?
זייַן טעפּליקער זיידע איז שויכעט צי ראָוו,
ער פירט אגיטאַציע — „מע שעכט אונדז ווי שאָף!”

און שימקע — ער הערט, און א קאַס אים באַפאַלט: —
— דו הערסט אוף צי ניט? איך צענעריק דיך באַלד!

## 5

מאַרעשכוירעדיק פאַר פאַוליקן שטייען מענטשן
ביזן ביין געטראָפן און באַליידיקט.
טיף געקרענקטע האָבן זיך די האַרטע מענטשן
קעגן פּסאַק אַקשאָנעסדיק פאַרטיידיקט:

— מירן ניט צעגיין זיך, מיר האָבן ניט געזינדיקט
קעגן רעוואָליוציע, — פאַרוואָס דאָס שטראָפן?
מירן זיך אין שלאַכט באַוואָפענונג געפינען, —
לאָז אונדז גיין מיט אײַך, מירן זײַן באַוואָפנט.

פאַוליק שווײַגט זיי אָפּ. אין די שלייפן יאָגט אים, —
ווער קאָן האָבן האַרץ מיט אָט די לײַט זיך שיידן!
נאָר די אויגן פאַוליקס שטרענג ווי שטענדיק קוקן,
אויסגעוואָרט א ווײַל, נעמט ווידער צו זיי ריידן:

— קיין געווער ניטאָ. ס'קומט דער פײַנט הײַנט — מאָרגן,
שטיל איר וועט די זאַך אין דר'היים שטיל ווײַטער פירן.
באָלשעוויקעס לעבן, לעבן! נאָר ניט זאָרגן!
מירן זיך אין צאָפּן-ראַנד אַפּסנײַ פאָרמירן.

לענין זאָגט אונדז צו אף הילף א מענטש — א פעסטונג,
דעם, וואָס לײַדט קיין פלאַפלערס ניט, קיין וועלף, קיין פוקסן,
לענין שיקט אונדז צו אף הילף זײַן פרײַנט דעם בעסטן,
דעם באַשיידנסטן און סאַמע קלוגסטן.

פרײַנט, כאַווײרים, — אויסגעפּרוּווטע קריגער זײַט איר,
פאַר דער רעוואָליוציע זײַנען גרייט זיך שטרעקן.
גייט אַהיים, און יעדער אף זײַן אָרט זאָל ווײַטער
וועגן אונדז דערציילן און די מאַסן וועקן.

יעדער גייט, אַף זײַן זאַוואָד, צי פעלד, צי שטעלע, —
זאָגט, אז מיר דאָ שטילן זיך ניט קענען,
מירן זיך דערשלאָגן אונדזער שײַן די העלע
פאר די פעלקער, ווי סע זאָגט אונדז לענין.

גייט, און יעדער זאָל זײַן גלײַכנס גרייטן, לערנען
אומגיין מיט געווער, די ווײַלעס ציילן.
און ווי נאָר פון אונדזער מארש איר וועט דערהערן, —
דעמלט שפארט פון טיל מיט אלע טיילן.

העכער האלט דעם קאָפּ, זיצט זיכערער אין וואָגן,
קריגער פונעם טיל, — געהיט זיך פירן!
איצטער קומט דעם ערשטן טייל דעם „זײַ-געזונט" זאָגן,
הארמאָניסטן, שפּילט, צום באַן מארשירן!..

6

מוטערס און שוועסטער זײַנען געקומען,
קינדער און קאלעס זײַנען געקומען,
שווײַגנדיק, ריידנדיק,
בענטשנדיק, בעטנדיק.
אנדערע אויגן מיט טרערן פארשווומען,
אנדערע פענעמער וואָלקנדיק טריבע, —
זאָגן דעם „זײַ-געזונט" זייערע ליבע,
און אף די העלדזער די טײַערע פאלט מען.
כאָפּטעסווײַז בא די וואגאָנעס זיך האלטן
רויטע גווארדייער, — א פאָלק א פארשידנס:
רוסן, אוקרײַנער, פוילן און ייִדן,
יונגע און בערדיקע.
שטאָטישע, דאָרפישע,
פעסט מיט די טאשמעס, מיט די קוילן געגורט,
סע קומט אָן פון אָפּשייד די שווערע מינוט.

דעם טייל אַט דעם ערשטן וועט פאווליק היַינט פירן
קיין צאָפן אַף לערע, אַף איבערפאָרמירן.

צווישן דעם אוילעם דאָס וויַיבל וואָלף-בערס,
דאָס טעכטערל רייזל מיט איר איז צעטראָגן.
איר בליק, צווישן אוילעם, אין בלענד פון א טרער,
איר בליק טוט פארבאָרגן נאָך וואניעז זיך יאָגן.

און נעכע, איר כאווערטע, ווייסט וועגן סאָד,
זי שטייט לעבן איר און זי לעבט מיט איר איבער,
נאָר רייזל האָט וואניען נאָך קיינמאָל געזאָגט,
אז ליב האָט זי אים, אז פון אלעמען ליבער.

און וואניע, דער לאנגער און פריילעכער יונג,
סע שפילן בא אים, ווי באם מיידל, די באקן, —
ער רעדט און ער לאכט און ער רוט ניט, דער יונג,
אזוי, אז סע קאָן אים זיַין מאמע ניט פאקן.

זי איז אים געקומען באווייַנען אהער, —
און ער איז פארכאפּט פון א שלאַל פארגעניגנס:
ער פילט אינעם קליב קלאפּט דאָס שיידל פון שווערד,
אין גורט זיַינעם — עמעסע קוילן דאָרט ליגן.

ער זעט ניט, ער רוט ניט און שטויסט זיך ניט אָן,
אז ס'קוקט אויס א מיידל אַף אים אירע אויגן,
אז פלאמען זי פלאמט, ווייסט ניט וואָס מיט זיך טאָן,
טוט אלץ צו דער כאווערטעס אויער זיך בויגן.

ס'האָט וואניען זיַין מוטער געפאקט און זי קלאָגט,
באווייַנט אים, און ער, — ער בארויקט זי צערטלעך.
ער קוקט אזוי שעמעוודיק-מוטיק און זאָגט
איר פריילעכע, ייִנגלשע, הארציקע ווערטער.

* * *

— זאָל פאַר אונדז דיר ניט פאַרדריסן,
הערסט, וואָלף-בער, ס'אַזוי באַשערט.
פאַר אַ נויט — אַף ברויט אַף פּיסנע —
קען איך אויכעט קאָווען פערד.

זאָלסט זיך נאָר פאַר אונדז ניט זאָרגן,
הערסט, וואָלף-בער, זאָלסט טון דיינס.
זאָלסט זיך האַלטן לעבן וואַניען,
וועט דיר דאָרטן היימלעך זיין.

איר'ט זיך שטאַרקן דאָרט, ביזוואַנען
איר'ט זיך אומקערן אַהער.
זאָלסט זיך האַלטן לעבן וואַניען
און זיך היטן, הערסט, וואָלף-בער? —

רעדט די קאָוועלקע צום קאָוועל,
וואָרט און בליק און פּאָנעם ברענט.
באַדערביי שטייט נאַכמען-יאָנטעוו
מיטן אייניק אַף די הענט.

ער האָט דאַפּקע דעם מעכוטן
אָפּגערעדט, נאָר זי... זי הערט?!
איצט באַלייט ער דעם מעכוטן —
שטייט און שווייגט און קוקט פאַרקלערט.

7

מיטאַמאָל — האַרמאָניעס הערט מען,
און זיי שפּילן אַזוי ברייט. —
דאָס פירט פּאַוולִיק די כאַוויירים,
זיך געזעגענען מע גייט.

פריילעך שפּילן האַרמאָניסטן,
ס׳קומט דער אוילעם פריילעך אָן.
איינס דאָס צווייטע טוט באַגריסן
און מע לאָזט זיך אין אַ קאָן.

אין די רעדלעך — מיידלעך, קריגער,
הויך געלעכטער, יונגער טאַנץ,
ווער מיר זאָרגן! — ווי באַ זיגער,
פול מיט מוט דער בליק סע גלאַנצט.

און אין סאַמע טאַנץ געדרייטן
שאַלט באַפעלערש פּאַוליקס וואָרט:
— אין וואַגאָנעס! — פאָלגט מען טייקעף,
און דער צוג רירט פונעם אָרט.

די, וואָס בלײַבן, די, וואָס פאָרן, —
הייבן אוף אַ גרויס געזאַנג,
אף דער לעצטער באַן-פּלאַטפאָרמע —
וואַניע מיט אַ פענדל בלאַנקט.

קאַפּיטל צוועלף

## באַ די נעוויִים

1

באַ ליוועראַנטן פריילעך איז:
— אוועק זײַנען די רויטע
און אַלץ איז אונדזערס! — שטעקט די הענט,
ווער ס׳אַי ניט קיין שויטע!

באַ ליוועראַנטן פריילעך איז, —
ס׳האָט שימקע ניט קיין קיִעם...

און בויך רופט אויס א קערמעשל
פאר זײַנע פרײַנט נעוויִים.

אצינד וועט צירל זײַנע זײַן,
פארגעס אין אלע פלאָכטן!
„באסעקט" זיך, ברידער, גיסט אריַין,
ס'האָט בויך א קאלב געשאָכטן.

קיין שלאָס ניטאָ, קיין הינט ניטאָ,
קיין מאכט האָט ניט קיין קיִעם
די שטאָט איז דאָ און גאָט איז דאָ,
און מיר, זײַנע נעוויִים.

פון גרויסע „ווערק" דערציילט מען זיך,
און גרעסערע פארטראכט מען.
מע זינגט, מע טרינקט, מע געדזשעט זיך
פון „יאָלדן" כויזעק מאכט מען.

אוידעטעם — פידעטעם — איוואָרעקעס
שלעפט מען שימקען אף די צוועקעס!
אף די צוועקעס איז אן אָרט,
לייגט מען שימקען שלאָפן דאָרט!

אוידעטעם — פידעטעם — איוואָרעקעס
קומט די פריצע אף די צוועקעס.
זיצט די פריצע לעבן אים,
זאָגט די פריצע: „נעם ארום!"

אוידעטעם — פידעטעם — איוואָרעקעס!
גיסט א רעגן אף די צוועקעס —
שרײַט די פריצע „אוי, אויו!"
שרײַט דער פאָרעץ: „גוט אזוי!"...

## 2

די ליוועראנטן גאַרגלען זיך
און באלאלײַקעס ברימקען.
די צירל נאָר איז אומעטיק,
זי בענקט אליץ נאָך איר שימקען.

סע מעלדעט דער גאנאָווים-צער:
— אז כעווערלײַט, גאנאָווים,
זײַנען גרייט פארהיטן זי,
די שטאָט, פון יעדן יאָוון,

פון יעדן אָפיצער, וואָס מאָנט
בא די יאָלדן געלטן. —
דערפאר אָבער א לוין פאר זיך, —
א גאנעוו-וואָך זיי מעלדן.

— מיר רופן אויס א גאנעוו-וואָך,
פונדאנען אָן ביז באלטע,
אז ביז די „קופן" קומען, אָן —
נעמט מען נײַס און אלטע.

עס זאָל ניט הייסן גאנוועגען
ס'זאָל הייסן פּאָשעט: נ ע מ ע ן...
ס'איז קיינעם ניט צו שאנעווען,
ניטאָ זיך וואָס צו שעמען. —

אָן שוימרים, אָן נאטשאלניקעס,
מיר זײַנען פרײַ פון גראטעס. —
אוי, בא דער שטאָט, דער יאָלדעכע,
דאָס הארץ ליגט אין די פּיאטעס...

דעם שימקען האָט דער שעד געכאַפּט
(אָט זעצן מיר זיך כליפּען) —
איז לאַמיר זשע די יאָלדעכע
באַפּליקן און באַצופּן!

ווער שוימרים, וואָס נאַטשאַלניקעס!
מע וועט צוריק ניט קומען!
זאָל לעבן אונדזער גאַנעוו־וואָך,
פון באַלטע אָן ביז אומאַן!

3

סע זײַנען נעוויִים
אין לעדער געקליידט.
א ברוינינג — אין בוזעם,
א פינקע — אין שייד.

זיי ווייסן וואָס קאָכט זיך
אין יעדערנס הויז, —
זיי טראָגן די שליסלען
פון טורמע און קלויז.

דער בליק ווי בא ריכטער,
און זעלנערש דער טראָט,
מע טראָגט די אחרײַעס
פאַר יאָלדישער שטאָט.

באַם טאַטן בא צירלס,
א פילדער, א ראַש,
איר טאַטע איז עלטסטער,
און בוץ איז זאַמנאַטש.

אין שטוב א גערודער,
א ווינקעל, א קאַך, —
עס גרייטן מאַרוויכערעס
צו זייער וואָך.

עס דאבערן פּיסקעס,
עס זעצט דאָ א רויך, —
דער קאַטער צעפּריסקעט
א טעפּעלע יויך...

עס זעט עס ניט קיינער, —
אַלץ רויִק און גאָר, —
און בוצל דערגייט אַלץ
זײַן צירלען די יאָר.

עס זעט עס ניט קיינער,
און עפּשער, — העט ווײַט,
סע זעט עס איר שיינער, —
מיט רײַטער ער רײַט.

ער רײַט, אויב ער לעבט נאָך:
אוי, הארץ אין מײַן הארצן, —
די אויגן דײַן צירלס
פאַרלויפן מיט שווארצן.

דו שלאָגסט זיך אָף טויט
און אָף לעבן און גאָר, —
און בוצל דערגייט דאָ
דײַן צירלען די יאָר!
איך יאָג אים, איך טרײַב אים,
נו, „טשעפּע זיך אָפּ!"
און ער אַלץ:

— איך ברענג דיר דײַן שימקעלעס קאָפּ!
דײַן שימקע א יאָלד איז!
ער טוט פון דיר לאכן.

— נו, זאָל זײַן א יאָלד,
וואָס קען מען דען מאכן.
אבי ער זאָל קומען
געזונטערהייט...
— נאָך וואָס זאָל ער קומען.
ער האָט שוין א מוידן!
שוין איין מאָל א מיידל,
וואָס ווייסטו? ביסט בלינד!
און גיך וועט דאָס מיידל
אים האָבן א קינד.
איך זאָל אזוי לעבן
איניינעם מיט דיר.
א מיידל — א שיינקייט —
ווי קומסטו צו איר!

4

מיט גרויסע באשלוסן
באגלייט מיט געוויין,
איז צירל אנטלאָפן
באנאכט פון דער היים.

מיט גרייטקייט זיך לאָזן
באַדיי אין עק וועלט, —
אבי זײַן איניינעם
מיט דעם, וואָס געפעלט.

און פירן א לעבן,
מיט אים נאָר אליין. —

איז צירל אנטלאָפן
באנאכט פון דער היים.

„און טאָמער איז עמעס
און טאָמער איז פאַרט, —
איז וועל איך זיך מאכן
דעם טויט אפן אָרט.

בא אים אפצולאָכעס
זיך מאכן דעם טויט, —
ער זאָל מיך ניט נארן, —
געפונען א מויד...״

5

אין „אונטערערד״ שימקעס
א גאסט זיך באוויזן. —
ווי קומט זי אהערצו!
סע שטעכט אים מיט שפיזן.

— ווי קענסטו גאָר קומען,
ווי קענסטו גאָר טראכטן,
דו מוזט טאקע טייקעף
צוריק, היינט באנאכט נאָך.
און שווער מיר, מוזט שווערן
צו שווייַגן, צו שטומען.
זאָלסט מער מיך ניט זוכן,
זאָלסט מער שוין ניט קומען.

האָט שימקע באלייט זי.
אין הארץ זיך געגעסן:
וואָלט פאוליק געלאָזט זיך
געפינען? פארגעסט זיך!

פאַרגעסט, ווער דו ביסט דאָ
און וואָס דיר פּאַרטרויעט, —
וואָלט פּאַווליק געטאָן עס,
דו הילצערנער מויעך?
— געדענק זשע, געדענק זשע,
זיך מער ניט באַווײַזן,
איך וועל דאָ ניט זײַן מער,
איך וועל הײַנט פאַרײַזן.

אַף מאָרגן האָט שימקע,
פאַרהאַקט אינעם הויז, —
געוואַרט אַף מיכײַען
מיט אומגעדולד גרויס.

האָט פּלוצעם דאָס מיידל
זיך ווידער באַוויזן,
אַרומגעכאַפּט שימקען,
געוויינט, זיך געריסן:
— איך קען ניט אַהיים גיין,
מיט דיר וועל איך בלײַבן.
מיט דיר וויל איך בלײַבן,
און וויל זײַן דײַן ווײַבל.

ווו איז זי, דאָס מיידל,
וואָס האָט דיך פאַרקישעפט,
איך וועל איר מיט אַליעם
דאָס פּאָנעם פאַרווישן!
מע זאָגט און מע זאָגט
און מע שושקעט זיך אַלע.
איך גלייב ניט, איך גלייב ניט,
דו האָסט ניט קיין קאַלע!
וואָס שווײַגסטו? ס'איז עמעס?
אַף וועם ער פאַרבײַט מיך!

איך הענג זיך, איך שטער זיך,
דו שעם זיך פאר לײַטן!

צעטראָגן װערט שימקע
אין פלאַגן און שטומען:
א כאװער קאָן יעדער
סעקונדע דאָך קומען!
דערציטערט האָט שימקע,
פארכאלעשט דערציטערט.
באפרײַט זיך פון צירלען,
דערקלערט איר פארביטערט,
װי מערדערש, פארברעכערש
זי פלאָגט אים און פײַניקט.
נאָר זי האָט געיאָמערט,
געװײקעט, געטײַנעט.
איז שימקע געװאָרן
ביז טיפסטן דערצאָרנט,
דאָס פּאָנעם פארענדערט,
די אויגן — צװײ דאָרנס,
מיט װײטיק, מיט סינע,
מיט טרערן זײ ברענען:
— פארנעם זיך פונדאנען
איך װיל דיך ניט קענען!..

קאפּיטל דרײַצן

## די באלאגערונג

1

צו פּרי איז הײַנט נעכע אװעק פון דער שטוב,
דערפילט האָט עס מאלקע, איר מוטער.
דערװאכט זי, די בלינדע, א קרעכץ און א רוף:
— װו׳ן טראָגט עס זי װי׳ן, דער ניט-גוטער?

דאָס באַנק-בעטל נעכעס זי טאַפּט. איז באַראַשט...
פון אײַיוועלע ציט און סע מוליעט.
א טעפּעלע סופּ שטייט אין לעבלעכן אַש
מיט װאַרעמע שמאַטקעס פּאַרטוליעט.

אין אומרו זי שאַרט זיך צום פענצטער געווענדט, —
כאַטש עפּעס א שפּור פון דאָרט כאַפּן.
די הענט, ווי דאָס וואַש-ברעטל, שווערע, די הענט
די קניפּיקע, בלאָנדזונדיק טאַפּן.

איר שימעלע שטעקט דאָרט, אָט דאָרט, ווו די וועלט
זיך האַרגעט סאַקאָנעס-נעפּאַשעס.
א שוואַכס און א הוילס. און דער גראַשן אים פעלט.
אַף עפּעס אין מויל די פּאָר גראָשנס.

— וואָס מאַכט אזא קינד פאַר די וועלף דאָרטן אויס?
א שוואַכער קאָן שלאָגן א שטאַרקן?
זיי רײַטן אַף אָדלערס! און דו, ווי די מויז. —
ס'איז עפּעס א מאָך דיך דערוואַרגן?

זי שלײַכט צו דער פּאָלקע. זי טאַפּט דאָרט א צײַט!
און זוכט און טאַפּט אָן דאָרט דאָס בילדל.
זי דרייט עס און קערט און וויל טרעפן די זײַט,
ווו שטײַף בא א בוים זיצט איר זינדל...

— ס'א שעקער... דאָס האַרץ בא דעם גוויר איז פאַרלייגט.
ס'איז זשעדנע דער שלונג בא די וועלף דאָרט,
סע שטייט זיי דאָס אָרעמע קינד אינעם וועג.
מײַן שימקע!.. איז גאָט זאָל אים העלפן...

דאָס בילד שטעקט די בלינדע אין פאַרטעך אַרײַן,
דערטאַפּט ערגעץ שימקעס א לײַבל.

זי וואשט עס, זי רײַבט איר שווער הארץ אין דעם איַין.
מיט בראָכעס זי וויל עס פארייַבן.

— די פאבריקע שטייט, איז ווי׳ן טראָגט עס זי, ווי׳ן?
דער גוטער-יאָר ווייסט עס, דאָס מיידל... —
און מאלקע דעם רייעך דערפילט פון טוטין,
וואָס האלט זיך אין נעכעלעס קליידלעך.

2

די גאס פון די קוזניעס איז ליידיק און שטיל,
סע גליט ניט קיין קוילן אין האָרן.
אין שטיבל וואָלף-בערס, צווישן קינדערלעך פיל,
דרייט שירקע זיך אום ווי דערצאָרנט.

איר קרעפטיק געשטאלט איז באוועגלעך און הייס,
שווארץ גלאנצן די אויגן, די לאָקן.
אזויפיל אנטשיידנס אין אויסזען איר שיינס,
אין דעם, ווי דאָס קרויט טוט זי בראָקן.

אין דעם, ווי זי רירט זיך באם ראמען, באם גרעט,
באם אָנטאָן די קינדער, באם פייַער.
און אלצדינג דערוווסט זיך און אלצדינג דערזעט, —
און קען ניט קיין אולעס פארדייַען.

זי קוקט אף איר רייזלען, באם שפיגל, באם וואנט, —
קענאַרע, ווי שיין, ווי געראָטן. —
די פאבריקע נאָר אירע אקסלעך פארהאלט,
די אויגן איר אונטערגעבראָטן.

זי איילט זיך, איר מיידל, דעם צאָפּ זיך פארפלעכט,
ווי קלאָר איז איר שטערן, ווי מוטיק,
איר בליק מיט דעם מיידלס אין שפיגל זיך טרעפט, —
און אלץ ווערט פארטייַטשט און באגיטיקט.

דער מוטער איז נאָענט די סוידעס דעם קינדס,
די גרויסע, די ביטערע סוידעס.
א בליק מיט א בליק, — און דאָס מיידל פארשווינדט.
דאָס מוטער-הארץ שווער זיך צעהוידעט.

זי האָט זיך אין מאן, איר וואָלף-בערן, דערמאנט:
געפאָלגט זי, דאָס ווייב, און געגאנגען.
ס'האָט זי אים געגעבן די ביקס אין דער האנט,
געשיקט אים אין קריג: — גיי דערלאנג זיי.

איצט זעט זי, דאָס קינד איז שוין אויבעט פארפלאמט.
קוים פליגעלער דאָ און סע פליט שוין.
פארקלערט איז די מוטער און, קלערנדיק, ראמט,
צוויי טרערן פון ווייעס זיך גליטשן.

און אָפגעקוועטשט בייז מיטן קולעק די טרער,
אין קוזניע זי גייט, צו פארגרייטן
פידקאָוועס א פאָר, טאָמער מאכט זיך א פערד,
און האקמעסערס מאכט זי פאר קלייטן.

דעם פעך-שווארצן קאָפ מיט א טיכל פארקלעמט.
זי כאפט גיך דאָס אייזן פון פייער.
און האמער און אייזן — זיי פאָלגן די הענט,
מיט קלינגען און פינקלען און שרייען...

3

— נו, אסיניו-לעבן, נו,ווארף זיך ניט, קינד,
נו לאָז מיך דיר אָנטאָן די פערל.
דו קרימסט זיך, ווי גלייך פון דיר פאסן מע שינדט.
וואָס איז? ניט געדאכט זאָל עס ווערן!

אזוי איבער אסין די מאמע זיך הויבט
און אסי — אינדרײַען געבויגן.
די באקן דער מאמעס געפּלוסטערט און רויט,
און דולע ווי שיקער — די אויגן.

— וואָס פלאָגסטו דעם פּעטער? — וואָס האָסטו צו מיר?
איך קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען!
ווער איז דער שמאדילניק, וואָס ליבט זיך אין דיר
און פירט דיך אראָפּ פונעם זינען?

צעריסן די טנאָים מיט „מײַדמאן אי קאָמפּ".
ווו איז עס געהערט גאָר, מאכשייפע?!
ווו איז דער שמאדילניק, ווו איז ער, דײַן סטראָמפּ?
א בראנד אין די אייוורים די טרייפע!

— וואָס האָט איר זיך אויסגעטראכט שלעק אף מײַן קאָפּ?
כ'וועל טאָן, וואָס איך וויל, און ניט פרעגן.
— אזוי? — „וואָס איך וויל" — און ס'וועט גלאט דיר אראָפּ?
דער פּעטער פאר ד י ר וועט זיך בייגן?..

און ס'קלאפּט זיך די מוטער אין קאָפּ ארײַן ווילד.
און רעדט, אז סע גלוסט זיך צו מייקען.
זי לויפט נאָכן פּעטער, און אסי דערפילט,
אויב טאָן, — דארף מען טאָן עפּעס טייקעף.

א ווײַלע זי הערט, ווי מיט טירן סע שמיצט,
זי טוט זיך א הייב און ווערט מונטער.
זי עפנט דאָס פענצטער, א קוק — און באשליסט. —
און פאָרזיכטיק שפּרינגט זי ארונטער.

4

אין טאָל זײַנען טירן געבליבן פֿאַרשפּאַרט,
און פֿענצטערלעך בלינדע פֿאַרהאַנגען.
און נאָר אַפֿן באַרג האָט מיט מענטשן געשפּאַרט,
דער באַרג איז צום ראָטהויז געגאַנגען.

פֿאַראַדנעס צעפּראַלן זיך, גווירישע לײַט
זיך ווײַזן: „מיר זײַנען פֿאַראַנען"...
אַן אָנגעלויף מענטשן געקוקט האָט פֿון ווײַט,
ווי דײַטשישע טײלן סע שפּאַנען.

די שטאָט־דומע האָט אַ קאַפּעלע באַשטעלט, —
זי האָט זיי אַ וויוואַט געשניטן.
פֿון מײַדמאַנס באַלקאָן האָבן דאַמען געקוועלט:
פֿאַרבײַ זײַנען דײַטשן געריטן.

סע שטייען צוויי מײדלעך, נאָך קינדער קימאַט,
פֿון טאָל קומט אַ יעדע באַזונדער.
אין אויל׳עם באַם ראָטהויז פֿאַרמישט מען זיך, — גלאַט
מע קוקט אַפֿן דײַטשן בייזוואונדער.

זיי קוקן, די צוויי, און זיי צוימען דעם בליק,
ער טאָר ניט בײַ זיי אַזוי שפּרינגען, —
סע טאָרן בײַ מײדלעך פֿון הילזן־פֿאַבריק
ניט טיאָכקען די הערצער די יונגע.

פֿאַרלייגט אין אַ קובלעק דעם פּעך־שוואַרצן צאָפּ,
דאָ שטייט זי, דעם קאָוועלס, אַ בלייכע.
און נעבע — אַ פּויערשע שאַל אַפֿן קאָפּ, —
דאָס פּעסט־ברייטע פּאָנעם סע שמייכלט.

זיי טראָגן פּיל סוידעס, פּיל אומרו אין זיך,
מע קוקט און עס שנײַדט זיי מיט מעסערס.
סע שפּרינגען די הערצער — זיי קלאַפּן אַפּגיך,
נאָר זײַנען פאַרשפּאַרט ווי אַף שלעסער.

מע וואַרט און מע זוכט און מע קוקט זיך גוט אײַן, —
אַט שפּאַנט שוין דער פּאָלק סיטשעוויקעס.
געשיקט זיך, ס'זאָל דאָ קיין באַקענטע ניט זײַן?
קיין פּאָרל באַקענטע מוזשיקעס?

זיי זוכן, — זיי מוזן געפינען, מע מוז
כאָטש איינעם א נאָענטן, היגן.
סע שפּאַנען די פּויערים זעלנער אין פוס,
די פּענעמער מיד און אַנשוויגן.

און אָט, מיטן אוילעם, וואָס איז זיך צעגאַן,
אַוועק איז די פּאָר, און א שטומע
האָט אײַלנדיק יעדע באַזונדער געשפּאַנט,
און ביידע אין איין שטוב געקומען.

א מענטש האָט געוואַרט, און זיי האָבן דערציילט,
געענדיקט מע האָט מיט די ווערטער:
— ס'איז דאָ דאָרט א היגער, דודענקאָ מיכיי,
דער זון פון פּאַכאָמען דעם גערטנער.

דער מענטש פונעם וואַלד האָט מיט קאָפּ זיי געהאָרכט.
פאַרקניפּט יעדעס וואָרט אין זיקאָרן.
דער מענטש איז אַוועק, און די מיידלעך — דערנאָך.
אויך זיי זײַנען נעלעם געוואָרן.

5

### א י ן  ר ע ד ל

— און אַן אוקאַז צעהאַנגען איז,
דאָס הייסט, דאָס פֿאָלק באַגריסט מען, —
אַז אויב אַ דײַטש זאַטשעפּעט מען,
איז יעדן צענטן שיסט מען.

### פּ ר א ד ק י ן

וואָס טויג אונדז באַצרעס פּיזענע —
מע וועט אונדז לאָזן האַנדלען!
דאָס איז אַ מענטש אַ קאָמערסאַנט —
דער אינטענדאַנט, הער שפּאַנדל.
„איר וואַרט ניט, — זאָגט ער, — האַנדלט זיך
מיט וואָס אײַך ליב און טײַער,
אַבי איר אונדז פֿאַרגעסט נאָר ניט
און גיט אונדז אויך צושטײַער".
זיי קומט! וואָס האָט אַ ווערט אָן זיי
פּעטליורע מיט דער ראַדע?
די רויטע שלעק געפּאַטערט שוין.

### נ א כ מ ע ן-י אָ נ ט ע ו

געפּאַטערט שוין?

### פּ ר א ד ק י ן

אוואַדע!
אַ, נאַך-יאָנטעוו, מאַזלטאָוו
מיט דײַטשן אַף אוקרײַנע!

### נ א כ מ ע ן-י אָ נ ט ע ו

מאַזלטאָוו אײַך, מאַזלטאָוו
אויף דער באָבען אײַערע...

פראדקין

אָ-דאָס הייסט ריינע מענטשלעכקייט,
און ליבע צו אוקריינע.
ניט דייטשן וועלן מישן זיך,
אין דעם, וואָס אונדז איז טייער:
מע שעצט אונדזער עמונע —
און נו... און אויך די פרייהייט...
צוריקגערעדט, דאָס פויערל
וועט דאָך ניט נעמען קלאָגן,
אויב ס'עסט א דייטש א הינדל אוף.
צי בארגט א פערד-און-וואָגן,
צי בארגט א ביסל טוווע אויס,
א צוויי-דריי קי, — ס'איז שרעקלעך?

נאכמען-יאָנטעוו

מע וועט ניט ווערן אָרעמער.
בעהיימעס וועט אונדז קלעקן...

פראדקין

וואָדען! גענומען גלייבן זיך!
א שויטע נאָר קען גלויבן,
אז ס'קען אין א גראנגלעניש
דער שוואכער בלייבן אויבן.

נאכמען-יאָנטעוו

די מייסע מיט די פערצן קי
מיט פאַרעס, זאָל ניט טרעפן...

פראדקין

ווער סע גלוסט צו פרעמדנס גוטס,
פאר דעם א גרוב זיך עפנט...
דאָ גייט דאָס געלט, די וויסנשאפט,
און טאקע גענעראלן. —

און זיי אנטקעגן — באָרוועסע, —
איז ווער פון זיי דארף פאלן?

נ א כ מ ע ן - י אָ נ ט ע ו

און פארען האָט געכאָלעמט זיך
א כאָלעם פון כאלוימעס...

פ ר א ד ק י ן

היט זיך, אף אזוינע רייד
קומט דער מאלעך דוימע!..
איך פרעג אײַך, ייִדן, ענטפערט מיר —
פון איין זײַט — רײַכע קרויווים,
פון צווייטער, — שלעפערס אָרעמע —
איז ווער וועט זײַן פון אויבן?

נ א כ מ ע ן - י אָ נ ט ע ו

און פארע זעט, מע שלינגט זיי אײַן,
די שמאלציקע בעהיימעס.
נאָר פארעס אייזל הערט און זעט —
און וויסט א פײַג דעם רעמעז...

6

אין שלאָפצימער טונקלעז, באם פענצטער געבוקט,
די מײַדמאנקע שטייט, דורכן פאָרהאנג זי קוקט:

א סאָף זאָל עס נעמען, לאָזט רוען א ביסל.
וואָס גיסט מען איר גאל אין דער גוויריִשער שיסל?

מע הענגט די געכאפטע פונקט איר פאר די פענצטער,
אינמיטן דער שטאָט, אף דער גאס אף דער שענסטער.

אזוינס זאָלן טאָן די גערמאַנצעס? — א שאָד,
זיי קאָנען דאָך מאכן עס הינטערן שטאָט.

און טאָמער נאָך וויניק, איז נאָך א שאָק דײַגעס, —
די קאָלע אנטלאָפן, די ווילדע הולטײַקע.

און דאָדיק באַווײַזט זיך, — איז פינצטער און וויסט.
דער ווייטיק איז גאַרניט — די כארפע פארדריסט.

די מײַדמאנקע קוקט מיט א בליק מיט א שווערן.
די גאס איז באלעבט. אָט-אָ רײַט קאוואלעריע.

באוואָפנט, באקליידט פון דער ברייט-ברייטער האנט —
איירָאָפּא, קולטורא, אָט דאָס ווערט א לאנד!

א מיצווע אף זיי, אף די באַרוועסע שלעפּער!
אָט כאפּט מען זיי אויס, ווי די פליגן מע קעפּט זיי.

אף אונדזערע קעפּ זיך פארמאָסטן — א מאקע!
אָט פירט מען א כאָפּטע דאָרט באָרוועס און נאקעט.

פארטריבן די גווירים, געפירט א מעלוכע,
געמיינט, אז א סאָף שוין, איצט זאָלט איר פארזוכן.

מע בעט אײַך, כאווײרים, א רוק טאָן זיך, ביטע, —
סע גייען די פריצים צו זייערע גיטער.

סע קומען די גווירים צו זייער פארמעגן.
סע גייט די קולטורע אף עמעסע וועגן.

אָט פירט מען באטראקעס, א קנויל א געדיכטן,
ווײַזט אויס שוין געשמיסענע, קוים וואָס זיי קריכן.

צום גרוב נעבעך פירט מען די פויערלער אָפּ, —
מע קערט זיי דאָרט איבער, — „אין דר'ערד מיטן קאָפּ".

אזוי ווי פון טונקעלן צימער זי קוקט, —
דערהערט זי אין הויז טוט א קלאפּ און א רוק.

זי טוט זיך א כאַפּ און זי איַלט צום גערודער,
און טרעפט אינעם צימער אין דאַדיקס איר ברודער.

א טיש אַף א טיש באַם הויכן קאמין,
און ער מיט א בענקל זיך דראפּעט אהין.

אין הוט און אין סערדעט, וויַזט אויס, ערשט פון דרויסן.
ער קערט אום דאָס פּאָנעם: די אויגן די גרויסע.

זיי שיַנען, סע שיַנט אויך די באָרד די געלאָקטע.
— מע מעג שוין דאָס זילבער צעפּאקעווען... — זאָגט ער.

— מע דארף ניט, ווארט אויס — זאָגט די שוועסטער צערייצט.
און קאָן קריכט אראָפּ א צעקלעמטער: — וואָס הייסט?..

7

אין הויף, מיטן רוקן צום אוילעם אין לעטניק,
האָט שטום זיך געפּאָרעט אבראם דער קארעטניק
בא עפּעס א בריטשקע, וואָס הויקערט זיך קרום, —
באוויזן זיַן סינע צום גאנצן ארום.

— א רוח אין זיַן הארצן אריַן, — טראכט ער זיך, — שימען!
פּארפּירט זי, די אסי... אין בויך זאָל אים גרימען.
זי איז צוליב אים, אָט די כצופּע אנטלאָפן...

ער זידט, דער קאַרעטניק, מיט בלוט איז פאַרלאָפן
זײַן פּאָנעם דאָס רויטס און פּאַראַקשנטס — אומזיסט,
אין טאָל איז ער אויסגעווען, ווי נאָר א מיסט,
און דאָ אפן בארג, ווי א שפּור נאָר א מינדסטער, —
אזוי ווי אין וואסער! די וועלט איז אים פינצטער!
די וועלט איז אים נימעס, די שאָפּעלע וועלט, —
זי טומלט הו-הא... אלץ קאפּויר זיך אים שטעלט.
ער וועט זי פאַרלאָזן, גאָר פּאַשעט און פּראָסט,
אזוי ווי דאָס אָרט פון דער פּעסט מע פאַרלאָזט.
ער האָט זיך א לאָשעק געקויפט און ער פאָרט
אין ערגעץ א וואלד, א פאַרוואָרפּענעם אָרט. —
מיט וועלף וועט ער לעבן, מיט ציגן, מיט הינט.
ווער קוקט זיך דאָ אום אף אים? — רייד אפן ווינט! —
אזוי האָט געטראכט דער קאַרעטניק פאַרביטערט,
געזעצט אין דער ראַד, אזש די ערד האָט געציטערט.
פאַרנאכט האָבן דײַטשן זײַן טויער צערוקט,
צעעפנט די שטאָל און דעם לאָשעק באקוקט,
דערנאָך אים גענומען באם טשוב און מע פירט.
ס'האָט שיר אפן אָרט דער קאַרעטניק קראפּירט. —
וואָס הייסט עס! ער טוט זיך צום טויער א ריס,
און טוט אזא פליאסקע דעם לאָשעק אין פּיסק,
דער לאָשעק, דערציטערט, זיך דיבאָם געשטעלט, —
א הירזשע געטאָן און א ריס זיך צום פעלד.
עס זײַנען צוויי דײַטשן אוועק אים דעריאָגן.
און דרײַ — דעם קאַרעטניק געפּאקט און געטראָגן
אין שטאב. און דעם שטאבמאן דערציילט, וואָס געטראָפן,
און פּונקט ווי די זאך מיטן פערד איז פאַרלאָפן,
און ווי אָט די האָזע דעם „יודנס" איז גרויס, —
א ווידערשטאנד ווײַזט ער די דײַטשן ארויס!

דרײַ ווייסטע מעסלעס איז אין קעלער געלעגן
אבראם דער קאַרעטניק, אין אנגסטן אנשוויגן,

אין ענגשאפט, אין קויט, מיט צעמיימעסטן לײַב,
די ערד די פארכראקעטע אונטער דער זײַט.
באשלאָגן מיט שווייס, מיט א פיבער און קאס,
דער מעכטיקער קערפער אין קראמף-מעשוגאס.

אזוי ווי אין כאָלעם א פינצטערן, שווערן,
ער זעט ווי מע ברענגט אהער מענטשן צענעריקט,
פארפײַניקטע מענטשן מע ווארפט אהער אָפּ.
פון ווונדן און קרעכצן אים שווינדלט אין קאָפּ.
די ווערבער באטראקעס, — אוי ווײ סארא דרייסט! —
צעקלאפט און צענעריקט, — און אים נאָך געטרייסט.

און ערשט אפדערנאכט, אפן טאָג אפן פערטן,
מע האָט אים געבראכט אינעם שטאב צו פארהערן.
דער שטאבמאן האָט שטרענג דעם קארעטניק דערקלערט:
— מיר פירן ארויס צענער טויזנטער פערד,
סע גיט אונדז דער פויער, סע גיט אונדז די שטאָט, —
ס'האָט קיינער דעם דײַטשישן פלאן ניט באדראָט!

און ווען דער קארעטניק פון צאָרן געפײַניקט,
א שפײַ געטאָן האָט און מיט האס זיך צעטײַנעט:
— מי סאָמכאָ, ווער האָט אײַך דערלויבט! וויל איך פרעגן.
ווער האָט אײַך דערלויבט, וואָס איר שלעפּט מײַן פארמעגן?!—

האָט אונטן א כאפ אים געטאָן די כאוורײַע,
א קנויל האָט גענומען זיך קנוילן און שרײַען,
און שטיקנדיק ווארפן זיך, — שטיוול און קעפּ.
דערנאָך האָבן דײַטשן דעם „יודן" געשלעפּט,
אין דרויסן, באם גאנעק, אוועקגעלייגט גיך, —
און ער איז אליין דאָרט געקומען צו זיך.

דערוואכט, קוקט ארום זיך, און אופשטיין זיך קלײַבט.
דערוועקט זיך דער ווייטיק, און זיצן ער בלײַבט.

ער זעט, סע גייט פראדקין בארוט מיט דער אלטער,
צוגאסט, ווײַזט אויס, גייט מען, געארעמט מע האלט זיך.
פאר לײַט מיליטערישע איידל ער בוקט זיך,
און פּלוצעם דאָס פּאָרל צום גאנעק פארקוקט זיך.
סע זיצט זיי אנטקעגן אבראם דער קארעטניק!
צעבלוטיקט דאָס פּאָנעם, צעשונדן דער לעטניק.
ער זיצט קוים, ס'איז הויל און צעשויבערט דער קאָפּ.
די פרוי טוט א קוויטש, און הער פראדקין שפרינגט אָפּ.

און איידער זיי קומען צו זיך, צו אנטלויפן, —
דערהערט מען געוואלדן פון נאָענטע הויפן,
געוואלדן, א יאָמער-געוויין און א קלאָגן, —
סע גייען פון דאָרט הײַדאמאקעס און טראָגן
גערויבטס און געגאזלטס. סע שײַנען פון טיכער
די בלוטיקע פלעקן פון פרישער רעציכע.

סע בלײַבן די פראדקינס געלײמט בא דער וואנט, —
אָף זיי גלײַך דער טײל הײַדאמאקעס סע שפּאנט.
— אנו נאָר, דאָבראָדיעס, — זאָגט אײנער זיי איידל, —
נו, ביטע! — און ווײַזט, זאָלן אויסטאָן די קליידער.
געליימט שטייט דאָס פּאָרל, נאָר באלד א פּאָר פויסטן
דערמונטערן זיי, און מע העלפט זיי זיך אויסטאָן.
א קוויטש טוט די דאמע און פאלט אין כאלאָשעס,
מע וויקלט זי אויס פון איר שווערער האלבאָשע.
און פראדקין אליין טוט זיך אויס און ער פרעגט נאָר:
— די פלודערן אויכעט? די שיך? — און ער לייגט אלץ
אוועק. און מע נעמט עס, צום שטאב מע פארקערט, —
סע בלײַבן די נאקעטע פראדקינס אָף דר'ערד.

אבראם דער קארעטניק שטייט אוף און ער שעלט,
און פראדקין שרײַט: — שאַ! — און דאָס פּאָנעם פארשטעלט.

קאפיטל פערצן

## די וועג־זוכער

1

— אוי, מאמעניו, טײַערע, כ׳וועל שיר מעשוגע.
ווי׳זוי וועסטו בלײַבן אליין?!
צו שימענעץ גיי איך, ס׳איז שימען אין וואלד,
און איך מוז אף לאנג אהין גיין...

— זאָלסט אופהערן נאָכטאנצן, נעכע, דעם יונג!
אין וואלד גאָר... אז ווײ צו די יאָרן.
וואָס איז ער, א העקער? א גאזלען? — אין וואלד! —
מײַן זון איז א גאזלען געוואָרן...

— וואָס רעדסטו?.. זיי גיבן דאָס לעבן אוועק...
איך דארף צו זיי נייטיק, זיי ווארטן...
— איך הייס ניט, איך לאָז ניט. אינדר׳היים זיץ מיר, שלאק,
פארוואָס קומט מיר קינדער פארשווארצטע!..

אז ווײ צו מײַן מאזל, איך קען זײַן אליין!
א בלינדע, נאָר, דאכט זיך, איך לעב נאָך?!
און טאָמער, כאָלילע, די שאָ זאָל ניט זײַן, —
איז וואָס זשע, אליין כ׳וועל זיך הייבן?..

איז ווער וועט מיר שטעלן די ליכט בא דעם קאָפּ,
און רופן די כעוורע־קאדישע?
און אָפּוואשן ווער וועט מײַן זינדיקן גוף
און אָנטאָן אף מיר די מאלבושים?

— אוי, רעד ניט, אוי, מאמעניו, רעד ניט די רייד...
כ׳האָב נאָר זיך געוואָלט מיט דיר אייצען...

איך גיי ניט, איך בלײַב מיט דיר, מאמע, אינדר'היים,
זיי ווארטן... דאָס הארץ מיר צעגייט זיך...

די צאָרעס, די שלעק, וואָס זיי שטייען דאָרט אויס,
געיאָגט פון די בלוטיקע סאָנים...
געיאָגט און געפּלאָגט, און קיין לעפל געקעכטס,
א כארפּע, סע פלאַמט מיר דאָס פּאָנעם...

סע שווײַגן די מוטער און טאַכטער צעקלעמט,
זיי אָטעמען שווער, ווי זיי כליפּען.
די בלינדע נעמט פּאַכען, סע טרייסלען זיך הענט,
באַם הארצן סע קלעמט און סע ציפּעט.

— זאָג נאָר, ס'ניט קיין סאקאָנע פאר דיר?
ניט דאָ געדאכט, ווי א זאך מאכט זיך...
אוי, העלפן זיי דארף מען, זיי קומען דאָך אָפּ
פאר אלעמען נעבעך... באטראכט זיך...

— אז כ'גיי ניט. ווי קאָן איך דיך לאָזן אליין?
ווער וועט דיר צעלייגן א פײַער?
— איך וועל מיר דאָס פײַער צעלייגן אליין.
גיי, קינד מײַנס, נאָר היט זיך, גיי, טײַערס...

גיי, טאָכטער, גיי העלף זיי, גיי זאָג זיי דאָרט אָן,
זיי זאָלן זיך האלטן, די קינדער!..
באטראכט זיך, איך קען עפּשער גייען פאר דיר?
נאָר וואָס קאָן זיי העלפן א בלינדע?..

איז נעכע אוועק פאר א קעכן אין וואלד,
די מוטער אליין איז געבליבן.
געקרעכצט און געשלעפּט זיך און בלינד אלץ באטראכט.
דאָס שוועבעלע ציט'ריק געריבן.

ביז איינמאָל איז אומגעריכט עמעץ אַריַין,
גענומען די טיר אפן קייטל,
און זאָגט אין דער שטיל, אז ס'איז נעכעס א פריַינט,
זי קאָן זי ניט, מאַלקע, דאָס מיידל.

פון דעמלט קומט שטענדיק נאָך צוועלעף באנאכט
די פרעמדע און טוט פאר איר זאָרגן.
די גוטע נעשאָמע האקט שפּענדעלעך אָן
און קאָכט אָפּ א ייַכל אף מאָרגן.

„ווער איז זי? — האָט מאַלקע די בלינדע געקלערט,
געשארט מיט די הענט מיט די בלייכע, —
ווער איז זי? וואָס איז זי צו איר אזוי גוט,
די פרעמדע, די כאַווערטע נעכעס?"

זי ברענגט אַריַין וואסער, די שיסל גיסט אויס,
מיט הענטל מיט איידלען זי גלעט זי.
זי וואשט איר א העמד אויס, זי ראַמט זי ארום,
נאָר ווייניק, גאָר שפּאָרעוודיק רעדט זי.

געזעגנט זיך אָפּ, און די טיר טוט א קרעכץ,
און מאָרגן באַוויַיזט זי זיך ווידער.
„א כאַווערטע נעכעס? צי שימעלעס? א?.."
זי פרעגט ניט, דאָס מויל בא איר ציטערט.

דאָס מיידל צעטראָגן, פון קרויווים געיאָגט,
געפינט דאָ א זאלב צו איר ווייטיק.
דאָס מיידל איז אסי, און דאָ איז דאָס אָרט
דאָס איינציקע, ווו זי איז נייטיק.

* * *

און ווידער איז עמעץ אין שטיבל אריין,
געאָטעמט מיט אָטעם מיט שווערן.
דאָס איז ניט דאָס מיידל, איז ווער קען עס זיין? —
און מאַלקע דאָס קאָל וויל דערהערן.

דאָס קאָן ניט דאָס קאָל פון איר העלפערן זיין, —
דאָס מיידל קומט שפּעטער צו נאכט-צו.
סע קומט, סע רעדט ווייניק, דאָך שיינט עס ווי שיין
אין מאַלקעס פאַרפינצטערטן הארצן.

— ווער אי'דאָס? — פרעגט מאַלקע און שאַרט מיט די הענט. —
און ס'ענטפערט א קאָל א געשלאָגנס:
— ס'איז איך... ס'איז אווראָם דער קאַרעטניק... דערקענט? —
א רוק טוט זיך מאַלקע צעטראָגן.

— אווראָם דער קאַרעטניק? וואָס טוט איר בא מיר?
מיסטאָם ווילט איר שימעלען דינגען...
פון שלעכטס אזוי וויסן, ווי כ'ווייס, ווו ער איז...
פאַרשאַרט זענען היינטיקע יינגלעך...

— נע, מאַלקע, ניט דינגען אים וויל איך... איך וויל...
געקומען זיך האַלטן אַן אייצע, —
און ער האָט זיך עלנט און פריקרע דערפילט,
און טרערן די אויגן פאַרפלייצן.

„וואָס הייסט עס? — האָט ער זיך געווענדעט צו זיך,
אַף זיך אליין ביטער געצאַרנט: —
וואָס איז עס פאַר ווייבערשע שטיק, פרעג איך דיך,
ווו אי'דאָס געהערט גאַר געוואָרן!"

— אָן אייצע? צו מאַלקע דער בלינדער, צו מיר?
אז קוים מיט די כּײַעסן צי איך.
ניט לאַנג איז געווען די מאַדאַם דאָ בא מיר
און איר איצט. ווער איז אײַך מאַטריִעך?

מיסטאמע שוין ווידער פון שימקען די רייד.
ער לאָזט זיי, די גווירים, ניט זיפען...
וואָס קאָן איך אײַך אייצענען? גייט געזונטערהייט.
ס'א קרירע, וואָס דאַרפט איר זיך ריפען?

א כאַפּ געטאָן האָט זיך דער גאַסט און געשטילט,
כאָטש שיר ניט ווי אונטערגעשפּרונגען:
— איך מוז אײַער שימענען זעען, איך וויל...
ווי זאָגט מען, צו א י ם זיך פאַרדינגען...

צעמישט איז די בלינדע, זי מורמלט פאַרגאַפט:
— דער ייִד איז גערירט פונעם זינען...
וואָס טוט זיך דאָרט אויבן? וואָס זאָגסטו דערוף —
דער גוויר קומט צו שימעלען דינען!

און דאָ מיטאַמאָל עפנט אויף זיך די טיר,
און ס'ווערט דער קאַרעטניק דערציטערט:
ווער שטייט פאַר אים? — אסי. זי שטייט בא דער טיר.
זי שטייט ביזן טיפסטן דערשיטערט.

סע פינקלען די ליכטיקע אויגן מיט גרויל,
דאָס שעמעוודיק פּאָנעם צעברענט זיך.
„דאָ האָט ער געפּאַקט מיך. פאַרפאַלן, און שוין...
פאַרפאַלן. פאַרפאַלן. געענדיקט"...

שוין וואָכנלאַנג לויפט ער נאָך איר ווי פאַרסאַמט,
און שימענען הארגענען דראָט ער.

און כאַטש אַלע שפּורן נאָך זיך זי פאַראַמט,
און דאָך זי אַרײַנגעפּאַקט האָט ער.

אַט וועט ער זי כאַפּן, אהיים שלעפּן ווילד,
אַרומרינגלען זי מיט די קרויוויים,
די מײַדמאַנס... דאָס האַרץ אין איר קלאָגט אין דער שטיל,
סע טרײַבט זי, סע יאָגט זי אַנטלויפן.

אַנטלויפן, אַנטלויפן, דערשלאָגן זיך אירס:
בא שימענען צוטרוי פאַרדינען.
נאָר שטייען זי בלײַבט, ווי פאַרשטײַנט בא דער טיר,
דערשטוינט, סע באַנעמט ניט דער זינען:

וואָס זעט זי? צום וואַנט דרייט דער פעטער זיך אויס,
דעם קאָפּ אין די דלאָניעס פאַרפּרעסט ער.
און ער, אַט דער אַקשן, אין גאַנצער זײַן גרויס
פון שלוכצן געצווימטע זיך טרייסלט.

און אַסי פאַרגעסט אַלץ און לויפט צו אים צו:
ווי נעמט מען אים אײַנעט, ווי טרייסט מען?
ער לײַדט אַזוי שרעקלעך, מע דאַרף עפּעס טאָן...
זי דרייט זיך און וואָס צו טאָן ווייסט ניט.

וואָס איז מיט דעם שטאָלצן און ביטערן מענטש?
זי טוט אים אַ ריר בא דעם אַקסל.
דער מענטש הייבט זיך אויף. ס'אַן אַנדערער מענטש!
אַן אַנדערער מענטש אויסגעוואַקסן.

זײַן פּאָנעם סע פֿײַערט פאַרשעמט און צעפלעקט,
דער בליק עפּעס שפּרינגט גאָר באַזונדערס,
ער נעמט אָן איר האַנט און ער זעצט זיך אַוועק
און שטאַמלט, דאָס שטאַמלען איז וווּנדער.

ער רעדט ניט — ער מורמלט, ער היקעט פארשעמט,
פון נײַעם געפיל ניט-געוווינטן.
די בלינדע, צעשפרייט אפן פארטעך די הענט
די דאַרע, זי הערט א דערשטווינטע.

ער גאפט, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאנען ביז איצט,
און איצט הייבט ער אָן ערשט פארשטייען.
דאָס בלוט אין אים קאָכט, און דער בליק זײַנער בליצט,
געמישט מיט פארשעמטקייַט און ווייען.

— אין געלט, כ'האָב געגלייבט: אָני כאַשעוו קעמעס,
פאַר געלט גיט מען אָפּ טאטע-מאמע,
נאָך קאָוועד געיאָגט זיך. דעם גאנצן מעסלעס
פון גאדלעס געלאָזט זיך פארסאמען.

ער זאָגט, ער האָט פריִער זי שרעקלעך געזוכט
אהיים זי צו שלעפּן און שטראָפן.
און איצט איז ער גליקלעך, וואָס זי איז אָט דאָ,
וואָס זי פון דער היים איז אנטלאָפן.

אוי, אסי, אוי, אסי, סע בראָט און סע ברענט,
סע שלײַדערט אין הייסן, אין קאלטן...
וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט! וואָס דאָרט געזען!
אין קעלער, ווו מ'האָט אים געהאלטן!

— ווען דו וואָלסט די ווערבער באטראַקעס געזען! —
וואָס דאָס פאר א פאָלק איז א מונטערס!
געהארגעט-געשלאָגן מע האָט זיי, און זיי, —
מע גיט זיך דעם סוינע ניט אונטער!

איצט האָט ער באצאָלט, — ער פארשטייט דאָס געשלעג.
וואָס אסי איז דאָ, טוט אים פרייען.

זי זאָל אים צו שימענען ווײַזן דעם וועג,
אין שימענס אַטריאַד וועט ער גייען.

סע שטייט אויף די בלינדע, סע ציטערט איר מויל, —
די אָרעמס אין כידעש צעצויגן.
און אסי פאלט צו צו אים, ס׳פרייט זי, סע גרוילט.
זי גלייבט ניט די אייגענע אויגן.

און שפּעטער האָט אסי דאָס שטיבל באראמט,
געזעגנט זיך שטיל מיט דער בלינדער.
מיט איר אין דער נאכט האָט דער פּעטער געשפּאנט
און שוועבעלער אָפּטע געצונדן.

2

די הוליאנקע אפן מארק,
פארן קלויסטער עפנט זיך.
שטייען יענע מיידלעך צוויי,
צוויי פאבריטשנע טרעפן זיך!

פארן קלויסטער אפן מארק,
ווו די טליִעס שטייען נאָך,
קוקן זיך די מיידלעך אָן, —
שטומערהייט צעגייען זיך.

טליִעס שטייען נאָך אין מארק —
ס׳זאָל דאָס פאָלק דערציטערן.
וואָס פאר קלאנגען גייען אום —
דײַטשן צו פארביטערן.

קלאנגען, אז די רויטע לײַט
זאמלען א פארפלייצעניש.

און אז שימען יעדע נאכט
קומט אין שטאָט זיך אייצענען.

יעדן פרי מע טרעפט אין שטאָט
אופרופן צעשאָטענע.
אין קאזארמעס — היט אונדז גאָט —
הערט מען רייד פארבאָטענע.

און די מיידלעך קוקן שטום,
נאָר די באקן פייערן.
קלאפט דאָס הארץ, און בא דעם הארץ
ליגן בלעטלעך טייערע.

רייסט דאָס הארץ, און אף דעם הארץ
ליגן בלעטלעך בלענדיקע.
מיידלעך גייען אין געפאר —
זאָל זיך גוט אלץ ענדיקן.

* * *

צו דעם אָנגעפאָר אין מארק,
ס'הארץ זיך צו דערקוויקן,
ברענגט מיכיי די גוטע-פריינט —
ברענגט די שווארצע שליקן,
אויך די דייטשע גוטע-פריינט
ברענגט מיכיי דעם גערטנערס.
סע פארשטייען אים די פריינט
אויך מיט האלבע ווערטער.

— האָסט א ווילן זון, פאכאָם,
אזא יאָר אף אונדז, פאכאָם,
ס'איז א כאָכעם, דיין מיכיי.

מיטן קאָפּ ער טוט א דריי, —
קארוסעל צעפּנט זיך,
יינגלעך, מיידלעך טרעפן זיך,
פּילדערדיק און טאנצנדיק,
מיט די אויגן גלאנצנדיק —
העפּקער־פּעפּקער־פּעטרישקע!

און דערבײַ די וואָגנס פאָרן, —
טרײַבערס קוקן וויסט־פארטראכט,
פירט מען לאָדונג, ווייץ און קאָרן
אונטער דײַטשער וואך באוואכט.

— גיך, אפּגיך ראַמט אויס דאָס לאנד! —
שרײַט הער שפּאנדל אינטענדאנט. —
היט אונדז גאָט, הער גאָט דער ליבער,
דער האמוין ער קוקט א טריבער,
און דעם זעלנערס בליק איז שווער, —
ס'איז דער זעלנער שוין ניט דער!
גאָט, פיר אָן מיט זײַן פארשטאנד,
גאָט, באהיט דאָס פאָטערלאנד!
גיכער, גיכער פיר ארויס —
אוקראַינע זידט און ברויזט.

פון די דערפער רײַסט מען,
פון די שטעטלעך כאפּט מען,
פון דער שטאָט מע פּאָמפּעט עס.
אויב מע גיט ניט — שמײַסט מען,
אויב מע גיט ניט — קלאפּט מען.
שינדט מען מיט די שאָמפּאָלעס.

א באפעל צעהאנגען איז,
דער האמוין זאָל וויסן:

וווּ א דײַטש זאַטשעפּעט מען —
יעדן צענטן שיסן.

יעדן, װער א רויטער איז,
אָדער העלפט די רויטע.
װעמען מע װעט פאַקן גאָר, —
װעט מען טײקעף טויטן.

טאַנצן מײדלעך מיט סאָלדאַטן,
װינקעניש און לאַסקעס,
הײַדאַמאַקעס מיט די שליקעס,
דײַטשן מיט די קאַסקעס.

מיט די בלעטלעך טרעפט א קישעף:
שטיל גאָר, אָן קאַראַשן,
פליִען זײ פון יענע מײדלעך
אין סאָלדאַטסקע טאַשן.

װוּנדער, װוּנדער איבער װוּנדער, —
װאָס אין טאַשן קלײַבט זיך!
װוּנדער, װוּנדער איבער װוּנדער, —
װאָס אין בלעטלעך שרײַבט זיך.

אפן רוף פון אוקראַיִנע
צו די ברידער טרײַע, —
אײַלט דאָס רוסיש פאָלק, די ברידער
פון די פײַנט באַפרײַען.

לעניִן רעדט צו די סאָלדאַטן,
װי צו זין א פאָטער:
— אַרעסטירט די װײַסגװאַרדײער,
װערט פון סאָנים פּאָטער!

וואָס די רויטע זיך דערלויבן,
רויטע זיך דערוועגן!
און דער שימען מיט זײַן טייל שטייט
דאָ, אין וואלד, אנטקעגן!

און פון שטשאַרסן, שטשאַרס׳ דיוויזיע,
אַף א וווּנק נאָר ווארט ער, —
לאָזט ער זיך מיט כיסטן טרעפן, —
דורך די דײַטשן שפּארט ער.

טאנצן מיידלעך מיט סאָלדאטן.
ווינקעניש און לאסקעס.
הײַדאמאקעס מיט די שליקעס,
דײַטשן מיט די קאסקעס.

וואָס, דו ווייסט ניט פון די נײַסן?
האָסטו דאָך פארשלאָפן!
צירל, טאקע יענע צירל
איז פון דר׳היים אנטלאָפן,

מיט מיכייען זיך געטראָפן
און פארליבט זיךביידע!
אָט-אָ קוק נאָר, ווי זיי טאנצן,
ווי צופרידן פריידיק!

א מעכײַע ווי זיי פּאסן
איינער צו דעם צווייטן, —
קוק נאָר אָן די גרייס, די שיינקײַט
און די פּלייצעס ברייטע...

אָט איז רייזעלע דעם קאָוועלס
אַזוי שיין אין טאנצן.

און ניט ווײַט דאָ דרייט זיך נעבע,
מאַלע־כיין אינגאנצן.

וואָס סע ווערט דער אָוונט טונקלער —
ווערן טענצער מערער,
וואָס מער היץ אין דער הוליאנקע —
ווערט דאָס טאנצן שווערער.

פּלוצעם ווערט די מארק־הוליאנקע
אָנגעפּולט מיט רײַטער.
בלויזע שווערדן אופגעהויבן, —
טאנצן הייסט מען ווײַטער.

ווערט א ליארעם, א מעהומע,
א געשלעג, א לויפן.
איינס אף איינס, און הינטער רײַטער
שפּארט מען צו די הויפן.

און מיכיי מיט די כאוויירים
טוען ניט פארזאמען:
— די הוליאנקע איז פארענדיקט, —
שפּרינגט איבער די צאמען!

3

דער פּעד־אינסטיטוט איז פארמאכט — ניט פארמאכט.
סע קוקן די פענצטער אי פוסט אי פארטראכט.
אין זאל א סקעלעט שטייט א גרויסער, א וויסטער.
א בונדישע פאָן און א שווארץ־אנארכיסטישע
ליגן, פון זייערע כסידים פארלאָזט, —
געוועזענע פאָנען — האנטשערקעס פראָסט.

האָבן די רויטע א שול דאָ געמאַכט,
געהיים קומט מען לערנען אַלע פאַרנאַכט.
איצט זיצן דאָרט לייט אין דער טונקעלער שאָ,
אויך שימקע, די מיידלעך, מיכיי איז דאָרט דאָ.
מע רעדט אין דער שטיל, נאָר מ׳איז אופגערעגט שטאַרק.
ס׳איז הייס, און מיכיי ווישט דעם שווייס פונעם קאַרק:
דערציילט, אז די שטראָף-טיילן צווי זייַנען פאַרטיק,
זיי דאַרפן פאַרנעמען דעם וואַלד און צעהאַרגען
דעם טייל שימענס, שימענען לעבעדיק ברענגען,
באַקומען יעדי׳עס פון אים און אים הענגען.

מיכיי ווערט אנשוויגן, דער שווייס פון אים רינט.
און ווידער: — זיך היטן, מ׳איז בייז ווי די הינט.
מע קאַטעוועט אַלץ נאָך די ווערבער באַטראַקעס. —
און שטיל ווערט. נאָר נעכע די פינגער זי קנאַקט זיך.
זאָגט שימען מיכייען, וואָס טוען מע דאַרף:
— די שאָ איז די עכסטע... ס׳איז שאַרפער פון שאַרף.
די מענטשן צעשטעלט שוין, ס׳איז גרייט שוין דאָס פאָלק.
איצט דאַרפסטו מיך פירן צו זיך אינעם פאָלק.

ס׳איז אויסגעדאַרט שימענס דאָס פּאָנעם דאָס שיינס,
דער בליק פון די נעסטן קוקט ערנסט און הייס,
דער קאָפּ איז ווי גרעסער געוואָרן און שווארצער,
און שווערער און ברוינער די הענט, וועלכע שטאַרצן
פון שווארצן פּידזשאַק. פול מיט וואָג איז זייַן שטים.
און ווי האָט דאָס אַלץ זיך גענומען צו אים?..
סע שווייַגן די מיידלעך פון הילזן-פאַבריק,
פאַרטיפט אין געדאַנק איז דער מיידלשער בליק.
זיי זיצן אייניינעם, די פּענעמער הייס, —
מע זיצט און מע הערט און מע שווייַגט, וואָס מע ווייסט.

* * *

עס האָט די פּרײַנט א שלאנג ארומגערינגלט:
מ'האָט פלוצעם טיר און גאנג מיט זעלנער-לײַט פארשטאָפּט.
און „הענט ארוף!", נאגאנען-דולעס, שפּאָרן-קלינגל.
דער טויט איז דאָ, דער טויט קלאפּט אָן אין קאָפּ.

— דאָ איז א פּעדבאראטונג, הערן אָפּיצערן,
ס'א זיצונג א דערלויבטע וועגן שול.
— שווײַגן! קומט, זיך ניט וואגן ווערן!
היי, פּאטרול!

עס בייגט זיך אָן מיכיי, און צום באלקאָן, און דאָרטן,
א הייב, — און אפן וואכמאן אונטן גלײַך א שפּרונג.
אין ראנגלעניש ער קײַקלט זיך מיט אים אין גאָרטן —
און שא, — סע דרייט זיך אויס מיכיי, — ניטאָ דער יונג!

ארויסגעשלעפּט פון זאל, און אפן פּראכטן-אוטאָ
זיי האָבן דעם סקעלעט דערהויבן אויבנאָן,
א רויטן טוך אף אים פארוואָרפן, ווי א קאָפּטע,
דעם שארבן אים פארבונדן מיט דער שווארצער פאָן.

אזוי, מע פירט זיי, די געכאפּטע, איבער גאסן,
סע וויגט זיך איבער זיי און וויגט זיך דער סקעלעט.
די דורכגייער גאפן, ליפּן זיך פארבײַסן,
און אייניקע אנטלויפן, איינער כויזעקט, שפּעט.

און שוין באם שטאב, בא טיר-און-טויערן פון טויט,
דאָרט האָבן ארעסטירטע אָנגענומען א באשלוס:
— זאָל קאָסטן, וואָס זאָל קאָסטן, ארויסרײַסן באם טויט
דעם שימענען מע דארף, שימען פרײַ זײַן מוז.

זיי האָבן זיך א וואָרף געגעבן מיטאמאָל,
מע שפּרינגט אפן פּאטרול. סע פליט סקולעט.
— פארשווינד געשווינד, פיל אויס דעם באַלשעוויסטישן באשלוס,
פארנעם זיך, שימען, קלאַפּ זיך דורך, דו שעד!

און שימען איז ארויס פון אונטער סוינעס האנט,
ביז לעצט צעדאמט, און דאַך זיך אויסגעדרייט פון זיי.
ער דאַרף זיין טייל אוועקשיקן נאָך היינט פון וואלד
און גרייטן אין געשלעג, — סע ווארט אף אים מיכיי.

ער הערט אין האלבער נאכט, — סע יאָמערן יעלאָלעס,
דער שוידער שוידערט, שינדט די ערד, די שטאָט,
פּעטליורע מוטשעט לייט, די דייטשן זיינען מאָלע,
זיי לעכערן די צינגער און ציען זיי אף דראָט.

באנאכט האָט שימענען סאקאָנעסדיק געמאטערט,
און אלעמאָל זיך אופגעכאפּט — אָט ווארפט ער זיך אין שלאכט.
און אלעמאָל אין פינצטערניש האָט גלייך ווי אופגעפלאקערט
דאָס פּאָנעם לענינס און בארויקט אים, באדאכט.

פון פייניקונג מעשוגע, אומענטשלעכע יעלאָלעס, —
די יונגע באָלשעוויקעס אין ווונדן און אין פּיין.
— הערט אויס, איר לייט, סע קומט די צייט און איר וועט צאָלן,
סע קומט די צייט, — דאָס פאָלק וועט אייער ריכטער זיין!

4

געדרייט האָט זיך שימען אין טיל בא דעם סוינע.
א צייט זיך געדרייט בא קאָזארמעס בא ברוינע.
אומזיסט ניט געדרייט זיך, אומזיסט ניט געגרייט זיך.
מיט שימענען האָבן די זעלנער געפרייט זיך.

מיט שימענען האָט זיך באפריינדעט מיכיי, —
און לענינס געדאנקען געפלאנצט צווישן זיי.

דערציילט האָט מען שטיל פון די מיידלעך די דריי:
סע קאַטעוועט זיי דאָרט א גאנצע כאַוורײַ.
אליין דער פּאָלקאָווניק סטעצורע זיי שטיקט:
— ווער האָט אײַך די בלעטלעך פארשפּרייטן געשיקט?
די מיידלעך, די קינדער, אין מאַטערניש גרויס —
זיי שווײַגן, מע גיט קיין כאַווײרים ניט אויס.

געבראכט אין דער טורמע די מאַמעס, די טאַטעס
און זיי פאר די אויגן די מיידלעך געמאַטערט,
דאָס לײַב ער פארשוועכט זיי, געבראָכן די הענט,
געבריט זיי די טריט מיט א גלײַיקן פרענט —
עס האָבן די עלטערן שרעקלעך געהווילט,
נאָר מ'האָט בא די קינדער קיין וואָרט ניט געפּוי'לט.
דאָ האָט מען די מאַמעס די מיידלעכס געכאפּט,
אין בײַזײַן פון קינדער אין קאָפּ זיי געקלאַפּט.
די וועשערקע בלינדע אף דר'ערד איז געקראָכן,
מע האָט אין די הענט איר מיט נאָדלען געשטאָכן.
פארשרומפּן אין קראַמף האָט איר מויל זיך פארשטיינט,
די אויגן די בלינדע נאָר האָבן געוויינט.
און מײַע, די זינגערקע אריע דעם סטאָליערס,
איז ניט צו דערקענען — צעמיימעסט, געדראָלן.
עס האָט דער אָכראַניק סווענציצקי געפּלאָגט זי,
מיט לאַסקעס שליאַכעטסקע פארפּאָלגט און געיאָגט זי.
און זי האָט אים אָפּגעשטופּט, האָט ער זי אײַליק
אין טורמע פארזעצט און זי דאָרטן געפּײַניקט.
ס'האָט נעכע פארוואָרפן דעם קאָפּ און געברומט,
געברומט ווי פון זינען, — אין אָנמאכט אנשטומט.
און שירקען וואָלף-בערס מ'האָט די פינגער געבראָכן.
איר אָטעם, איר בליק האָט מיט פײַער געפּאָכן.
דאָס מויל דאָס פארבלוטיקטס מיט רייד האָט געברענט,
צו רייזלען צו אירער, צום קינד אירס געווענדט:
— דו נעם זיך צום הארץ ניט, ניט קוק אף מײַן שמאַרץ,
די צונג האַלט, די צונג האַלט, מײַן לעבן, מײַן הארץ,

דו שטאַרק זיך, דו לאָז זיך פֿון זיי ניט גענאַרן,
דו קוק ניט, סע זאָל דיך די מאַמע ניט אַרן. —
דאָ האָבן די דײַטשישע לײַט זיך צעברילט —
מיט האָגל פֿון פּויסטן דאָס ווײַבל אַנשטילט.

און גאָרנישט דערשלאָגן זיך, האָט מען באַנאַכט
צום טײַך אָט די מיידלעך, די קינדער, געבראַכט,
א שטיין אויפֿן האַלדז, און א הייב, א צעוויג זיי —
פֿון ברעג דעם מעשופּע אין וואַסער געשמיצט זיי.
פֿון זיי האָט נאָר רייזלען דעם קאָוועלס געגליקט:
זי איז אויפֿן גרונט דאָרט אַרויס פֿון איר שטריק.
און אונטערן וואַסער, מיט אָפֿענע אויגן,
מעשוגענערווײַז צו דעם ברעג זיך געצויגן.
אַרויס און גערוקט זיך אין גריבער פֿון ליים, —
פֿון דאָרט אין איין אָטעם אַנטלאָפֿן אַהיים.

* * *

מע האָט זיך פֿאַרטראַכט אין פּעטליורעס קאַזאַרמעס,
גערעדט אויפֿן אויער, געהיט זיך פֿאַר ליאַרעם.
— געהערט, וואָס מיכײַ זאָגט? ס'איז פּאָווליק ניט ווײַט.
— די רויטע ניט ווײַט, און אונדז איז שוין צײַט.

— ס'איז עקסטרא געגאַן גענעראַל צו דעם דראָט.
— א שמיד א דאָנבאַסער פֿירט רויטע צום שטאָט!
— עקסטרא צום דראָט!
— רויטע אין שטאָט!
— די רויטע כאַיאָלעס שיקט לענין אַליין.
— די אַרבעטער־פּויערים זינגענדיק גיי'ן.
— זיי נעמען, די רויטע, א שטאָט נאָך א שטאָט.
— דער פֿראָנט איז שוין נאָענט, דער פֿראָנט איז שוין אָט.
— דער שימקע וועט פֿירן, ער זאָגט, ס'איז ניט ווײַט.
— די רויטע ניט ווײַט, און אונדז איז שוין צײַט.

— גענוג „קאץ און מויז"!
— מיט לאַשן ארויס!
— ניט ריידעניש בלויז!
— מיט ביקסן ארויס!
— מיט ביקסן ארויס! מיט רויטע מע גייט.
— מיט רויטע אין קייט, — איז פראַנט זיך צעשפּרייט!
— אוי, שאט נאַר, אוי זעט, דער דעזשורנע ער לויפט,
מיכיי שרײַט: — כאווײרים, די קאַלדרעס הייבט אוף!
און נאַר אף די רויטע, אף לענינען האַפּט!
כאוויירים, ארוף אף די נארעס און פאַפּט!

צעלייגט מען זיך גיך אף די נארעס, מע שטומט,
און צאַרנדיק קוקט מען אף יענעם, וואָס קומט.

הילכט אין דעם גרויסן קאזארמישן זאל:
— שטעלט איַיך אוף! דער גענעראל!
סע הייבט זיך ניט קיינער, ניט קיינער פון אַרט,
מע ענטפערט ניט אַפּ מיט קיין רייד, מיט קיין וואַרט.
סע שרײַט דער דעזשורנע אין טויט-שטילן זאל:
— דער גענעראל! דער גענעראל!

סע שווײַגן די זעלנער. די שוויַיגעניש ברענט,
סע דרייען די זעלנער זיך אויס צו די ווענט.
סע שרײַט דער דעזשורנע שוין קוויטשיק, מיט גאל:
— דער גענעראל!.. דער גענעראל!..

זײַן ווידערקאַל ענטפערט פון ליידיקן הויף.
סע ציען די זעלנער די קאַלדרעס ארויף.
ארוף אף די אויגן, פארשטעלן די שײַן,
סע קומט דער דערוואַרטער, אַט איז ער ארײַן,
דער גענעראל, און באגריסט מיט א שרײַ —
עס ענטפערט אים אַפּ א גרויס כראַפּערײַ

פון אונטער די קאָלדרעס, א כראַפּען צום טאקט,
איז רוקט גענעראַל זיך צוריק ווי א ראַק.

עס האָט זיך נאַטשאַלסטווע דערזעען אין קלעם,
ווי איז מען עס פלוצעם פארקייטלט געוואָרן?
ווען האָט מען געגרייט זיך? ווי איז עס געשען?
און פּרווו זיך א ריר טאָן — צעקוועטשט דיך דער צאָרן.

די זעלנער אין מיטינג, א שווע עס קנאַלט, —
דער פאָלק איז צום פאָלק, צו די רויטע אַריבער.
און דאָ האָט זיך שימען באַוויזן — ער שטראַלט:
— אײַ, גיכער פאַרפּאַקט זיך און פּעקלט זיך איבער!

קאַפּיטל פופצן

## האָפענונגען

1

נ א כ מ ע ן - י אָ נ ט ע װ

וואָס הערט זיך?

פ ר א ד ק י ן

וואָס זאָל הערן זיך?
מע קען אראָפּ פון זינען!..
מע קען שוין פון די הערעכצן
קיין אָרט זיך ניט געפינען.

נ א כ מ ע ן - י אָ נ ט ע װ

איך האָב געזאָגט... איצט זעט איר שוין,
אַז קירע-דײַטש איז דאָסיק?

פראדקין

גענזאגט — געפּאַגט, וואָס העלפט עס דען?
ס'איז דאַסיק און פארדראָסיק.

נאכמען־יאָנטעוו

ס'האָט זברוטש א דעלעגאציע
געשיקט זיי צו באגריסן, —
איז האָט מען די קעהילע־לייט
מעכילע אויסגעשמיסן.
די ווענט... ששש... האָבן אויערן.
פון בוידעם מייַנעם זעט זיך,
די דייַטשן פירן פויערלעך
צום גרוב... דאָס הארץ צעגייט זיך.

פראדקין

בעפּרעסיע? אָפן?

נאכמען־יאָנטעוו

כ'זאָג דאָס אייַך.
מע פירט זיי אין די קייטן.

פראדקין

און ייִדן אויך?

נאכמען־יאָנטעוו

וואָדען, אָן זיי?
פאר אלע איין גאנייידן!..

שימקע, זאָגט מען, קומט אהער,
בעסאָד, אין די באנאכטן.
מיט דייַטשע זעלנער סוידעט זיך,
מע טוט עפּעס באטראכטן...

מע זאָגט, מע וואַרפֿט ווילהעלמען.
סע לייגט זיך אַפֿן סייכל.
מע זאָגט, די רויטע שטאַרקן זיך,
זיי ווילן זייערס גרייכן!

## פּ ר אַ ד ק י ן

שאַ, ווו איז מײַדמאַנס קאַלעניו?
די טאַטע־מאַמע קלאָגן.
און דער קאַ־עטניק שמײַעט אום
דעם עמעס זיך דערשלאָגן.

דער כאָכעם זוכט דעם עמעס אויף.
ער גייט אַראָפּ פֿון זינען!..
ער יאָגט און זוכט דעם שולדיקן,
ער מוז דעם טאָך געפֿינען...

איך האָב באַגעגנט קריינדעלען...
ער ווײַזלט, גלײַך סע יאָגט אים.
„צענטראַלנע זראַדע" רופֿט ער זיי,
די אייגענע. ער קלאָגט זיך:

„איך בין שוין אויסגעמאַרכעוועט,
איך וויל ניט מער, איך קען ניט.
וואָס דאַרף איך די פּאָליטיקעס?
מײַן דײַגע, זאָל עס ברענען".

סע האָט אים, זאָגט ער, צוגעזאָגט,
דער אינטענדאַנט, הער שפּאַנדל, —
אַז טאָמער וואָס, — איז נעמט ער אים
קיין דײַטשלאַנד אַפֿן האַנדל.

אין קיִעוו, זאָגט ער, ששש... שוידערלעך!
ס'רײַסט דאָרט אָן אַ בלאָטער:

די ראַדע נעבעך מאַטערט זיך
סע העלפט איר ניט קיין טאַטער.

די דײַטשן האָבן אָפּגעזוכט
ששש... א לעך, א נאַר א פײַנעם,
און אים אין צירק א קרוין געטאָן, —
א העטמאַן אויף אוקראַיִנע.

נאַכמען־יאַנטעוו

וואָס רעדט איר וואָס, א העטמאַן שוין?
וואַרט אויס, ס'איז עפּשער בעסער?!..

פראַדקין

איַ, כ'בעט ניט אויף קיין בעסערן, —
מע האַלט באַם האַלדז דאָס מעסער.

2

באַם פּרײַנט דעם ראַבינער, אין שטײנערנעם מויער,
אין טיפע פאָטעלן, — דאָרט זיצן פאַרטרויערט
די מײַדמאַנס, זיי האָבן זיך אײַליק פאַרזאַמלט.
דער פעטער, הער קאָן, פון זײַן טיפעניש שטאַמלט:

— דאָס אויסדערוויילט פאָלק און דאָס בעסטע פון בעסטן,
צעטראָטן דאָ ווערט, אין אָפּפאַל פאַרוואַנדלט.
מיר מוזן זיך פלאַנצן אויף באָדן, א פעסטן. —
איז, אלזאָ, קיין דײַטשלאַנד צו ליכט און צו האַנדל.

און דאַדיק צעהיצט איז פון פלאַן פון א דרייסטן,
נאָר וואָס איז די פּוּלע? די פינגער ער בײַסט זיך:

אין איר איז געווענדט, א־ז ווי ברעכט מען איר האַס?
איר וויסטן אקשאָנעס, איר ווילד מעשוגאַס?

ס'איז אסי זײַן קאַלע, — גערעכט איז די מאַמע,
און נעמען מיט גוואַלד זי, זי רעטן, זײַן דאַמע, —
איז פּאַשעט די פליכט די דירעקטע פון כאַסן. —
ער טאָר זי אין פלאַם באָלשעוויצקן ניט לאָזן.
דעם כאַסן געהער אויך דאָס גוטס פון זײַן קאַלע —
לויט דין און לויט יוישער, אַזוי האַלטן אַלע...
קיין אויסלאַנד פּאַרט דאָדיק, אין פּרעכטיקע ערטער,
פיל געלט דאַרף ער האָבן, ווײַל זעלבשטענדיק ווערט ער.
אף וועלט-מערק דערשײַנען, אף בירזשעס א גיי טאָן,
אין לאָנדאָן, פּאַריזש, אין בערלין זיך א שפּרייט טאָן.
פאַרגעסן, פאַרגעסן די קלעפּ און ביזיוינעס,
דאָס לאַנד באָלשעוויצקע, דאָס קאָל פונעם סוינע.

די טיר, וואָס פון דרויסן, מיט רוגזע צעפּראַלט זיך.
עס שטעלט זיך ארײַן דער קאַרעטניק א שטאַלטנער.
די אַלטע פּאָדיאָווקע, אפן האָקן פאַרצויגן,
שטרײַכט אונטער דעם שטאָלץ פונעם גאַנג, פון די אויגן.
דאָס גרינע געוואַנט מיטן גרוי-פּעלץ געפליסטן,
כאָטש אַלט שוין, — נאָר טראָגט עס פּאַסאָניק, אומיסטן,
ווי אונטערצושטרײַכן די אייגענע ווירדע,
און יענעמס פאַרלוירנקײַט, יענעמס יערידע.
ער שטייט פאַר די מײַדמאַנס, די הענט צו דעם רוקן,
דער קאָפּ אף א זײַטל, ער שווײַגט און ער קוקט נאָר.
ער דאַרף זיי — א ביטערס א בייזס — עפּעס זאָגן —
נאָר קען עס פון האַרץ צו דער צונג ניט דערטראָגן.

און דאָ האָט די טיר זיך ווי קעציש געעפנט.
ארײַן איז א פרוי, — מ'איז געבליבן געפּלעפטע. —
ווי קומט אסיס מוטער, די שוויגער, אהערצו?
פון דאָרף, איבער פראָנטן, די וועלט איצטער קערט זיך!

אַ הוט מיט אַ פעדער, אין שמאַטעס פאַרוויקלט —
פאַרנייגט זיך די דאַמע און גלאַנצט מיט די בליקן
אַ ציטרע, אַ פרייד. די באַקן צערויטלט.
און פרישע פון קאָדע און קאָרענע ברויטן.

געזונט איז די מוטער און דאָך ווערט אומהיימלעך. —
די פרישקייט, די טנועס, ס'איז אַלץ אומגעווײנלעך
באַגלאַנצט מיט צעטומלטע בליקן, וואָס שרעקן.
זי גייט צו צו דאָדיקן, נעמט אים באַם בעקל:
— מײַן כאָסן, מײַן כאָסן, דו זײַ ניט געפאַלן, —
דאָס גאָלד וועל איך ברענגען און ברענגען די קאַלע.
טוט קאָן זיך אַ הייב, זי מיט דאָדלען צעשיידן.
און בעט זי זיך זעצן, מע וויל מיט איר ריידן.
מע דאַרף זי דאָך נייטיק צום לעבן אַצינדער, —
עס גייט אינעם גליק פון די טײַערע קינדער...

און קאָן רעדט אַרײַן אין דער מוטער אין אַסיס.
אַרויסגעשטעלט האָט זי אַן אויער אַ ווײַסן
צו קאָנען, די הענט שפּאַרן אונטער דעם בוזעם.
זי קוקט אַפן כאָסן, און ווי אַ מעזוזע
פונוויײַטן זי ווישט אים מיט פינגער און קושט זיי.
און הערט דערבײַ קאָנען. — פאַרכאַפּט און פאַרכושט איז.
פון אַסין רעדט קאָן, און אַ פּלאַן אין איר פּלאַנצט ער, —
צעבליט זיך איר פּאָנעם נאָך מער און צעגלאַנצט זיך:
געפינען זי, אַסין, און ברענגען אַהער.
ניט אַנדערש, ס'האָט דאָדיקלס קאָפּ עס באַקלערט...

נאָר דאָ האָט פון אונטן דער בייזער קאַרעטניק,
וואָס שווײַגנדיק צוגעהערט אַלץ, וואָס מע רעדט דאָ, —
די שוועסטער אַ נעם געטאָן, — גאָרניט צו זאָגן,
זי פּאָשעט מיט גוואַלד צום אַרויסגאַנג געטראָגן.

* * *

א וויסטע יעדיע צו אסין געקומען:
א סוואַרע, די מאמע, זי זוכט זי ארומעט.
וואָס קומט זי אהער, פאר די פיס זיך איר פּלאָנטען?
ווי'ן יאָגט זי, וואָס יאָגט זי, דורך שלאכטן און פראָנטן.
די יאָר איר פאַרקירצן? דאָס הארץ איר פארסאמען?
זי פילט, אז סע ברענגט איר אן אומגליק, די מאמע.

„וואָס איז זי געקומען, וואָס דארף זי דאָ האָבן,
נאָך קארג איר, זי דארף מיך איינגאנצן באגראָבן?
זי האָט שוין מיסטאמע פאר מיידמאנס געפּלאפּלט,
אז איך בין א היגע. איצט וועט מען מיך כאַפּן.
און עפּשער גאָר האָבן די מיידמאנס געשיקט זי?
געשיקט זי, אנדעקט מיך, — איז בעסער דערשטיקט מיך!
וואָס יאָגסטו זיך, נעכטיקער טאָג, נאָך מיין קאָפּ?
דו, וויסטע פארגאנגענהייט, טשעפּע זיך אָפּ".
אנטלויפט זי פון אלקער, זי בייט די קווארטירן,
דעם מעגלעכן שפּור זאָל די מאמע פארלירן.
ניטאָ דאָ קיין אסי, נישטאָ דאָ, צערונען!
און דאָך האָט די מאמע די טאָכטער געפונען.

3

— האָסט נאָך הארץ דיין מאמען שעלטן?
קארג פארפינצטערט איז די וועלט איר?
ביז צום לעצטן מיך פארסאמען?
טרייסטן דארף מען זי, דיין מאמען.
זאָגסט אזוינס אף מיר, באדענק זיך!
טאָרסט עס פארן מויל ניט ברענגען,
מיר אזוינס, אזעלעכס זאָגן!
קאָן א מאמעס הארץ פארטראָגן,
שלעכטס צו טאָן דעם אייגן קינד?

לײַב-און-לעבן מײַנס, ביסט בלינד!
זאָגסט, א פּלאַפּלערן... מיסטאמע...
פּלאַפּלען װעט זי דיר, דײַן מאמע...
װאָס, אז װאָס? אז װאָס, װי טראַכסטו,
פאַלשע פינעפערלעך מאַכסטו?!
װאָס איז דאָ אזױ די שרעק?
יאָ „אנדעקט" צי ניט „אנדעקט"!
קײנער װעט זיך ניט דערװעגן
שלעכטס אַף דיר ארופצולײגן! —
װער װעט קאַרגן ג'זונט און סומען,
אז קײן האָר זאָל דיר ניט קרומען?
גרײט פאַר דיר אין דר'ערד צו גײן,
אױסקױפן באַם רוח אלײן...

רעדט די מוטער, האַלדזט זי, קלאָגט זיך.
פאַלט כאַלאָשעס, נ'הארצן שלאָגט זיך.
אסיס מידן קאָפּ פאַרדרײט זי:
— קום, מײַן טאָכטער, מיך באַלײטן,
אין דער פרעמדער שטאָט, אלײן,
האַלעװײַ איך זאָל דערגײן.

פירט זי אסי, קױם זי רירט זיך.
אסיס האַנט זי כאַפּט, און פירט זיך
װי פאַר גסיסע, און זי ברענט,
אָנגעשפּאַרט אַף אסיס הענט.

— ז'האָט זיך אָפּגעשטעלט בא פרײַנטלעך,
זאָגט זי, ס'האָט זי שטאַרק געפּײַניקט
אסיס אָפּפאָר אָן א זײַ-ג'זונט.
כ'קרענק און שרײַב צו דיר — איז שװײַגסטו.
מאַלע װאָס מיט מיר געשיט, —
אײביק לעבן לעבט מען ניט.

אסי, קוים מיט איר פארלאָפן,
אין איר הויז, און ניט געטראָפן
קיינעם, זי באַלייגט. — און שרעקלער!
קוים א קער זיך צום אוועקגיין —
עפנט גיך זיך אוף די טיר —
און די מיידמאנס שטיי׳ן פאר איר.

און א קרויווע הייבט א גוואלד אוף.
פאר דער מאמען אסיס פאלט זי.
אסי בלייבט צעדרייט, צעדולט: —
מ׳קוקט אף איר ווי אף דער שולד.

ווי האָט זי געקענט אנטלויפן
פון דעם אָנגעלויף פון קרויווים.
אז די מאמע קרעכצט אָן שיר,
האלב-פארכאלעשט קוקט אף איר...

און די מיידמאנקע מיט עקל
ציט פון אסין אָפּ דאָס רעקל,
זעצט זיך איר עס צו פאריכטן,
פרום און מיט פארזאָרגט געזיכטל,
שטראָפט זי, אסין, שטראָפט פארשעמט,
אז זי האלט זיך גרויס און פרעמד.

און דערווייל גייט מען אריבער
צו דער לאגע. גיט מען איבער
אז די רויטע שלאכט-כאיאָלעס
ליידן שרעקלעכע מאפּאָלעס, —
באלד פארענדיקט מען מיט זיי...
דאָ דערווייל דערלאנגט מען טיי.

אסי אָבער, — אופגעטראָגן,
פון דער פּלוצעמקייט דערשלאָגן —
הערט קימאט ניט דאָס גערייד.
פאר איר בליק דאָס בעט זיך דרייט
מיט איר קרעפּטיק-כיטרער מאמען.

ווי פון טויבקייט קומט דאָס שטאמלען
פון רעב קאָן: — ס'איז אסי, זאָגט ער,
אונדזער קאָנסול דער געפּלאָגטער
בא דער ווילד-פרעמדער מעלוכע,
וועלכע פאלט און ווערט צו ברוכווארג.
רופן מיר דעם קאָנסול אָפּ...

אסין פּלאָנטערט זיך אין קאָפּ,
הייבט זיך אוף און זאָגט קיין וואָרט ניט,
צו דער טיר זי גייט, נאָר דאָרטן
שטייט שוין דאָדיק אָף דער שוועל
און דעם דורכגאנג איר פארשטעלט.

אופגערעגט, זיין פּאָנעם פלאטערט,
ס'דינע מויל פארקרימט, פארמאטערט. —
אין די בייַשטידלעך די הענט
מיט אקשאָנעס איינגעקלעמט.

אסי טוט א שמייכל ביטער, —
טוט מיט דאָדיקן א ציטער,
אָף די קני ער פאלט אוועק,
מיטן קאָפּ צום קליידל-ברעג.
וויגט דעם קאָפּ אין שלוכצן שטום.
אסי קוקט זיך מער ניט אום,
צו דער טיר — און איז אוועק.

קאפּיטל זעכצן

# דאָס געשלעג

## 1

אזא קרירעדיקער ווינט, שניי און ווילד געוויטער,
טו א שפּײַ, פּאַרפּרירט דער שפּײַ, אין א זײַט פּאַרפליט ער.
נאָר סע יאָגן שליטנס פּיל מיט געשווינדע פערדלעך,
אין שינעלן זיצן לײַט מיט פּארשנייטע בערדלעך.
נײַע שליטנס, ספּריטנע פערד, — פליט מען ווי אף פליגל —
דאָס פאָרט פּאווליק מיט זײַן פּאָלק צוגעגרייטע קריגער.

דורך די וועלדער, מיט א זײַט, אומגעריכט פארקערט מען,
ווי פון אונטער דעם זאוויי וואקסט מען אויס אף ערטער.
פּאַסטנס, טײלעכלעך פון פײַנט אפדערגיך צעבײַט ער,
שטעלט אוף די סאָוועטנמאכט, יאָגט זיך, שלאָגט זיך ווײַטער.
ווי'ן ער קומט אין דאָרף ארײַן, ווי'ן ער קומט אין שטעטל, —
וואַרטן אייגענע אף אים, רויטארמייער גרייטע.
נעמט ער זיי און ווײַטער פליט, — וועלדער, דערפער, גראָבנס...
פלוצעם, — מיטאמאָל, — מע שטייט הארט דעם פײַנט צוקאָפּנס.
און א רעגע, — און דער פײַנט טוט א שיט מיט פײַער,
מיט א פּאָכער טוט א פּאָך איבער אלע רייען.
קוילנוואַרפערישער טראַך, היץ, און מע צעשיט זיך,
און א ברייטע קייט צעשפּרייט מיט געווער צעבליצט זיך.

פּאווליקס קאָל צעגייט אין קייט, ענטפערן די קעמפער:
שלעסער-טראַסק, מאַשין-געווער, פײַער, — איז דער ענטפער.
וואָס איז וואַניען אזוי גוט, וואָס דאָס מויל צעשפּארט אים?
פול מיט סימכע איז דער שנעק, גלײַך די שלאכט דערוואַרט קוים.
סאַרא גיכקײַט מיט די הענט, סאַרא וווּנק וואָלף-בערן,
ווען ער שיקט דעם זאלפּ אוועק אין די ווײַטע ספערן.
קוילן-פײַף איבער זײַן קאָפּ — זאָל דעם יונג דאָס אַרן.

פּינקטלעך-טרײַ ער טרעפט אין פּײַנט — זיי ניט אָפּצוּנאַרן.
זײַן „מאַקסים" ער שלעפּט נאָך זיך שטענדיק אַף אַ שטריקל,
ווי אַ הינטל „דינט" מאַקסים, ווי אַ ליב אַנטיקל.
ניט ער זעט דאָס אַלץ, וואָלף-בער, נאָר ער פילט עס פּינקטלעך,
און ער וואָרנט אים אין האַרץ — זיך ניט פירן ייִנגלש.

לעבן וואַניען ליגט וואָלף-בער, שטאַרק מיט באָרד באַדאָרנט,
בעריש קרום די צוואַנגען-הענט מיט דער ביקס זיך פּאָרען.
פון דעם שפּיז-געוווּקס פון באָרד קוקן שפּיציק אויגן,
גלײַך די גוווּרע פון דעם ריז אין זיי איז אָנגעצויגן.
בעריש-קרום די צוואַנגען-הענט מיט דער ביקס זיך פּאָרען.
זען זעט ער גאָרניט מער, נאָר דעם פּײַנט פון פאָרנט.
פילן אָבער פילט ער האַרט אין די רייען שכיינים,
פּאַווליקס קאָל און שאָס-גערויש און אַ קראַפּט געהיימע.
צי די גאַנצע קייט איז אויף, צי ס'איז ווער געבליבן
מיט אַ קויל דאָ צוגעפּלעטשט, מ'האָט „הוראַ" געשריגן,
וואָס איז וואַניען אַזוי גוט, וואָס אַף פאָרנט שפּאַרט ער,
גלײַך אָט די באַגעגעניש האָט ער קוים דערוואַרט זיך?

גרויזאַם זעט דער סוינע אויס, ברילט אין גרויס רעציכע.
קעפּ געפּאַנצערטע פאָרויס, ביקס פאָרויס, — זיי קריכן.
כײַיִש-דול פון טויט געשטופּט, מײַלער ברייט צעעפנט,
פערד און מענטש פאַרמישן זיך, שפּיז מיט שפּיז זיך טרעפן.
פון דעם פלאָנטער הייבט זיך אויף אַף אַ רעגע שווערליק
אַשער שוואַרצמאַנס שיינער קאָפּ און זײַן האַנט, וואָס נעריקט.
וואַניע זעט עס ווי אין טרוים, און אַ פרייד אים שיקערט:
ס'ציט אין קאָך, ווו אַשער איז, — דאָרטן איז דער איקער...
ווידער האָט זיך שוואַרצמאַנס קאָפּ אויפגעהויבן ליכטיק,
נאָר אַ דײַטש, וואָס מיט אַ קנאָפּ, שלעפּט צו דר'ערד דעם דיכטער.
קוילעס קנוילן, וואַניע אײַלט, — בלוט און בלײַץ פון קלינגלעך.
וואַניען דאַכט זיך: אונטער פיס קײַקלען קנוילן, — שפּרינגט ער.
שפּרינגט פאַרכידעשט, וואָס סע גרינג, ווי אין שווונג אַף שטאַנגען,
יענעם קנאָפּ, וואָס ברילט אַזוי, גלוסט זיך אים דערלאַנגען.

הינטן לויפט אף אים א ריז, הויך דעם שטיק פארהויבן, —
וואניע ווייסט ניט, וואניע גארט זיך צום קנאָפּ דערקלויבן.
נאָר וואָלף-בער דעם ריז דערזעט, — ראנגלען זיך צוויי ריזן,
מיט די זוילן, קעפּ און הענט — מער ווי מיט די שפּיזן.
און דער דײַטש א ציטער טוט, דול דעם קאָפּ פארדרייט ער.
די גערמאנצעס שטעלן פיס, יונקערס מאכן פלייטע.

פּאווליק מיט די לײַט נאָך זיי, פון די פיס זיי שלאָגן,
אין געדיכטעניש ארײַן, פײַנט אף פײַנט זיי יאָגן.
מיטאמאָל פון רעכטס און לינקס שיט פון פולעמיאָטן.
דײַטשע טיילן שווימען אוף, גרופּעסווײַז צעשאָטן,
פאלן צו און שטייען אוף מיט א לויף א לאנגן —
צו דער פלייצע פּאווליקן בייגן זיי די פלאנגען!

פלוצעם — גלײַך עס רײַסן אוף, פלאצן גאנצע פאָלקן,
בלאָטע, שניי און שטורעם-שטויב דרייען זיך אין וואָלקנס.
נאָך די וואָלקנס קומען אָן נײַע גאָר כאיאָלעס.
און מע ווארפט די דײַטשן אום, דײַטשן אין בעהאָלע.

דאָס גייט שטשאָרס אזוי פארבײַ, פּאווליקן באדארף ער,
פאָלק מיט פאָלק פארייניקן נ׳לעצטן שלאכט זיך ווארפן.
דאָס האָט שטשאָרס א גיי געטאָן מיט די לײַט באָגונער —
און פארבײַגעגאן די פײַנט, — זיי געטאָן א דונער.

מיט ניצאָכן קומט די נאכט און מיט ווײַ פארכמורעט.
די געפאלענע אין שלאכט פירט מען צו דער קוורע.
מיט דער פרײַהײַט זיך געשיידט די נעשאָמעס העלע,
איבער אָנהייב-פרילינג-פעלד שפּילט די פאָלקס-קאפּעלע.

מיט א בלײַקע נײַ-פארשפיצט ציילט וואָלף-בער דער גיבער
די געפאנגענע דעם סוינעס, ציילט און שרײַבט זיי איבער.
די פארנומענע דעם סוינעס אָן אן עק געווערן,
וואניע פאָרעט באַם געווער, די טעכניק דערלערנט.

שטשאָרס אין פאוויליק זאמלען אויף אַלע קאָמאנדירן.
בא די קאַרטעס רעדט מען אָפּ, ווי די טיילן פירן.
בא די קאַרטעס, בא דער טיי שטעלן אויס די וועגן
באָלשעוויקעס, לענינס לייט, יונגע פאָלקס־סטראַטעגן.

אפדערנאכט א סימכע איז, ס׳איז א פרייד א שטילע,
אין א קרייזל קעמפער־לייט פרייען זיך און שפּילן.
אין א צווייטן קרייז איז ענג: כידעשדיק־פארכאפּטע
בא דער דייטשער פלי־מאשין דרייט מען זיך, מע טאפּט זי.
וואניע וואָלט א באלן זיין, אָ, ווי וואניע רייסט זיך,
זי א פּרווו טאָן אין דער הייך. נאָר ווי׳זוי? זי בייסט זיך.

אין אן אנדער קרייז איז שטיל, פלאמיקע געזיכטער:
שווארצמאן ליי׳נט א ליד א נייס, ער, דער העלד און דיכטער.
יאָרנלאנג באם צאר אין דינסט, אין סאָלדאטסקע רוימען —
האָט ער אויסגעהיט אין שטיל זיינע ליבסטע טרוימען,
אז די פעסט פון זידלעריי זאָל אף זיי ניט דריקן,
קנעכטשאפט און דערשלאָגנקייט זאָל זיי ניט דערשטיקן.
אלע אומגליקן אדורך, און צום פאָלק זיי ברענגען,
און דעם יאָמטעוו פון דער פריי מיט די קרענץ באהענגען.
אָשער שווארצמאן ליי׳נט זיין ליד, פרישע קוואלן פלייצן,
רויטארמייער פליעסקען אים, און ער לאכט און פרייט זיך,
זעצט זיך פון געלעכטער צו, ווי ער טוט עס שטענדיק,
מיט זיין גאנצער שטאלטנער גרייס, און די אויגן בלענדן.

אָט אזוי פארברענגט מען שטיל, שאָען פריילעך שווימען.
נאָר די סימכע ווערט ערשט גרויס, ווען סע ווייזט זיך שימען:
בייגעקומען נויט און קעלט, שלעק ניט אויסצוציילן —
איצט פאר פאוויליקן און שטשאָרסן שטייט מיט גרייטע טיילן,
דאפּאָרטירט: — אלץ אויסגעפילט. גרייט צו די באפעלן!

## 2

דערנאָך אין שלאָף אין קרעפּטיקן פאַרזינקען רויטאַרמייער.
און נאָר די קאָמאַנדירן וואַכן — מ׳האָט זיך ניט געלייגט.
נאָך ביז דער פייַנט דערמונטערט זיך באַדאַרף מען אים צעדרייען.
ער פּרוּווט אונדז שוין די פּאָדער־טײלן אָפּקוועטשן פון ברעג.

מע מוז דעם טײַך אַריבער גיך און דאָרט אים איבערקערן.
ער פּרוּווט זיך דאָרט פאַרפעסטיקן. מיר האָבן נאָר איין בריק.
א ווערסט די לענג, די באַנען־בריק. און אונטער פײַער שווערן
עס האַלט דער פײַנט די גאַנצע לענג און ווענדט ניט אָפּ דעם בליק.

אויך אײַנגעגעבן האָט זיך אים די נאַפט־באַרזשעס צעצינדן,
און איצט א גאַנצער פײַער־יאַם די בריק באַלויכטן האַלט.
באַשליסט מען: אַלעם אופוועקן און גרייט זײַן וואָס געשווינדער,
אין נאַכט־אַטאַקע לאָזן זיך, און רירן טאַקע באַלד.

צום אויספּרוּוון די באַנען־בריק, מע לאָזט אַף איר צעיאָגן
א פּאַראָוואָז אין גרעסטער גיכקײַט, אָן א מאַשיניסט.
און אויב סע שטייט א בראָני־צוג דעם פײַנטס — וועט ער צעשלאָגן.
סע לויפט און קראַכט דער פּאַראָוואָז, אין פינצטערניש ער ניסט.

און נאָכן פּאַראָוואָז געלאָזט א צוג מ׳האָט א בראָנירטן,
א טייל געלאָזט, און נאָך א טייל, און נאָך א פּאָלק א פרישס.
דער פײַנט פון אומגעריכטקײַט שיסט שוין, גלײַך פון זין געוירט זיך —
מיט ביקסן, פּולעמיאָטן און האַרמאַטן איין געמיש.

דאָס פײַער וואַלגערט פון די פיס, מע לויפט, דאָס פײַער שמעטערט.
— פּאָרויס! צום סאָף!— שרײַט פּאַוליק.— ניט פאַרהאַלטן זיך! פּאָרויס!

און מער קיין ווערטער זאָגט ער ניט, ער פאַלט באַלד א געפּלעטער.
סע כאַפּט אים שוואַרצמאַן אונטער, אין די הענט אים גייט
ער אויס.

און פלוצעם, — ס׳ווילן שוואַרצמאַנען די פיס גאָר מער ניט דינען.
אינמיטן בריק! — ער האָט געשטוינט: — געפונען זיך א צייַט!

דאָ באַלד האָט וואַניע אים דעריאָגט, דעם פרייַנט אין בלוט געפונען,
אף זיך א הייב געטאָן אים אָפּצוטראָגן אין א זייַט.

און ווי ער לויפט מיט אים, א זעץ — דערפילט א באַק א הוילע,
א שטיקל באַק אים אָפּגעפליקט, סע הענגט מיט בלוט פאַרזאַפּט,
ער לייגט אנידער שוואַרצמאַנען און זעט, די זעלבע קויל האָט
דערהאַרגעט אים, דעם דיכטער-מענטש, דער קאָפּ איז אים צעקלאַפּט.

דאָס דויערט אַלץ א רגע נאָר, ער טאָרעט אים, ער טרייסלט,
און לאָזט זיך מיטאַמאָל זייַן וועג, און ביטער ברילט.
ווי׳זוי דערציילט מען עס דעם פאָלק? ווי וועט ער עס פאַרגעסן?
ווי׳זוי איז דאָס פאַרלאָפן גאָר? ווי אומגעריכט פאַרשפּילט?

דער יאָג פון רויטאַרמייער-טיילן יונגע און געשווינדע
האָט אָנגעיאָגט א שרעק אף זיי, די פייַנט, זיי טרעטן אָפּ.
אין דייַטש-פּעטליורישן געמיש מע לאָזט זיך און מע שינדט זיי,
די יונגע רויטאַרמייער-האַנט מע לאָזט אף זיי אראָפּ.

און ווען אין שטאָט באַפרייַטער דעם ניצאָכן מ׳האָט געפייַערט,
און ווי נאָר די געפאַלענע צו זייער רו געבראַכט,
דאַן האָט מען אויך דעם דיכטער, וואָס געפאַלן איז פאַר פרייַהייַט,
דערמאָנט, אין אונדז זאָל ליכטיקן אף שטענדיק זייַן געדאַכט.

ער לאַכט ניט מער, ער זעצט זיך ניט צו דר׳ערד צו בא דעם לאַכן, —
זייַן האַרץ אָבער סע לעבט, זייַן האַרץ זייַן גאַנצס אין ליד פאַרטאָן,
ווייַל ווער מיט לעבנס פאָן געגאַנגען איז אין שלאַכטן, —
אָט דער קאָן ניט פאַרגעסן זייַן, ער לעבט ווי אונדזער פאָן.

## 3

די שטאָט איז פרײַ, — מעוווּלבל נאָך פון אַלץ, וואָס האָט געטראָפן,
און ווידער רוישט מעשונע אוף: א מענטשן-קנויל זיך שלעפּט.
פאָרויס א ייִד, אַן אַלטיטשקער, זײַן מויל איז לעפּיש-אָפן,
ער שפּאַנט ווי א פּאַרקישעפּטער, זײַן בליק איז דול באַלעבט.

די מאָדנע מענגע טומלט זיך, און צום רעווקאָם דערגאַנגען —
צום רויטאַרמייער ווענדט זי זיך, — וואָס שטייט באַם דראָט-געפלעכט:
— דער אַלטער האָט א מענטשן דר'הארגעט, מיט א לאָם דערלאַנגט אים,
באַפרײַט זשע אים... דער סטאָליער אַריע האָט געטאָן גערעכט.

דער רויטאַרמייער כידעשט זיך, ער הייסט: זאָל רעדן איינער!
ער קוקט דעם מאָדנעם מערדער אָן — א פרומגעקליידטער ייִד. —
ער הערט: — דעם סטאָליערס אייניקל, די נייטערקע די שיינע,
פאַרפּײַניקט האָט סווענציצקי דער אַכראַניק און באַנדיט.

פון דעמלט קוקט דער אַלטער אויס צו פּאַקן דעם אַכראַניק,
און הײַנט האָט ער דערזעען אים פון בריק ער קומט אַראָפּ.
האָט אים דער אַלטער אָנגעיאָגט און מיט א לאָם דערהארגעט.
איז ווילן מיר אים פרײַלאָזן. — איז ווער זשע האַלט אײַך אָפּ?

— מיר ווילן נאָר די רויטאַרמיי אַליין זאָל אים באַפרײַען...
דער קריגער האָט א טראַכט געטאָן, דעם אורטייל גלײַך ער גיט:
— דעם סוינע, וואָס פאַרפּײַניקט האָט א כאַוועֶר א געטרײַען —
קומט יענע וועלט. און די וועלט קומט דעם פרײַען כאַוועֶר-ייִד...

## קאַפּיטל זיבעצן

# ייִכעס

### 1

וואָס טוט זיך אַזוינס בײַ די מײַדמאַנס אין הויז?
וואָס איז דאָ — אַן אײַנפּאַר? — אַרײַן און אַרויס!
זיצט דאָדיק, די פּויסטן פאַרדריקט אַף די אויגן,
מאַדאַם טאַני מײַדמאַן, אין אַנגסטן געבויגן,
דער שטערן פאַרבונדן מיט טיכל אַ ווײַסן,
אַף קאַנען זי קוקט און די ליפּן זי בײַסט זיך:
וואָס ווילן די מענטשן, וואָס קומט עס דאָ פאָר,
וואָס איז מען געקומען איר קירצן די יאָר?

אַרום שטייען לײַט, גלײַך טעאַטער מע שפּילט.
אין סערדעטס געקליידט און אין שאַלן געהילט.
אין איבערשרעק וויסטן פאַרהויבן די פּלייצעס,
ס'איז איינער באַצאָרנט, דער צווייטער צערייצט איז.
מאַדאַם טאַני מײַדמאַן, — פון קאַס און ביזאָיען
די ליפּן זיך בײַסט און אין האַרצן זי ראַיעט:
ווו איז דאָס דערהערט גאָר, ווו איז דאָס דערהערט,
וואָס עפנט ניט אויף זיך אַ גרוב אין דער ערד!

אַף קאָנען זי קוקט און צום קאָרעוו דעם רײַכן,
וואָס נאָרוואָס אַרײַן מיט אַ הוסטן און קײַכן, —
דערציילט אויך דאָס זעלבע, דאָס האַרץ זאָגט זיך אָפּ
די וועלט צו פאַרשטייען, אַ בראָך זיי אין קאָפּ!
— איך זאָג אײַך, איך האָב זיך נאָך פריִער געשטויסן,
כ'האָב שטענדיק געזאָגט עס, — איצט ווײַזט זיך אַרויסעט!
איצט קלינגט שוין די שטאָט מיט דער בסורע דער וויסטער:
דײַן קאַלעניו אַסיניו פירט קאָמוניסטן.

זי פירט זיי אין אונדזערע הײַזער, די רויבער.
געקלאַפּט אויך צו מיר, בין איך קראַנק, כ׳בין א טויבער.
זיי זײַנען געווען שוין, בא זיי און בא זיי, —
איך ווייס ניט, וואָס הייבט מען ניט אוף קיין געשריי!
איז קום איך אײַך מאַזלטאָוו זאָגן, מאַדאַם,
דאָס גאָלד גרייט זיי צו, ניט פאַרשעמט אונדזער שטאַם.
מיסטאַמע, באַלד קומט זי אַהער מיט די רויבער,
איך אײַל זיך, האַ? כ׳הער ניט. כ׳בין קראַנק, כ׳בין א טויבער...

און קאָן פֿילט זיך שולדיק פאַר אַלץ אף דער ערד.
פאַר דעם, וואָס אין מאָסקווע טוט אַלץ זיך פאַרקערט.
פאַר דעם, וואָס די מאַסע באַגייט זיך ניט שיין.
פאַר דעם, וואָס דעניקין קומט אַלץ ניט צו גיין,
פאַר דעם, וואָס די קאַלע איז... גאָט זאָל ניט שטראָפן...
פאַר דעם, וואָס דאָס אַלץ האָט אַזוי זיך געטראָפן.

און קאָן פּרוּווט די לײַט די דערשראָקענע טרייסטן.
די לאַגע מיט סייכל באַטראַכטן ער הייסט זיי.
— ווײַל גאָט בלײַבט דאָך גאָט, כאָטש דער מענטש בײַט דעם גלויבן,
דו שטייסט אפן קאָפּ, — נאָר דער הימל בלײַבט אויבן.
דאָס גאָלד איז די בריטשקע, דער סייכל — דאָס פערד. —
ראַבױסײַ, ניט פאַלט מיטן פּאָנעם צו דר׳ערד!

— דו כעלעמער כאָכעם! — שרײַט איינער דערצאָרנט.
וואָס האָט איר אונדז פריִער מיט גאָרניט געוואָרנט!
ווי האָט איר דערלאָזט, אײַער קאַלע זאָל פירן
צו אונדז אירע פרײַנט און אונדז אויסטאָן, ראַבירן!
וואָס זיצט ער, דער כאָסן, דער מאַמעניוס זון? —
שטייט אוף, פּאַניע־נעבעך, און פּרוּווט עפּעס טון!
מיר ווילן זיי זאָלן צו אונדז מער ניט גייען.
צי האָסטו שוין, עפשער, אף איר ניט קיין דייע?
צי איז זי שוין עמעצס פון יענע? איז זאָגט! —
די הענט אפן פּאָנעם, זיצט דאָדיק און קלאָגט.

מאדאם שטעלט זיך אויף, סע באשלאָגט זי א שוויס:
— איצט גייט, מײַנע פרײַנט. און א דאנק פאר דער טרייסט...
אבי כ׳האָב געמיינט, אז דעם מאן ארעסטירט,
איז אויס, איך בין עלנט... נו, מארש צו דער טיר!..
זי קערט זיך צו קאַנען: — די טנאָים צערײַס!
מיר פאָרן אהינצו... — אין פענצטער זי ווײַזט.

און דאָ ערשט איז דאָדיק ארויס פון די קיילים:
— אַן אסין? אַן אסין? מיט איר נאָר אינײַנעם!
געדענקט זשע, איך וועל זיך אײַך אָנטאָן א מײַסע!
און דאָ מיטאמאָל: די מעכטענעסטע ווײַזט זיך.
אלטמאָדיש פארפרינדעט, זי נייגט זיך און קנייטשט זיך,
די אייגלעך אין שמוכן פארקוויקט, ווי זי רייצט זיך, —
— אײַ, דאָדל, אום סוקעס גאָר אַן א קאַרטוז!..

ער האָט זיך אוועקגעדרייט, קלוימערשט געהוסט.
מאדאם קוקט אין פענצטער און שווײַגט ווי די וואנט.
נאָר קאַן גייט צום גאסט צו און גיט איר די האנט.
ער פירט זי ארויס אפן פוסטן באלקאָן,
און דראָט איר און טײַנעט און הייסט עפּעס טאָן,
זי טײַנעט אנטקעגן, זי מאָנט און זי דראָט,
און גיך אַן א זײַ־געזונט זי לאָזט זיך אין שטאָט.

2

(נאכמען־יאָנטעוול קומט צו אסין אין צימערל)

— נו, טעכטערל, טאנץ! א באפעל דיר איך ברענג,
פון שימקען א בסורע פאר דיר, א געשענק!
וואָס גיסטו דערפאר? — אײַ, גייט אײַך, ניט מאטערט.
— נו זינג מיר נאָר עפּעס... נו זינג מיר טעאטער...
אײַ א באפעל דיר!... ער הייסט, דו זאָלסט ווערן
א לערער אין פאָלק, און זײַ גראמאָטע לערנען...

ס'האָט אסין זיך שפּרינגען געוואַלט: — „ער געטרויט מיר...
ער טראַכט פון מיר, הייסט עס?" — ז'האָט שטאַרק זיך
פאַרויטלט, —
געצוימט מיט געדולד זיך: — אנו, וויַיזט אהער נאַר...
זע, טאַקע, כ'זאָל קומען, דעם טייל זאָל איך לערנען,
זיי נעמען מיך מיט! אוי, איך זאָל ניט פאַרזאַמען!
— אהא, איצטער גלייבסטו? א רוח אין דיַין מאַמען...
א גוטן! — נאָך־יאַנטע, וואַרט אויס, כ'האָב פאַרגעסן...
וואָס וויל איך אייַך זאָגן? איר ווילט עפּעס עסן?..
א גוטן אייַך, כאַווער נאָך־יאַנטע, א גוטן!

און אסי אליין בלייַבט. „נו, איצטער וואָס טוט מען?"
זי קילט מיט די הענט זיך דאָס פּאָנעם, סע גליט,
אף וויַעס פאַרמאַכטע א טרערעלע בליט.
„צי טראַכט ער פון מיר, צי רייד איך זיך איַין נאַר?
ער האָט מיך גערופן באַם נאָמען בא מיַינעם.
איז נעמט מען מיך מיט, ווען די שטאָט מ'עט פאַרלאָזן?
אוי, דאַכט זיך, איך נעם זיך שוין איבער, — א האָזע!
איך, הייסט עס, וועל לערנען די בערדיקע רייַטער.
צי וועלן מיך הערן די מענטשן פאַרשייַטע?
צי וועלן מיר גלייבן די יינגערע יאַטן?
און מער שוין ניט נאָכפרעגן, ווער איז מיַין טאַטע?
קיין שפּיגל ניטאָ דאָ, — ווי זעט אויס מיַין הוילעך,
צי פּאַסט עס פאַר זיי דאָרט? גענוג, דאַכט זיך, גרוילעך.
אָך, עפּשער איז בעסער א באָרוועסע קומען?
די לערערן — באָרוועס!" און זי האָט גענומען
אפּגיך זיך צעשנירן די האַלבע שטיוולעטן,
אָט וועט זי באַלד פּרוּוון, צי שטעכט ניט באַם טרעטן.

אומזיסט האָט געדאַכט זיך, אומזיסט האָט געקלעמט זי: —
אָט טרעט מען אַרויס און מע זאָגט: — ביסט א פרעמדע! —
און שימקע דערבייַ שטייט, — א שטיין איז ניט האַרטער!

ער רייכערט און שווייַגט און די פּאַטלע פֿאַרשאַרט ער,
און גייט זיך זייַן וועג... גייַן, וואַרט, און זאָלסט וויסן,
דאָס מיידלשע האַרץ ווי פֿון פּייַן ווערט צעריסן.

מיר גייט נאָך דער שאָטן פֿון דויִרעסוויייַז קרעמערס,
דער שאָטן פֿאַרפֿאָלגט מיך אין וואָר און אין שלאָף.
אָט האָסטו מייַן ייִכעס: — מייַן פּעטערל מוישע,
אָווא, סאַראַ כאַשעוו, א שוואַגער דעם ראָווס.

א רייַכער, מיט זייַדענע זין און מיט איידעמס,
ער מיסכערט און מעקלערט און טוט פֿאַרן קלאַל, —
א מאַרק-טאָג אף טווע, ער קויפֿט מיטן גוויר אויף,
א בערישער פֿויער שטעלט זעק אף דער שאָל.

סע וועגט עס מייַן פּעטער און טוט עפּעס קישעף...
— אָט זעסטו, האַווריִלאָ, סע פֿעלט א פּוד דרייַ.
דער פֿויער ווערט רויט און א שוויס אזש באַשלאָגט אים,
ער שפּרינגט פֿון דער הויט שיר און מרוקענדיק שרייַט:

— מאָווּשע, אָ, מאָווּשע, כ'האָב צוויי מאָל געוויגן,
מייַן וואָג איז א גוטע, גאָט איז מיט אייַך!
וועג נאָכאַמאָל, מאָווּשע, מייַן וואָג איז א גוטע.
צוואַנציק פּוד קאָרן, צוואַנציק פּוד גלייַך!

און נאָכאַמאָל וועגט מען, ביידע פֿאַרשוויצטע,
און נאָכאַמאָל קישעף און ווילדער פֿאַרדרוס, —
סע קראַצט זיך דער פֿויער אין קאָפּ און ער שעלט זיך,
און ס'גלעט זיך דער פּעטער דעם יאַרמלקע-פּליוש.

א פּעטער א צווייטער, אוּרעמעלע דרונזשיק,
גאָר דאַכט זיך א נעבעך און שוואַך ווי א שטרוי, —
נאָר אָט סאַראַ בעריע אין קרעמערשע קונצן!
פּרום, אף די טייַנעס ער ענטפֿערט דעם „גוי".

— וואָס, ס'איז דיר ווייניק? די טאָרבע מוז פול זײַן?
— „צע מאלי פיוו-פודיק" — וואָס וויל ער פון מיר!
אזוי מיטן „מאלי פיוו-פודיק" געמיסכערט,
און סטראזשניקעס האָבן געהיט אים די טיר.

אזוי טײַנעט אסי אליין אינעם צימער,
און שימענס געשטאלט פאר די אויגן איר שימערט,
ער שלינגט אירע ווערטער, וואָס גליִען און פרייען.
דערווײַל קומט וואָלף-בער, אף דער טיר בלײַבט ער שטייען.

די טיר פילט ער אָן: מיט א ביקס אפן אקסל.
דאָס פּאָנעם מיט גרײַזלעך מיט גרויע פּארוואקסן,
פאַרכידעשט פון אסיס האווײַעס בלײַבט שטיל:
— דו שפּילסט גאָר טעאטער?... נו, שעם זיך ניט, שפּיל...

### אסי

כאווער וואָלף-בער.
איך גיב הײַנט דעם ערשטן אוראָק!
כאווער וואָלף-בער, זאָגט,
ווערט שימקע זײַן צופרידן,
ווי מיר צוזאמען
האָבן אופגעראמט די שטאָט?

### וואָלף-בער

די גווירים קענען דיך,
זיי פײַערן און פלאמען,
די מאדאמען
פּלאצן פאר פאַרדראָס.
אסיס ווײַסע פינגער
ווייסן, ווו צו זוכן,
ווו און וואָס.

**אסי**

איצט איז אפֿן הארץ מיר גרינגער.
וואָלף־בער, איך טויג אף עפּעס־וואָס?

**וואָלף־בער**

כ׳מיין.

**אסי**

וואָלף־בער,
מײַן אָפּשטאם שרעקט מיך,
אין פּיבער ווארפט. —
צי זעט עס שימקע?
צי זעט עס ווער סע דארף?
צי ברענגט א נוץ מײַן ארבעט,
נו, זאָגט מיר קלאָר,
צי מעקט מען מיר אראָפּ
די שאנד פֿון יענע יאָר?

**וואָלף־בער**

מע דארף עס, אסי,
שימקען פֿרעגן.

**אסי**

צי גלייבט מען מיר,
ווי מע גלייבט אן אייגענעם?
צי איז ניטאָ צו מיר קיין האס?
צי קען איך זײַן ווי דו,
צי ווי די לעצטע פֿון דער לעצטער גאס,
און דערוועגן זיך
צו זײַן א קינד פֿון אײַער קלאַס.

וואָלף־בער, זאָגט מיר אָפן,
זאָגט מיר שוין.
געשטאַנען איז די פראַגע,
צי קען מען מיר געטרויען?
דערציילט...

ו ו אָ ל ף ־ ב ע ר

דו וועסט אַ לערערן אין טייל,
וואָס דאַרפסטו מער?
טו אַ קוק, ווער גייט אַהער?

א ס י

מײַן מאַמע...
אוי, וואָלף־בער, צו מיר מיסטאַמע.

מ ו ט ע ר

אַ גוטן אײַך, רעב ייִד.
סע שווער צו אײַך אַרײַן.
אַרויס פון אײַך נאָך שווערער.
דעם אויער גיט, רעב ייִד. —
איך רוים אײַך עפּעס אײַן:
אַ טאַקער כ׳גיב און מערער!
און שטיינדעלעך אַ פּאָר, —
נאָר טרײַבט אַרויס מײַן קינד פון אײַך...

א ס י

מאַמע, גיי, און קירץ מיר ניט די יאָר.

מ ו ט ע ר

— איך וואָרן אײַך, רעב ייִד.
סע קומען אָן כאַיאָלעס
פון דער שוילטאַכטיִע,
פון דער שוילטאַכטיִע.

מיט אַדלערס שוואַרצע, ווײַסע.
אוי, ווער מען שטיקער רײַסן,
אוי, ווער מען סמירעווען דעם כאַם.

וו אַ לף-ב ע ר

כ'פאַרשטײ, מאַדאַם...

מ ו ט ע ר

אײַ, זיך נאָר קיין לעקעכלעך ניט מאָלן.

וו אַ לף-ב ע ר

בין, גרייט, מאַדאַם,
צו צאָלן,
אָט לויף איך שימקען זאָגן,
צוגרייטן וואָס מיר פאַרמאָגן,
שימקע וועט זיי אַלץ אנטקעגן שיקן,
די ערדן, די פאַבריקן.

מ ו ט ע ר

הערט, איך מיין...
איך זאָג עס דען?
אַזוי זאָגט קריין...
כ'מיין... וואָס קערט איר אָן זיך, זאָגט מיט מיר,
פאַרוואָס האָט איר מײַן קינד פאַרפירט!
מע קען דען אויסהאַלטן די שאַנד:
עס פרעגן מיך די לײַט די פײַנסטע,
ווי פאַסט עס פאַר א קאַלע מײַדמאַנס.
די קלאָלעס הערן און די טײַנעס,
דאָס פּאָנעם מיר פאַר כאַרפּע פלאַמט,
אוי גאָט, אוי גאָט.

א ס י

לאָז אויסרופן אין שטאָט,
אַז האָסט מיך ניט געבוירן!

## מוטער

איך זאָג אײַך, ייִד.
זי איז א הונט מיט אויערן.
זי זעט נאָר אויס אזוי, א קינד.
זי קען אוועקלאָזן טאטע-מאמע,
גאָר אָן ראכמאָנעס, מיטן ווינט.
זי וועט דאָס לעבן אײַך פארסאמען, —
איר פאלשקײַט האָט דאָך ניט קיין צאמען!
וואָס האלט איר זי? צי זענט איר בלינד!..
אוי, און ווער איז דער?!..

## נאכמען-יאָנטעוו

און איך קאָן טאָן א שפּרונג!
געכאפּט א קליינעם טרונק.
איר זעט מײַן בערדל? —
און דאָך א יונג!
ניט ערגער פון מײַן פרײַנטל קאָליע —
אויכעט א קוריער.
מיר זײַנען רירעוודיקע יאטן —
איך און ער.
ווער האָט א שײַלע דאָ צו פרעגן
א שפּרונג ווער דארף, א נעס?
ס'וועט אלע מאָנטיק גיין א רעגן,
די גווירים וועט מען גאָרניט פרעגן
באפרײַען זיי פון דעם פארמעגן
זאָלן קענען גיין זיך לייגן, —
ווו, וואָלף-בער?

## וואָלף-בער

גײַען איילן.

נ א כ מ ע ן - י אָ נ ט ע ו ו

איך בין פול אף אלע וועגן!
ווער זשע וויל מיך עפּעס פרעגן?
דו, וואָלף-בער, אסי, דו?
איר, מאדאם פון די מאדאמעס?

מ ו ט ע ר

אוועקט פון מיר!
וואָס וויל דער העקדעש-שאמעס?
איך הייס אײַך, לאָזט מײַן טאָכטער אָפּ!

נ א כ מ ע ן - י אָ נ ט ע ו ו

מיר זאָל זײַן פאר אײַער קאָפּ!
זאָגט אָמיין, און איך וועל ניסן.
עפּטשאָ, זײַט באקאנט,
ווער איך בין עס, ווילט איר וויסן?
עפּטשאָ, פון ווו מע שטאמט?
אָט הערט מיך אויס, מאדאמעס,
פון העקדעש-הויז דער שאמעס,
דעם אָולס וואסער-גיסער,
דעם קאָהאָלס פלאָקן-שיסער,
דעם רעבנס-טאבאק-ניסער, —
עפּטשאָ, אוועק, עפּטשאָ —
דאָס אלץ איז מער נישטאָ!
פון איצט, מאדאם, די הערן,
די טכוירן און די בערן,
מאדאם, איך קען אײַך שווערן —
די קעפּלעך וועט מען שערן.

מ ו ט ע ר

שעמט זיך אין אײַער ווײַטן האלדז,

נ א כ מ ע ן-י אָ נ ט ע וו

נאכמען-יאָנטעוול זעט אלץ:
אָט-אָ, רינט זי אויס, די שמאלץ,
כ'האָב א סגולע: שיטן זאלץ, —
גרעבלעכע, וואָס גרעבער...

מ ו ט ע ר

ווען עס הערט עס דער רעבע...

נ א כ מ ע ן-י אָ נ ט ע וו

זײַן הייליקער נאָמען אף אײַערע ליפּן,
זײַן הייליקער שטעקן אף מײַנע ריפּן,
גיט, מאדאם, אים אָפּ א גרוס:
צעקוועטשט האָט ער מיר נאָר א פוס,
נאָר פרײַ בין איך, אין מײַן רעשוס,
איך זע די וועלט און האָב גענוס,
איך בין א שפּרינגער אף איין פוס,
הא, וואָלף-בער,
וואָס בין איך, וואָס?

וו אָ ל ף-ב ע ר

קוריער...

נ א כ מ ע ן-י אָ נ ט ע וו

וואָלף-בער, דעם גאנצן טשין אהער!

וו אָ ל ף-ב ע ר

בא די רויטע א קוריער.

נ א כ מ ע ן-י אָ נ ט ע וו

לעמאָשל, אָט אזא פרימער:
סאָוועטסקע וולאסט זאָגט: גיט אהער,
איר, גווירים, האקל-באַקל, מער,

דאָס גאנצע גוטס נאָר אונדז געהער,
און זײַט אונדז ניט קיין מאכערס מער!
זאָגט נאכמען-יאָנטעוול: גיט הער
מיר דעם באפעל, מיר איז ניט שווער,
דאָס איבערגעבן, ווהין עס קער!
אָט-אָ טראָג איך א קאָנווערט...
וועגן דעם און וועגן דער...
א, איר לאכט?..
פריִער האָט מען עס געלאכט, —
איצט, מאדאם, איז אלץ באטראכט:
וועגן גווירים אָפּגעמאכט,
א גוטן טאָג, א גוטע נאכט!

וו א ל ף-ב ע ר

די מאדאם וויל וויסן,
ווען און וויִארום
קערט מען אום
די גווירים
די מאיאָנטקעס מיטן געלט?

נ א כ מ ע ן-י אָ נ ט ע וו

ווען? — באנאכט. ווו? — אין כאָלעם.
דער לעצטער כעזשבן,
אף יענער-וועלט.
אליין דער אייבערשטער, קאוויאָכל,
האָט די פּראָצענטן צוגעשטעלט.
אליין גאווריִלעקל, דער כאָכעם,
מיט די אנדערע מאלאָכים,
וועלן אָפּברענגען דאָס געלט.

מ ו ט ע ר

פו! ווי ווערט א ייִד אזוי פאַרשאַרטן!
אוי, סאָלדאַטן!..

א רויטארמייער

אסי, דער טייל איז פארזאמלט
צום לערנען,
מעווארט.

אסי

איך גיי, איך גיי.

מוטער

ווי'ן פירט מען זי?
וואָס ווילן זיי?
וואָס ווילן די סאָלדאטן?
אוי, ווינד און וויי!
ווי'ן פירט מען זי?
וואָס פירן זי סאָלדאטן?

וואָלף-בער

ס'איז רויטארמיי... צום רויטן פאָלק,
זי לערנט זיי...
סע וועט איר גאָרניט שאטן.

מוטער

א פאָלק סאָלדאטן!
אוי, ווי איז מיר, אוי, אָך איז מיר,
סע הייבט זיך מיר דאָס שיידל!
וואָס ווילן זיי דאָרט טאָן מיט איר?
ווי'ן פירן זיי מײַן מיידל!
אסי!.. כצופע זו!..

נאכמען-יאָנטעוו

אישע!
וואָס שרײַט איר? שעמט זיך...
טפפו!..

קאַפּיטל אַכצן

# מאַמעס

## 1

— ווי'ן שלעפּט זיך אונדזער וועשערקע,
מאַלקעלע די בלינדע?

— ווער פירט זי אַזוי ציטערדיק,
ווער איז די פרוי די גראָבלעכע,
ווי קומט זי צו דער אַלטער?
— ווי קומט זי דען אין טאָל אַרײַן —
די דאַמעניו, די שטאַלטנע?
ווי קומט זי צו דער קאַפּצנטע,
ווי'ן פירט זי אונדזער מאַלקעלען,
די דאַמעניו? אוי, מאַמע!
ס'איז מײַדמאַן
די מאַדאַם!

שוין ווינטערן און ווינטערן,
סע ליגט אין שטוב די בלינדינקע,
שוין זומערן און זומערן
באַם ווענטל זיצט די בלינדינקע.
זי גייט ניט פונעם טאָל אַרויס,
זיך אײַנגעלעבט, זיך אײַנגעוויקט,
אין אָרעמקײַט אין בלענדעניש.
דערנערט זיך און דערהאַלטן זיך,
אַף וואַסער און אַף סוכערעס,
אַליין איז זי אַ סוכער שוין,
אַדורך און דורך פאַרטריקנטער
ווער רירט זי און ווער דאַרף זי דען,
און איבער איר נאָך טרייסלט זיך?!

א בייזוווּנדער, א בייזוווּנדער!
פון די שטיבער פון די גריבער
שפּאַרן בריִעס, קליינע קינדער,
שטאַרק פאַרכידעשט זיך דערהויבן,
פון געמויזעכץ אופגערודערט:
— פאַר די גווירים, וואָס אין טורמע,
זי, די אַלטע, גייט זי בעטן.
— זעט די גווירטע!
— זעט מע פירט זי!
— קוים זי רירט זיך!
— יענע שלעפּט זי.
— זעט די גווירטע,
ווי זי מיִעסט זיך!
— אונדזער אַלטע...
— איר געדינט דאָך.
— איר, אז ווי איר...
ווי און וויסט איר.
— אוי, זי מיִעסט זיך...
נעבעך שלעפּט זי...
— עך, פאַרמאָגט נאָך
מער אונדז ביידע...

— זעט ווי די שפּאַנט,
און ווי די שפּאַנט,
סאָפּעט נעבעך...
— אירע קויכעס!
בארג-ארויף דאָך.
— שימקע ט'פּאַלגן?
— ווער קען וויסן!
— שימקע ז'שימקע!
— גייט שוין גייט,
ר'האָט ליב די מוטער.

— הערט שוין אוּף,
ר׳האָט פּײַנט די גווירים,
נו, בורזשויען!
— שימקע ט׳פּאָלגן?

* * *

אז געקומען איז די מוטער
צו שימקען אין רעווקאָם,
האָט שימקע זי אַרײַנגעזעצט
אין א פאָטעל פון כראָם,

און א רויטארמייער האָט
דערלאַנגט א גלעזל טיי,
מיט גרויסן דערעכערעץ
געשטאַנען זײַנען זיי.

— וואָס פארלאַנגסטו, מאמעניו, —
האָט שימקע זי געפרעגט. —
איז דיר ניט שווער צו שלעפּן זיך
אזא מין ווײַטן וועג?

— דו, זונעלע, דערבארעם זיך,
דו שימעלע, מײַן קינד,
וואָס האָסטו צו זיי, באָכער דו.
אוי וויי איז מיר און ווינד.

ווען ניט די גווירים, נארישער,
די מײַדמאַנס, זי און ער,
ווער וואָלט זיך אף אונדז אומגעקוקט,
ווען ניט די גווירים, ווער?

כ׳האָב יאָרנלאַנג געדינט בא זיי,
איך וויים, ס׳איז איידלע לײַט,

און איך אַליין געוואַשן זיי
דאָס וועש פֿון זייער לײַב.

די פּאָלן דאַך גערייניקט זיי,
געקאַשערט, אויכעט איך!
זיי האָבן מיך געפּילגעוועט,
געשענקט אַן אַלט פּאָר שיך.

אַמאָל פֿון דער מאַדאַמעניו
טראַנטעס ווען אַ פּאָר. —
אַזוי האָב איך געלעבט פֿון זיי
דאַך קנאַפּע דרײַסיק יאָר, —

די קינדער זיי געהאָדעוועט,
די ציבערס זיי געשלעפּט,
ווי וואָלט איך אָן זיי, באָכער דו,
גאָר אויף דער וועלט געלעבט?!

און ווי וואָלט אַ בענאָק אַזאַ
געוועזן שוין גאָר אַצינד,
שיין צאָלסטו פֿאַר גוטהאַרציקייט,
אוי ווײ איז מיר און ווינד!

געטרײַ זײַן דאַרף מען, דינען זיי,
די אײדלע פֿײַנע לײַט,
נאָר איך בין שוין אָן קויכעס,
אָן קויכעס פֿאַר דער צײַט.

סע רײַסט דאָס האַרץ מיר קוקנדיק,
זיי בעטן מיך גאָר — אוי!
כ'הייס דיר, לאָז אַרויס זיי באַלד,
און מכילע בעט זיי דו!

2

די מײדמאנקע פירט צו צו אסין
איר מוטער, כאפט אסי זיך אוף.
הייבט אוף א געוויין איבער אסין
די מוטער און ווארפט זיך ארוף:

— ראטעווע, טאַכטער, דײַן כאַסן, —
זאָג זיי, איר זײַט דאָך איין באנדע,
זאָג א גוט וואָרט, אונדזער שאנדע.
פלאַגעניש האָט זיך צעגאַסן, —
דער כאלעף הענגט איבער דײַן כאַסן!

א ווונד דערפילט אסי, די ווונד, ווי זי פּלאַגט,
שטייט אסי געלײמט און גאַרנישט ניט זאָגט.
סע פאלט איר די מוטער צו פיס אין כאלאַשעס:
— נו, שענק אונדז דאָס לעבן, נו, שענק אונדז, דו ראַשע...

דערקענט זי ניט, אסי, די אייגענע האנט,
וואָס שטעקט אף דער מאמעס געקרויזלטן קאָפּ.
די מאמע, זי קושט איר די פיס און זי האלט
אזוי ווי א צוואנג און זי לאָזט זי ניט אָפּ.

קוקט אסי צעמישט אף דער אייגענער האנט:
אָט גייט זי באפרײַען א סוינע דעם לאנד...
צי דאכט זיך איר אויס, ווײַל אין קאָפּ איז ניט קלאָר?
צי דאכט זיך איר אויס נאָר, צי קומט עס דאָ פאָר: —

אז טויזנטער פענעמער קוקן זיך אום,
פון שלאכטן צעיושעט, פון ווייטיק צעקרימט:
— אסי פאראט אונדז, אסי פאראט!
הינטער די פלייצעס באפרײַט זי א קאט!

און שימענס קאָל, דאַכט זיך, זי הערט אינעם רוים:
„דאָס עפּעלע פֿאַלט ניט ווײַט פֿונעם בוים!"
ווערט אַסי פֿאַרצווייפֿלט, פֿון ווייטיק פֿאַרסאַמט.
פֿון מײַלער פֿון טויזנטער, דאַכט זיך איר, פֿלאַמט:
„פֿאַראַט!"
ניין! — שרײַט אַסי אין האַרצן, ניין!
איך טראָג אײַער זאָרג און אײַערע פּלאָגן.
מיט אײַך וויל איך גיין, מיט אײַך וויל איך גיין
אינאיינעם, מײַן נעכטיקע וועלט צו דערשלאָגן,
מײַן בלוט איז ניט מײַנס,
ניט מײַנס איז מײַן ווילן,
נאָר אײַערס, נאָר אײַערס, שימקע דײַנס...

— מאַמע, אַוועק, לאָז אָפּ מײַנע פּיס.
די אָדערן מוירעדיק ברענען.
מאַמע, לאָז אָפּ, לאָז אָפּ מײַנע פּיס! —
שרײַען וויל זי און קען ניט.

— איך וועל ניט אַוועקגיין מיט ליידיק פֿונדאַנעץ,
בעסער צעטרעט מיך, דערוואַרג מיך, דײַן מאַמע:
געניאַנטשעט, געקעכלט — דער מאַמען אַ דאַנק.
געכאָוועט אַ קינד — איז געוואָרן אַ שלאַנג!

צי דאַכט זיך איר, אַסין, צי איז זי באַטויבט?
צי קומט עס דאָ פּאָר, אָדער דאַכט זיך איר אויס?
— איך גיי ניט פֿונדאַנעץ, איך גיי ניט ביזוואַנעץ...
אָט נאַ דיר, דערהאַרגע דײַן אייגענע מאַמע!..

איז גיט זי זיך אונטער דעם סאַם פֿון די רייד,
און שימקען גייט בעטן, פֿאַר מײַדמאַנען גייט.
זי קוקט אַף דער מאַמען. צי ווייסט זי, צי פֿילט? —
געוווּנען דעם כאָסן, די טאָכטער פֿאַרשפּילט.

3

## ראָני און קריין

— ווי׳ן גייסטו אום? וואָס איז מיט דיר, איך פרעג?
ס׳פעלט נאָך איינס — דו זאָלסט מיך שלאָגן!
ווי׳ן קלײַבסטו זיך — אין וועג?
— כ׳קען עס דיר ניט זאָגן.
— אזוי, א סאָד פאר מיר?
איז לאָז איך דיך ניט גייען —
איך שליס די טיר!
— א באַיאָרטער מענטש און שטיקלעך פון א ייִנגל!
דעם שליסל גיב!
דו ווילסט מיך צווינגען?
— יאָ, כ׳האָב רעכט.
נאָך פופצן יאָר פון פרײַנטשאפט,
נאָך פופצן שווערע יאָר אין גאנג —
אזא מין אָפּגעזונדערטקײַט, אזא מין פײַנטשאפט!
— גענוג כ׳קען שוין דאָס געזאנג.
— וואָס מאכט איר אויס די גרויע שלייפן מײַנע?!
צי קען עס זי דען ארן —
טאָמער מאטערן קאָשמארן...
ווײ און ווינד...
— אן עק, ווו איז דאָס קינד?
— דאָס קינד? א מאמע ביסטו?
אן אויסוואָרף ביסטו! א שטיק שטיין!
איין-און-איינציק קינד — איז עס הויט און ביין!
איין בינט אראָפּ, איין בינט ארויף,
א פלאסטער דאָ, א מאקע דאָרט,
און א לאָשן — ווי ניט געשמירטע אקסן, —
א כוילעגויפל וואקסט עס!
— כ׳וויל מיט דיר ניט ריידן מער...
גיב הער דעם שליסל פון דער טיר.
— הא-הא, סע איז דיר שווער!..

קראפּיר! אַט צי זיך אויס. קראפּיר!
— פאַרהאַלט מיך ניט — או — מאַן!
— וואָס טויג מיר דײַנע סוידעס, דײַן גאַנצער טאַראַראַם, —
פון דײַן וואַקסן אין פאַרטיי
וואַקסט אין מיר דער עלנט. —
ווי קען אזא פאַרזעעניש געפעלן?
ווי זאָל מיך אזא אומרעכט ניט פאַרדריסן,
אַז ליגסט מיר ווי א שטיין אויף מײַן געוויסן!
— אזוי?.. נו, זייער שיין...
כ׳מוז גיין.
— כ׳קען זיי, דײַנע שטיק.
— און שעמסט זיך ניט?! ס׳איז קריג...
פאַרשטאָפּטע אויערן בא דיר, ביסט בלינד...
אין אונדז אָבער, דאָס בלוט אין אומרו רינט:
מע פאַרגינט אונדז ניט די שײַן, דעם ביסן אינעם מויל,
אויך איר האַלט אָנגעגרייט פאַר אונדז א קויל.
ווי מיינסטו, דו, דו כאַריף,
ס׳ע גייט אונדז עפּעס אָן די פראָנטן
אויף מיזרעך און אויף מײַרעוו?
דעם „בונד״ איז דאָס נאָך אַלץ ניט קלאָר!..
— צו אַלדי שוואַרצע יאָר! —
דאָס קינד!
— דאָס קינד? ס׳א קנופּ פון וווּנדערלעכע אָנהייבן —
און שעדלעכער יערושע.
איך זע, און איך בין שטאָלץ —
זי וואַקסט א טײַער קינד, ביילושע,
וואָס דען וואָלסטו געוואָלט,
באַזעצן זי מיט דינסטן און מיט אַמען?
— אבי ניט זײַן געראָטן אין דער מאַמען.
— כא-כא, נו, מאַן, מע קלאַפּט.
ארײַן! אַנטשולדיקט, וואַרט!
גיב הער דעם שליסל, זאָג איך, מאַן!
— ניין, דרייסט זיך אזוי גיך ניט אויס פונדאַן.

זאָג, וווּהין דו גייסט!
— וואָס, אַן עמעס מיינסט?
הערט! ווער איז דאָרט, ווער?
פּרויעם, דו? קלאַפּ שטאַרקער! קלאַפּ!
דאָ איז אַ מענטש אַראָפּ פֿון זינען!
קלאַפּ, די שכנים זאָלן קומען
העלפֿן אויסברעכן די טיר!
וואָס, דו וויינסט? וואָס איז מיט דיר?
ממש. פּרויעם, וואַרט אַ ביסל, —
אָט קום איך באַלד, אָט האָב איך שוין דעם שליסל...

קאַפּיטל נײַנצן

## רײַטער

### 1

צוויי רײַטער פֿאַרבלאָזן, פֿאַרהילט און פֿאַרוויקלט,
אין פֿראָסט פֿון באַגינען, סע שטעקט פֿון באַשליקן —
בײַ איינעם די וואָנצן, בײַם צווייטן די נאָז.
פֿון מײַלער פֿון ביידנס אַ וואָלקנדל בלאָזט.
די פֿערדלעך פֿאַרפֿאַרעט, געקרײַזלט און מאָסטקע,
די האָר בײַ די פֿיסקעס באַהויכט און באַפּראָסטיקט.
ווײַזט אויס, אַז מע רײַט שוין אַן אָפּשטעל אַ צײַט.
די שנייִיקע לײַוונטן שײַנען ווי זײַד.

דער מיזרעך אַ כאַאָס פֿון אויפֿגאַנג-קאָלירן,
זיי שווימען קיין צאָפֿן — דעם פֿרילינג זיי פֿירן,
מיט טשערעדעס וואָלקנס, מיט נעפּלען און דאַמף,
און אונטער דעם כאַאָס די זון גייט אין קאַמף.
דער דאָרעם שוין ווייכער, דער מײַרעוו — נאָך דראָט.
סע רײַטן צוויי רײַטערס אין בורקעס צום שטאָט.

זאָל זײַן ס'איז אַרמייער — איז ווו די געווערן?
צי גלאַט אַ פּאָר פּױערס — איז וואָס זשע פּאַרקערן
זײ הינטן־אַרום צום רעװקאָמישן פּאָסט? —
די קאָפּיטעס קלאַפּן די שױבן באַם פּראָסט.

צום הויף צוגעשטעלט זיך און עפּעס זיך פרעגט מען.
מע טוט אויס די בורקעס, די פּערדלעך באַדעקט מען.
מע שאַרט צו זײ אונטער אין יאַסליעס די רעשטן, —
אַ קײַ טאָן געשמאַקן רעװקאָמישן גערשטן.

דער נאָזיקער רײַטער פון רײַטן צעדרייט,
ער קנײטשט זיך געבויגן, און קוים וואָס ער גייט.
מיט זויערקײַט זאָגט ער, מיט שמייכל מיט טריבן:
— איך שטאַם ניט פון רײַטערס... דעם זיצער צעריבן...

דאָ האָט זיך דער וואָנציקער הילכיק צעלאַכט,
מיט פרישע פּאָר ווערטער אױף דאָרפישער שפּראַך.
און באַלד ווי פאַרכאַפּט זיך, צעטראָגן, ניט זיכער,
ער מאָנט בײַ דעם צווייטן צו קלײַבן זיך גיכער.
פון ביידע אַ בייזע צערייצטקײַט סע שטעקט,
אין ווערטלעך מע הילט זי, מיט וויץ מע פאַרדעקט.
זײ קומען פון דאָרט, ווו סע הערשט נאָך די „ראַדע",
זײ האָבן אַ מענגע מיט פלענער אוואַדע.
זײ ווילן זײַן ווירדיק און מונטער, סע נויטיק,
זײ זײַנען שעלוכים צו „דאָרט", צו די רויטע.
זײ קומען אין שליכעס צו כיסטן צו גיין.
פון „בונד" און „עסערן": קלימענקאָ און קריין.

2

און אופגענומען האָט זײ כיסט.
אין בײַזײַן פון רעװקאָם־כאַווײרים.
קלימענקאָ — אָנגעשטרענגט און וויסט,
און קריין — ווי גלײַך ער לײַדט אױף ווערעם,

פארקרימט, אף זידלען אָנגעשטימט,
ער זאָגט: — מיר זײַנען דעלעגאַטן,
און אונדזער קאָנפערענץ, זי האָט באַשטימט
צו שאַלעם מאַכן מיט די ראַטן.
מיר לייגן פאַר אײַך אונדזער קראַפט.
באַדינגען שטעלן מיר: אונדז האַלטן
אַלס אַ באַזונדער קערפערשאַפט,
מיט פאַרשטייער אין די אַנשטאַלטן. —
ס'האָט כיסט געקוקט, קיין וואָרט געזאָגט. —
אַ קאַלטער שווייס די געסט באַשלאָגט.
און פרויעם איז אופגעלייגט, שטיל אין זיך זינגט,
און כויזעקדיק־פרײלעך צו שימקען ער ווינקט...
נאָר שימקע, ער צאַרנט, די מײַסע צערייצט אים,
ער האָט זיך געזעצט צו די געסט מיט די פלייצעס:
ווי קאָן מען עס הערן? דער קאָפּ אין אים זידט:
זיי האָבן נאָך טײַנעס — דאָס יאָ און דאָס ניט!
זיי קומען זיך דינגען, זיי האָבן נאָך רייד!
אינדז נעמט מען אַזוי ווי מע גייט און מע שטייט!

אַזוי היצט זיך שימקע, און ס'רעדט דער עסער.
דער בונדאָווער דרייט זיך אַהין און אַהער,
די כעוורע באַטראַכט ער: „גאָר מאָדנע פאַרשוינען!
גאָר מאָדנע פאַרשוינען! צו שרעק און צו שטוינען!
און דאָס האָט זײַן ראָניע פאַרביטן אַף אים! —
אָט דאָס איז איר שפּיגל! אָט דאָס איר באַרים!"
און כיסט הייבט זיך אוף, און די געסט שטומערהייט
געזעגענען זיך, צום אַרויסגאַנג מע גייט.
מע גייט צו די פערדלעך, מע קאַכט זיך פון צאָרן.
און פלוצעם — וואָס איז עס מיט קריינען געוואָרן?
זײַן ראָניע פאַרבײַגעגאַן, — האָט אים דערשיטערט.
ער וויל זיך באַהערשן און קען ניט, ער ציטערט,
ער וואָלט איר געזאָגט פון די פרײַנט אירע פײַנע,

פון די באָלשעוויקעס, געזאָגט, ווער זיי זײַנען! —
און זי, — ווי דערפרייט זיך, זי האַלט זיך נאָר אָפּ,
זי שמייכלט און נייגט צו איר אקסל דעם קאָפּ,
און קוקט אַף אים פרײַנטלעך, איר בליק אַף אים שטראַלט.
נאָר קריין טוט א מרוק און אנטלויפט אין דער שטאַל.

און פרויעם, וואָס שטייט אַף דער שוועל פון רעווקאָם,
ער זעט עס, און מאכט נאָך דעם קריינישן טאָן:
„מיר זײַנען דעלעגאַטן,
מיר קומען מיט מאַנדאַטן,
מיר פאָדערן א „סקיטקע"
בא דער מאכט פון ראַטן!"

3

נאָך שלאָפלאָזער נאכט אין רעווקאָמישן צימער,
נאָך פלענער, דעבאַטן ביז כריפּ אין די שטימען.
פארוואַלגערט אין ארבעט, וואָס לאָזט זיך ניט אויס, —
איז כיסט איצט און שימקע אין דרויסן ארויס.

די לופט פון פארטאָג טוט א טיאַכק אין די לונגען,
די פרישקייט און פרעסטל — דאָס לייַב דורעכדרונגען.
און כיסט טוט צום אופגאנג א הייב אוף דעם קאָפּ,
און שימקע צערודערט געזעגנט זיך אָפּ.

פונוויַטן קריכט ציפּרוס פון אונטער דער בריק.
נאָר שימקען דערזען, פארשווינדט ער צוריק.
און קומט פון א צווייטער זייַט געסל ארויס:
— זדראַסטוי! — זאָגט ער פרייַלעך, — האָסט ניַעס, שיט אויס!
א רעגע קוקט שימקע אים אָן ווי דערשטוינט.

נאָר באלד: — א, זדאַראָוו, דו... — די פרייד אין אים שוימט.
ער גייט און עס הייבט אים די פרייד אינעם גאנג,
און פליגל — ניט פליגל, עס פליט דער געדאנק.
און עפּעס דערציילט ער, נאָר מערער אין זיך, —
סע רעדט און סע זינגט אין אים בליצנדיק-גיך,
ווי דרייסט און גרויסארטיק איז כיסט! זײַנע פּלענער!
זײַן אײַזערנער ווילן, און וואָס פאַר א קענער!
צעשיקט האָט ער יאטן אין דערפער, אין וועלדער,
ער הייסט פּארטיזאנער צו אים זיך צו מעלדן.
איז רוקט מען זיך שטילע, דער פײַנט זאָל ניט וויסן.
אין גרופּקעלעך קליינע מע רוקט זיך צו כיסטן.
אלץ מער און אלץ מערער. א טייל ער פאַרמירט,
און שימקע, באפעלט ער, זאָל זײַן קאָמאנדיר.

מיכײַען דאָך האָט ער געשיקט א פארשטעלטן.
דורך קייטן דעם סוינעס, קיין באלטע זיך מעלדן
באם שטאב דעם געהיימען, און נעמען געווער,
מיט פויערשע וואָגנס עס ברענגען אהער,
אף וואָגנס באזעצן כאווײרים פון באלטע,
מיט בערד ניט געגאָלטע, אין שמאטעס אין אלטע.
ס'זאָל הייסן, אז בעזשענצעס קערן זיך אום
צו זייערע היימען. אין וועג אומעטום,
באם פײַנט אינעם טיל, טאָן א ווונק צו אזוינע,
וואָס גרופּקעסווײַז קעמפן מיט ביקס קעגן סוינע,
זיי זאָלן זיך אלע אדורכרײַסן גיך
און קומען צו כיסטן, — ער רופט זיי צו זיך.
זיי קומען, זיי קומען פון אלערליי זײַטן, —
אי בערדיקע פאָטערס, אי יונגען פארשײַטע.
און כיסט גיט זיי איבער דאָס לענין-וואָרט קלאָרע
צו זיי, וועגן ערד, וועגן מאכט, וועגן פאָרעץ.
און כיסט האָט שוין ווידער א נײַ פאָלק פאַרמירט.
מיכײַען באפעלט ער, צו זײַן קאָמאנדיר.

אפגיך האָט זיך ציפּרוס געזעגנט, אוועק,
און שימקע איז וויַטער געגאנגען זיַן וועג.
אזאַ מין־אַ גוואלדיקע, גוואלדיקע אַרבעט.
„אנו, — זאָגט זיך שימקע, — פארקאטשע די אַרבל!
אַ'יס נעכטיקער ביסטו! דו וואַרף דיַנע שטיק, —
ביסט לַעגינס א העלפּער, פון אים ביסט געשיקט
א מענטש ווערן, שימקע, איצט טו לויט דיַן ווילן:
אַרויסטרעטן, ריידן, פאַר כיסטן, אפילע, —
איבּ האָסט וואָס צו זאָגן. דו מוזט עס שוין קענען.
דאָס הארץ טאָר שוין מער פון קיין בושע ניט קלעמען.
און עפשער אפילע פאַר מאסן, באַטראַכט!
אוי, דאַכט זיך, אוי, דאַכט זיך, דער שעד האָט דערוואַכט!
דער שעד אין דיַן מויער, וואָס פּיקט דיר די צונג.
עס קומט עפּעס פאַר מיט דיר ווונדערלעכס, יונג!..
כ'וועל כיסטן דערציילן פון ציפּרוסן... עט...
א נארישקיַט... גלאַט, ס'האָט א צונג און סע רעדט"...

4

אזוי האָט זיך שימקע געשפּאַנט אין באַגינען,
די האַנט אינעם טאַש האָט א בריוול געפונען.
געלייענט אַנעם אַנטייל פון קאָפּ. נאָר דער בליק —
ער גליטשט זיך אויף שורעס אהין און צוריק.
א בריוועלע אסיס, איז וואָס זאָל עס הייסן,
א ביטע? צי פריַנטשאַפט? צי ליבע? ווער ווייסט זי?
געלאָפן דעם כאָסן באַפריַען... אָט באַלד...
און איצטער פאַר כאַרפּע אַנטלאָפן אין וואלד.
אזאַ איז זי, אסי, מיט אַלעם געריסן...
אין וואַלד־שטיבל וווינט זי, וואָס דאַרף ער עס וויסן?
זי בעט אים אַריַנגיין, וואָס האָט ער מיט איר?
און ווידער באַהאַלט ער דאָס שטיקל פּאַפּיר.
מע קאָן אויף זיי שטעלן, די פיַנינקע ליַט,
די איידלע כאַראַקטערס? ס'איז שפּינוועבס און זיַד...

זיי האָבן דאָך איצטער אונדז וווּנדערלעך ליב.
אין וואַלד בא דעם שוימער איז וויסט איצט און טריב...
מיט אַלעם צעריסן, באַנײַס הייבט זי אָן,
וואָס הייסט עס, וואָס וויל זי, וואָס קלערט זי צו טאָן?
פאַרקערעוועט שימקע צום וואַלד, גלאַט אַזוי,
א קוק טאָן, צי בײַט מען די פּאָסטנס געניי...

5

און כיסט איז אַרײַנגאַן אין שטאַל צו די פערד,
נאָך פינצטער, מע שלאָפט נאָך, ס'האָט קיינער געהערט.
אַף קאָניוך-געלעגערס, אַף האַריקן שטאָף
דערשלאָפט מען דעם בעסטן פאַרטאָגיקן שלאָף.
און כיסט האָט באַזאָטלט א פערד און אַרויף,
און רײַט א פאַרקלערטער אַרויס פונעם הויף.

ער רײַט א פאַרקלערטער, פאַמעלעך זיך וויגט,
נאָר אַלץ אין אים ווירבלט, נאָר אַלץ אין אים קריגט;
— באַפעלן איז וויניק, איז וויניק, געמיין, —
אַליין קאָנטראָלירן, באַדאַרף מען, אַליין.
„אַליין" און „מע דאַרף" — וואָס איז עס פאַר ווערטער?
אפּריער דאַרף אַלץ זײַן אין קאָפּ אַף די ערטער.
נאָך ייִנגלווײַז פלעג ער באַקעמפן די שוואַכקײַט:
ניט קענען אין איין און דער זעלבער צײַט טראַכטן
פון אַלערליי לאַגעס און אַלערליי פאַלן,
אין איין און דעם זעלבן מאָמענט זיי באַשטראַלן
מיט זינען. פון ג א נ צ ן די אויספירן מאַכן.
ניין, ס'כאַפט נאָר דער מויעך באַזונדערע זאַכן:
דאָס צווייטע בלײַבט דרויסן, דאָס פינפטע בלײַבט אויסן. —
דעם גאַנצן צוזאַמענהאַנג כאַפּ אין דער האַנט! —
עס אַרבעט זײַן מויעך ביז העכסטן געשפּאַנט.

א צאַרטער דער דרויסן, מיט פּראָסטיקן צוויט.
נאָר כיסט איז אין אומרו, און אַלץ אין אים זידט.
אַ נעסט מענשעוויקעס אין יעדן פּאַריין.
די דערפֿער, די דערפֿער, די דערפֿער אַליין,
אַוווּ די פּעטליורישע שלענגעלעך קריכן
צו שאַפֿן באַזונדער אַ יאַמטעוו פֿאַר זיך נאָר.
עס זאָלן די אייגענע מעלקערס אויך ווייַטער
נאָך ציִען די קליי פֿון דער היימישער אייַטער.
אוקראַיִנישע פּאַנעס, אוקראַיִנישער גאָט, —
אין דאָרף די קולאַקעס, די סאָכרים — אין שטאָט.

ער רייַט, פֿאַרן וואַלד האָט שוין אויסגעשיט מאָך.
און כיסט אַ פֿאַרקלערטער, און אַלץ אין אים קאָכט.
עס זעט זיך דער וואַלד שוין אַף ראָזלעכן פֿאָן.
און כיסט אַ פֿאַרטראַכטער אין קאָפּ מערקט זיך אָן:
צונויפֿנעמען היינט נאָך כאַווײרים פֿון „פּלוג“,
פֿון מילן, פֿאַרייַנען, און זען וואָס מע טוט,
דעם מאַרש צו באַזאָרגן, מיט שפּייַז אַף אַ צייַט,
פֿוראַזש און מונדירונג, — דער מאַרש איז אַף ווייַט.
אַף הונדערטער ווערסטן דאַרף גיין אונדזער וועג:
אַף ווייַסע כאַיאַלעס, אַף באַנדעס, אַף שלעק.
און אויב?.. ניט פֿאַראַנען קיין אויב, קיין פֿאַרהאַלט!
דערוויַילע איז כיסט שוין אַרייַן אינעם וואַלד.
אַ קוק אין די זייַטן, פֿון זאָטל אַראָפּ,
און שטיל הערט ער אייַן זיך, געבויגן דעם קאָפּ.
שאַ, שטיל, איז, די ביימער צום פֿרילינג שוין גרייט,
נאָר נאָענט בײַ שטאַמען ליגט שניי נאָך צעשפּרייט.
איז שפּאַנט ער אַלץ טיפֿער, דער שניי איז צעשפּרייט.
נאָר ערטערווייַז טרעפֿט זיך אַן אָרט איז צעדרייט.
ער קוקט זיך גוט אייַנעט — אַ דרייַפֿאַכער שרונט:
אַ וועווערקעס לאַפּקעס, אַ מענטשס און אַ הונט.
און אָט איז דערפֿירט דאָ דער יעגערשער טור.
און כיסט שטייט געבויגן באַם בלוטיקן שפּור.

6

און שימקע, ער גייט און ער קוקט אינדערווייַטן.
און אָט, צווישןביימער דערזעט ער א רייַטער.
ווער איז ער? ווי מאָדנע! — סע כיסט דאָך אליין!
ווי קומט ער אין וואלד איצט? צו אסין דען? ניין!
נו, יאָ דאָך, זי קען אים, מיסטאָם אים געשריבן.
דאָס רייַט ער צוריק שוין פון איר, פון איר שטיבל.
דאָס זעט מען, אוואדע — דער שפור דאָך, ער גייט
צום שטיבל דעם שוימערס, וואָס ליגט דאָרט פארשנייט.

און שימקען ווערט פריקרע, אלץ שווערער, אלץ ערגער, —
ער שטעלט זיך, דער רייַטער זאל אים ניט באמערקן.
פון איר, הייסט עס, רייַט ער, פארוואָס טאָקע ניט!
איז וואָס זשע פארזאָרגט אזוי איז ער, און מיד?
מיט בליקן דערשטוינטע באלייט ער אים, שימען,
און גייט צו דעם שטיבל אין וואלד מיטן סימען.

און פלוצעם, דו זע נאַר! דער שפור זיך פארדרייט!
גאָר ניט צום שטיבל — צום זייַט גאָר ער גייט!..
פארוווּנדערט ווערט שימען, ער קוקט ווי פארטויבט:
צום רייַטער, צום שפור און צום שטיבעלעס שויב.

טופּ-טופּ, — טרייסלט אָפּעט די שטיוול באַם טיר,
אָט איז זי שוין, אסי, ער שטייט לעבן איר.

קאפיטל צוואנציק

## גרעקאָווער וואלד

ווער ווייסט ניט, ווער קען ניט דעם גרעקאָווער וואלד!
וואָס לאנג שוין די שטעטלעך אין מוירע ער האלט.
ער איז אף דער עלטער, דער דעמבענער פאַן,
א קוילער געוואָרן, א שעכט-אטאמאַן.

ער ווייסט, אז ס'איז כיסט שוין אין שלאכט ערגעץ ווײַט.
און שימקע, מיט ווייניק באוואָפנטע לײַט,
ווערט שיר ניט צעריסן אין אָפטן געשלעג
מיט באנדעס, וואָס הוליען אף וועג און אף שטעג.

דער וואלד האָט א קריג קעגן כיסטן פארפירט,
ער בליט איצט מיט מעסערס, און מאָרד ער גביירט,
ער דארף ניט קיין פּאָרלער, וואָס ליבע זיך שווערן. —
צו אים נאָכן מאָרד איצט די קוילערס פארקערן.
ער דארף ניט פון ליבע די גלוסטיקע ווייען, —
א־ום די געפאנגענע קוילערס זיך פרייען.
וואָס איז מיט דעם אלטן, וואָס איז, וואָס געשיט? —
דער וואלד איז געוואָרן אויס וואלד, א באנדיט!

אין טיפן, אין פּײַכטע פארברענגט קאָזאקאָוו, —
דער שעכטער פון טעפּליק, סאווראן, האָלאָסקאָוו.
אין בלוטיקע פריידן די צײַט ער פארטרײַבט,
מיט פאשקען, זײַן ליבסטער, זײַן לוסטיקער ווײַב.
זײַן פאשקע באגלייט אים אף מאָרד און אף גליק,
סע ציטערט זײַן כעוורע פאר פאשקעס א בליק.

עס קענען די שיינהײַט, איר מרוק און איר קוק, —
די יידישע דערפלער דאשקיווקע, פרילוק.
די קינדער פארשטיקטע אין קעלערס, אף בוידעמס, —
זיי זעען די פאשקע אין שווארצע כאלוימעס.
די עלטסטע קאָלאָניעס, זי האָט זיי באטראכט,
און האָט מיט דער באנדע זיי כאָרעוו געמאכט.

„ניט רויבן, נאָר מאָרדן!" אזוי איז באפוילן.
די ריקער די מאנצבלען, די מענער דערקוילען,
אפּריער דערקוילען, — דעם זייגער דערנאָך,
אפּריער דערקוילען, — דער טויט איז דער טאָך! —
אף מעלדן צו קענען דעם באטקאָ סטעצורען,

אַז יעֶנער זאָל מעלדן אין שטאַב צו פּעטליורען,
אַז יעֶנער זאָל מעלדן דעם אויסלאַנד, דער וועלט:
„מיר שלאָגן די רויטע. שיקט קוילן און געלט!
מיר האָבן היינט טויזנט דערמאָרדעט פון זיי.
אין שלאַכט מיר פאַרפאָלגן די רויטע אַרמיי!"

אין ליימענע גראָבנס איז שימקע געריטן,
ווּ עטוואָס פאַרשטעלט איז, ווּ ווייך איז און שיטער.
עס זאָלן אין נאָוונטע וועלדלעך און עקן, —
ניט הילכן די טלאָען און כשאַד ניט דערזוען.

איז שימקע געריטן צו כיסטן. באַריכטן,
אַז אָט, שוין די באַנדע סטעצורעס פאַרניכטעט,
כאַווײרים געפאַלן, כאַווײרים פאַרוווּנדעט,
נאָר באַנדעס איז פיל נאָך פאַראַן. און געזונטע,
אין דערפער קולאַצקע, אין וועלדער, זיי שטעקן, —
נאָר ביקסן אונדז פעלן, און קוילן ניט קלעקן.
איז שימען געריטן מיט גראָבנס און גריבער.
און אויסגעמיידט טראַקטן און אויסגעמיידט שטיבער.
עס זאָל אים, כאָלילע, דער סוינע ניט כאַפּן.
אין רויבערשער געגנט קיין באַנדע דערטאַפּן,
דאָס פעלט אים נאָך איצטער, דאָס פעלט אים צום רומל,
די ווּנד אין דער ליטקע נעצט דורך דורך דעם שטיוול.
אָט ערשט מיט סטעצורען געעקט דעם געיעג,
ער איז נאָך פאַרטשאַדעט פון פרישן געשלעג,
פאַרטומלט פון ווּנדן, פון אָנווערן בלוט, —
איז אָט אַזאַ דורכפאָר איז גוט פאַר אים, גוט.

זיין פּאָנעם זיין דאַרס איז געשמאַק און מיט כיין,
די פול-פעסטע ליפּן, די פריילעכע ציין,
דאָס טשוביקל בלאָנדע, די העל גרויע אויגן —
אַלץ הויכט מיט נעשאָמע, מיט מוט און מיט גלויבן.
די ערד אָנערקענט אים, דער הימל אים גריסט.

דאָס איז עס, דאָס נישטיקע נעפּעש פון מיסט,
פון מאַלקע דער וועשערקעס גוואַדזיקן טאָל —
ווי קומט עס דאָ פאָר אזא בייַט מיטאַמאָל!
צי קען ער נאָך ווידער דער נעכטיקער ווערן? —
פאַרוואָס זשע פון אסין פאַרוועט ער זיך קלערן!..
עס גייט נאָכן גראָבן א וואלד און א לאָנקע,
אף לאָנקע א בושל אין פייַכטקייַטן בלאָנקעט,
איז שטיל דאָרט צום רייַטן, נאָר הויל איז און אָפן,
איז בעסער אַרייַן אינעם וואלד, און געלאָפן,
נאָר לויפן ניט מעגלעך, דער וואלד צו געדיכט,
דאָס דעמבענע צווייַגל אין פּאָנעם סע קריכט.

אָט שנייַדט זיך א סטעזשקע צום ווינקל ארויס,
ווייַזט אויס צו די בריקן, דער וואלד איז ניט גרויס,
ער וועט דאָך נאָך פריִער, ווי ער האָט געדאַכט,
צו כיסטן דערגרייכן, נאָך בייסקל פאַרנאַכט.

סע גלוסט זיך דערוויסן די נייַעס פון די שלאַכטן,
פון לעבינס א וואָרט, פון די פייַנטלעכע מאַכטן,
ווי אַרבעטער נעמען דעם וועלט-פייַנט באַגראָבן.
די אַרבעטער ווילן... די אַרבעטער האָבן...
די אַרבעטער, פויערס, דער אָרעמער קלאַס...
געהייסן האָט לעבין דורך כאַרקאָוו, זאָנבאַס
דעניקינען נעמען, א גאָב אים פאַרגעבן,
באַפרייַען אוקרייַנע און אָנהייבן לעבן...

פאַרקישעפטע דעמבעס און גומענע טלאָ, —
וואָס איז עס פאַר רייַטער, ווו בין איך עס דאָ?
א באַנדע, א באַנדע? ווי קומט זי אהער?
א ריס טאָן? צו שפּעט. און א סאַך, און מיט פערד.

„די ביקס און דעם שפּייַער! א רויטער? זאָג באַלד!
ווער האָט דיך געשיקט אינעם גרעקאָווער וואלד?"
זיי פרעגן — איז, הייסט עס, מ'האָט מיך ניט דערקענט...

איצט דאַרף איך זיך האַלטן אין אײַזערנע הענט, —
אין אײַזערנע הענט און אַ קוק מוז מען טאָן,
ווי גרויס איז די באַנדע, ווער פירט מיט איר אָן.
„נו, — פירט מיך צום באַטקאָ, — אוי, ברידערלעך מײַנע,
די רויטע טײַוואָלאָנים מיך שיר ניט פאַרפּײַניקט,
אַוואַ, וויפל כלאַפּצעס געטויט אַפן ברוק,
אוי, מײַנע כלאַפּצעס... איך הייס מיקאָליוק.

סע נעמען אים, שימקען, צוויי פעסטע באַנדיטן,
און אונטער די אָרעמס זיי טראָגן אים, היטן,
זײַן פוס ניט באַרירן, וואָס סטאַרטשעט געבויגן.
און שימקע באַמערקט, ווי מע ווינקט מיט די אויגן:
„אַ שפּיק פון די רויטע..."
איז עפּשער זיך וואַרפן, און אומדערוואַרט, בלענדיק,
צעקוועטשן אַ פּאָרל, און אויס, און געענדיקט?
צי לייקענען? פירן די שפּיל ביזן לעצטן?
דערציִען ביז נאַכט, — אין דער פינצטער אַ זעץ טאָן,
אים טראָגן דערשוויצטע צוויי פעסטע באַנדיטן.
צום באַטקאָ, אין טרוקענעם וואַלד, אינדערמיטן.

צופוסנס בײַ דעמבעס, בײַ ברייטע,
אַ טעפּער, אַ פרייִלעך צעשפּרייטער,
דער באַטקאָ מיט פּאַשקען דאָרט זיצן,
אין פולער באַוואָפנונג שוויצן,
אין רימענס, אין פּאַסן פאַרשנירנט,
מיט שפּאָרעס, מיט בלאַנקע ראַפירן.

זיי טוען אַצינדער פאַרווײַלן,
פאַר זיי ליגט אַ קאַוועץ, אַ קײַלעך.
אַפּצווייען דער קײַלעך צעשפּאַלט זיך,
דאָס קאַוועץ־האַרץ רויט און צעשטראַלט איז,
און שטיקער פון האַרצן זיי שנײַדן,
סע סקריפּען די ריפּטן ווי זײַדנס,

מע האַלט זיי מיט צירלעכע פֿינגער,
מע זופּט מיט די ראַשיקע צינגער.
פֿון מײַלער די קערעלעך בלאָזט מען,
די שאָלעכץ אין לופֿט אַרײַן לאָזט מען,
דערבײַ טוט באַם באַטקאָ זיך וויגן
דער טשוב ווי אַ קראָעשער פֿליגל.
דערבײַ פֿאַלן טראָפּעלעך לויטער
פֿון זיסן, פֿון פּאַשקעלעס גוידער.

געשטאַנען איז שימקע דעם באַטקאָ אַנטקעגן,
אַף איין פֿוס געשטאַנען, געוואַרט, אים זאָל פֿרעגן
דער באַטקאָ, נאָר יענער ניט אופֿגעהערט עסן,
האָט שימקען געשניטן מיט אויגן, — מיט מעסערס.

נאָר שימקע קוקט גלײַך אים אין פּאָנעם צוריק
און טאַפּט אים מיט ווערטער און טאַפּט מיטן בליק:
— הער, פּאַן אַטאַמאַן, —
איך גיי ניט פֿונדאַן,
איך ריר ניט פֿון אָרט,
ביז כ'הער ניט דײַן וואָרט, —
אַז נעמען וועסט נעקאָמע פֿון זיי,
צעטראַסקע, צעטראַכקע די רויטע אַרמיי!
די דאָרף־קאָמנעזאַמעס, — דערגיי זיי דעם עק,
די ערד די כאַזאַיסקי זיי נעמען אַוועק!

איז שטיל, און אין שטילקײַט דעם פֿלודער אַ צי, —
און בלוטיק אַנטפּלעקט ער די ווונד בא דער קני.

מע שווײַגט און סע שוידערט, סע שינדט.
אַ וווּנק טוט דער באַטקאָ — און שימקען מע בינדט
ווי פֿראָסט אַ געכאַפּטן. פֿון אָנשטרענג און פּײַן
איז שימקען דאָס בלוט אינעם פּאָנעם אַרײַן.

געפרעגט האָט דער באטקאָ: — פונוואנען און ווער?
און ווי'ן דען געלאָפן, ווי קומט ער אהער? —

געריסן האָט שימקע דעם גאָרגל ביז לעצט,
די בלוטיקע אויגן אין באטקאָ געזעצט:
— אז גאָט זאָל דיך היטן, דער אומגליק איז גרויס,
דאָס פאָלק פראוואָסלאוונע צעהארגעט מען אויס.
דער נאקעט און באָרוועס ער גייט מיט אונדז פראווען.
געטויט איז סטעצורע, דיין ברודער דיין בראווער!
— סטעצורע? סטעצורע? ווי וואגסטו עס, הונט!
— אוי, גאָט זאָל דיך היטן, דאָס פאָלק גייט צו גרונט!
— ווער ביסטו דען, זאָג מיר?
— סטעצורעס א שיסער!
— דערצייל, וואָס געטראָפן,
דעם באטקאָ, ווו איז ער,
און ווו זיינע יונגען?
— צו אש און צו ביינער,
צו אש און צו ביינער
געבליבן — איך איינער!
מיר ווייסן, ניטאָ איז
אין בערשאד קיין רויטע,
מיר זענען באפאלן,
מיר קוילען, מיר טויטן,
איין גאס נאָר באארבעט, —
אזויפיל פאראנען!
מיר האָבן אף מאָרגן
געלאָזט, און מיר שפאנען.
צוריקוועגס באלאָדן,
מיר פירן געפאנגענע,
באלאָדן, באהאנגען,
צום שטאב אף הוליאנקע. —
איז אומגעריכט ברענגט עס
די רויטע צו טראָגן,

דערזען אונדז באַלאָדן —
א וואָרט ניט צו זאָגן,
זיי ברעכן די שארבנס,
און ברעקלען און בראָקן.
נאָר איינער, דער באטקאָ
אליין, אומדערשראָקן
ארויסרײַסן פרווט זיך,
נאָר קרענק אין דער מאמען!
א שינד אים אין קאָלנער —
דעם וועג אים פארצאמען.

ווען איך בין געפאלן
פון פערד, האָט ניט קיינער
געזען, אז הינטן
איך קריך צווישן שטיינער.
און פאַשעט א וואונדער,
פון גאָט מיר געטראָפן!
מײַן פערד איז אליין
נאָך מײַן שאָטן געלאפן. —

א היכץ האָט געגעבן דער באטקאָ, א שרײַ,
פון פיסק האָט א שיט געטאָן ווילד זידלערײַ:
— פארוואָס איז קיין הילף ניט ארויס פאר סטעצורען?
פארוואָס ברעכט דעם צוזאָג דער הונט ביידעבורע?
און ווו איז מעטשעטנער דער נײַער קורין?
זיי האָבן דאָך ביקסן, די הינטישע זין.

און אופגעשטעלט האָט זיך דער באטקאָ אין רינג,
א פרוו מיט די אויגן זײַן כאַפּטע, און פלינק
זײַן מעסער ארויסציט צו שימקען, — און שנײַדט,
א שניט און א שניט — און פון שטריק אים באפרײַט.

— ווער זיינען די רויטע, פון כיסטן?
— פון כיסטן.
— ווי גרויס?
— גאָר א קאָפּל, דו קענסט זיי פאַרניכטן.
— און ווער זייער עלטסטער, ניט שימקע, דער זשיד?
— נו, ער טאַקע, יענער, פון פאָרנט ער פליט.
— היי, יונגען, געגרייט זיך, מיך מאַטערט דער דאָרשט.
מיר גלוסט זיך אין בערשאַד א רויט-רויטן באָרשטש!
ניטאָ דאָרט קיין זעלבשוץ! קיין רויטע ארמיי! —
סטעצורעלעס אָנדענק מיר פּראַווען בא זיי!
דו ווייסט ווּהין צו פירן?
— נו, יאָ, אף געוויס.
— איז פיר אונדז, עס בריט שוין די ערד אין די פיס.
נאָך גוטס און נאָך זשידעס אין בערשאַד פאַראַן!
ריכטיק סטעצוראָוועץ?
— געוויס, אטאַמאַן!

געפירט האָט זיי שימקע מיט פרייד, אומדערוואַרט,
צום שטאַב זיינעם פירט ער, ווּ זען זיי מע גאַרט.
און שימקע אין האַרץ רעדט צו זיינע: „צו מיר!
צעפּראַלט אַלע טירן — די באַנדע איך פיר!"

* * *

נאָך זיי איז פאַרבליבן נאָר מעסערס א בערגל,
און ביקסן גאָר ווייניק, — נאָר מעסערס און שווערדן.
די באַנדע האָט בעסער מיט קאַלטן געאַרבעט —
ווייל שטעכן און קוילען איז היימלעך און פאַרביק.
און שאָפּענעם פּאַכעד אף איינוווינערס וואַרפט,
אָט ליגט עס, דער באַנדעס דאָס בערגל מיט שאַרפס.

איז שימקע געריטן צו כיסטן באַריכטן,
אַז אויך קאָזאַקאָוו איז געכאַפּט און פאַרניכטעט.

## נאכמען־יאָנטעוו באַוויינט זײַן כאַווער

1

אין וואלד, אין דער אגראָ־שול, ווארט דאָרטן קריין,
קלימענקאָ גייט אום דאָרט און שרײַט אַף די ציין...
א ציינווייטיק פּלאָגט אים, דעם מויעך אים בויערט,
דעם שארבן צעטראָגט עס און שיסט אינעם אויער.
די באק איז געדראָלן און גלאנצט, ווי א ביבער,
אן אויג, ווי א פּיאווקעלע, קוקט פונעם גריבל.
ער קראצט זיך אין שטאמען, ער היכצט און ער אָכט.
דער טייל היידאמאקעס איז בייז און צעקאָכט:
ווי זאָל מען אים שטילן אין מויל זײַנע ווערעם?
קיין ציינדאָקטערס וואקסן אין וואלד ניט! — כאָליערע!

און קריין, כאָטש ער קריכט אים אין מויל מיט די פינגער,
נאָר ס'העלפט ניט, ווי ס'העלפט ניט די ליד, וואָס ער זינגט אים:

— ס'איז נערוון, מײַן ליבער, נערוועזשע ווייען.
דו קלער פון פּראָבלעמען, סע פעלט דיר אידייען.
מע דארף זיי פארמאָגן אין קאָפּ־טשעמאָדאן! —
איך בין פאר זיי, פאנע, די וועלט אויסגעגאן!
געדולד נאָר, געדולד איז א קישן א הארטער, —
וואָס קומט ער ניט, גאָט, סארא פײַנעדיק ווארטן...
און אָט איז געשען, וואָס אזוי מ'האָט באגערט:
ס'האָט ציפּרוס דערשײַנט, ווי פון אונטער דער ערד. —
ער קוויקט זיך, ער רעדט, ער צעוויקלט א פּלאן. —
פארגעסט באלד אין ווייטיק דער הויפּט־אטאמאן.
ער גלעט שוין די וואָנצעס, ער שווײַגט און ער הערט נאָר.
ער וועגט אינעם הארצן די וואָג פון די ווערטער.

און קריין ווערט באגײַסטערט, ער רעדט מיט אזארט:
— פון דרויסן זײַ נאָכגיביק, כניפעדיק, צארט,

נאָר ווען מ'האָט געפּאַקט זיך צו דיר אין די הענט —
איז זײַ אומבאַכמאָנעסדיק, פּײַניק און שענד!
דאָס קעפּל, דאָס קעפּל נאָר אָפּדרייען, כ'מיין, —
וועט דעמלט דער קערפּער שוין פאַלן אַליין.
מע שושקעט זיך, קוויקט זיך, מע דאַבערט אַרײַן.
און ציפּרוס פאַרשווינדט, ווי אין דר'ערד וואָלט אַרײַן.

2

געקומען איז ציפּרוס צו שימקען, און ווײַזט:
— אָ, זע נאָר, אַ בריוול! — ס'קאָנווערטל צערײַסט, —
„אין וואַלד-מאָנאַסטיר בײַ די ברוינע שטאַכעטן
אין גראָז ליגט אַן אוצער.
א פרײַנט פון סאָוועטן".
— וואָס הייסט עס? — זאָגט ציפּרוס, — וואָס קען עס דען הייסן?
— דו שימען, געהיט זײַ, צי שטעקט ניט... ווער ווייסט זיי?
נאָר ווי'ן האָט מען פאַרט אַלע אוצרעס באַשטאַט דען,
אויב ניט בײַ מאָנאַשקעס? אַ זוך טאָן דאָרט שאַט ניט.
אַפּריער אַ קוק טאָן, אַ שמעק טאָן, ווער, ווו, —
איך מיין, אַז די אַסי, וועט טויגן דערצו...

אוועק איז אַ טאָג און אַ צווייטער, און שימען
האָט קוים זיך באַשלאָסן אַ מענטשן באַשטימען
אַ קוק טאָן, — ס'האָט ציפּרוס אין האַרצן געשטראַלט:
— ס'וועט אַסי דאָך בריינגען דעם העכט אינעם וואַלד!..

און אַסי געגאַן איז מיט כיישעק, באַגליקט,
ס'האָט שימען געהייסן, ס'האָט שימקע געשיקט.
ס'האָט שימקע זיך פרייליך געווערטלט מיט איר.
אַ ביסל איז שרעקלעך דער וואַלד-מאָנאַסטיר...
ווער זײַנען די לײַט דאָרט?.. און ס'לאָזט ניט צורו, —
דער ציפּרוס, וואָס אײַלט ער? וואָס ווינקט ער איר צו?..

## 3

(נאכמען-יאָנטעוו אפן פּלאַץ, שיקערלעך)

— נאכמען-יאָנטעוו, זאָגט מען מיר, שוין צײַט
דו זאָלסט מאַזשגיעך ווערן.
נעם דיר, זאָגט מען מיר, די פײַנע לײַט
און הייס דעם פּלאַץ פאַרקערן.

די „טרודאָפּאָווינעסט-לײַט" שפּאַן אײַן —
זיי זאָלן מאכן ריין אים!
סע זאָל דער פּלאַץ א ריינער זײַן,
פאַר אַלע פּראָפּאַריינים.

נו, קלײַב איך מיר די כשרווים אויס.
אײַ, מווכער מין האמווכער.
איך שיק זיי אפן פּלאַץ ארויס —
זיי קערן ווי די שיפּכעס!..

איך שאַף מיט זיי און דריי זיי מיר,
איך הייס אײַך, מײַנע הערן —
בינדט איבער אָט די בעזעמער
און מאַרש דעם פּלאַץ פאַרקערן.
זיי טועַן זיך אין שענסטן אָן,
אי שיין אין סטאָן, אי מיט פאַסאָן —
אנדערש שטייט זיי גאָר ניט אָן!

איך קלינג אין טאָפּ,
סע קומט אַראָפּ:
רעבע האָפּ,
ניקאָלסקי פּאָפּ,
די מײַדמאַנס מיטן הויכן קאָפּ,
די זיבן שיינע מיידן,
וואָס איינס דאָס צווייט באַריידן.

סקאַדראָנען, שאַלאָנען,
גלײַכט אײַך אײַן!
ראַבױסײַ, די בײַכער
ציט אַרײַן.

די בעזעמס אױף אַקסל
שטרעקט אַרױס. —
אַרש-מאַרש, אַרש-מאַרש,
שנײַצט אײַך אױס!

סמירנאָ! די בעזעמס
שטעלט אױף דר'ערד. —
דעם פּלאַץ ביזן ראָטהױז
רײן פאַרקערט.

װאָס סאָפּעט איר? — נעבעך! — אומדערהערט!
פאַר אײַך האָט מען אױך אַזױ געקערט?!..

— נאַך-יאָנטעװ, טאָװאַריש,
דערלױבט אײַך זאָגן,
איך קען די שאַנדע
ניט איבערטראָגן.

— אַזױ, אַזױ, אַזױ,
לערנט זיך, טײַערע... סטאָי!
סמירנאָ! הױך דעם קאָפּ!
גיט דעם נאַטשאַלניק
גוטן-אָװנט אָפּ!

פאַרשעמט שטײט קאַליע דאָס ייִנגל,
האַלט שטײַף די הענט אַראָפּ.
נאַך-יאָנטעװל דין מיט אַ ניגון
גיט אים דעם ראַפּאָרט אָפּ:

— טאָוואריש קאָליע,
כ'האָב קערערס צען.
זיי קערן דאָס מיסט
און גלוסט, און ברען.
זי וועט זיך נאָך אויסרייבן,
קלער איך, די וואטע, —
סע קען פון זיי זיין נאָך
די עמעסע שמאטע...

קאָליע, מיין כאוועַר,
אוי, טוט מיך פלאָגן, —
גיב מיר דעם אויער
וועל איך דיר זאָגן,
אוי, איך האָב מוירע
ברענגען דאָס וואָרט:
אסי אוועק איז,
זאמט זי זיך דאָרט...
האָט זיך, כאָלילע,
עפּעס געטראָפן?
איז זיך, כאָלילע,
עפּעס פארלאָפן?
אסילע פעלט אונדז,
אלע דאָס פילן, —
מוז מען דאָס הארץ
מיט א גלעזעלע שטילן.

4

די נאכט איז אומרו גרויסער,
און קוים דערוואַרט דעם טאָג, —
אין פרייען פרישן דרויסן
דאָס יינגל קאָליע יאָגט. —
ער שפּאנט, די גראָזן שמעקן,

ער האַלט אין האַנט אַ שטעקן,
אַ טאָרבעלע ער טראָגט.
ניטאָ צו אים קיין גלײַכן.
זײַן בליק געזיכטל שײַנט:
קען זײַן, אין דאָרף באַם טײַכל
געפינט ער אַסין הײַנט.
דער וועג — אין גרינס און קווייטן.
און פייגעלעך באַלייטן
דעם יונגן גוטן־פרײַנט.

און נאָך אַ וווּנטש אַ שטומער —
מיט האָפענונג אים נאַרט: —
אַז יעדער ווײַל קאָן קומען
זײַן מאַמע אומדערוואַרט.
צעשיידט האָט זיי דער פּלאָנטער
פֿון פֿײַערן באַ פֿראָנטן,
ער בענקט נאָך איר, ער גאַרט.

— זי גייט איבער די הײַזער
און קען דערגיין צו מיר. —
צוריקוועגס וועט ער רײַסן
די קווייטן די פֿאַר איר.
ער וועט צו זיך זי ברענגען,
ער וועט שוין מער ניט בענקען,
שוין אייביק זײַן מיט איר.

די ערד האָט פֿול געטרונקען, —
פֿון פֿולן האַרץ זי בליט.
אַ הויך געזאַנג טוט קלינגען —
די זינגערס זעט מען ניט.
פֿון פֿלאַנץ־ און ביימער־רײַכקייט
פֿון טיפֿן גרינס באַ טײַכן —
דאָס טיף געזאַנג זיך ציט.

גע־שיקט זיך, אז דאָס בליטונג
דעם פײַנט בא זיך באהאלט?
און פאר דעם פײַנט, באנדיטן
דאָס זינגט אזוי דער וואלד?
דער סאָד מיט פרוכטן שווערע,
די העק, די טויט-געווערן —
אין שויס בא זיך באהאלט?!

## 5

אוי, קאָליען פאקט דער סוינע:
— דו זאָג, דו, טײַוולס קויט,
אף וואָס ביסטו א קוינע?
דו זאָגסט? — אניט דעם טויט!
געשיקט פון באָלשעוויקעס?
דו זאָגסט — אניט דערשטיקט מען!
— איך בין... איך בעטל ברויט.

פון קעלער שרײַט א מיידל —
די אסי זאָל דאָס זײַן?
זי שרײַט פון גרויסע ליידן —
סע ניט די מאמע מײַן?
ס'איז אסי, מ'האָט פארנארט זי,
און איצט אף שימקען ווארט מען,
אז ער זאָל אויך ארײַן...

האָט קאָליע ס'מויל פארביסן:
ווי רײַסט מען זיך ארויס!
ווי גיט מען שימקען וויסן
פון אלץ, ווו אײַן, ווו אויס:
אז פאָסטנס אין די סעדער,
אז ס'איז באוואָפנט יעדער,
אז די געפאר איז גרויס.

א מאָנאַסטירסקער פעטער
באַגייט זיך מיט אים מילד:
ער פּעטשלט אים, ער גלעט אים:
— זאָג, פּראַוואָסלאַוונע קינד,
זאָג אויס פון די סאָוועטן...
— איך בין... איך... ברויט איך בעטל...
— דאָבראָדיע, נעמט אים, בינדט!

— דאָבראָדיעס, — שרײַט אַן עלטסטער, —
זעט, ס'א צעדולטער בלויז,
סע פּראַסט א גאַנעפּעצל,
נעמט וואַרפט אים גלײַך אַרויס.
דו, הער, פאַרדריפּעט ריכל,
זאָלסט מער אַהער ניט קריכן, —
נו, ציילעם זיך און אויס!

— נו, ציילעם זיך, דו סמאַרקל! —
ער הייבט די האַנט ניט! — סטאָי!
דו ציילעמסט זיך? איך האַרגע!
דו הערסט, סאָוועצקי פּלוי!
— ניטאָ קיין גאָטן, פעטער. —
— אהא! איר הערט, איך בעט אײַך!
דערשטעכט אים, אָט אזוי!

און צווישן הענט און אַקסל,
וואָס פאַרען זיך מיט אים —
איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן
דעם ציפּרוס' לאַנגער קין.
דעם ציפּרוס' שוואַרצע אויגן, —
צו קאַליען צוגעבויגן, —
א שפּײַ געטאָן אין אים...

און קאָליען מ'האָט אין קאָרן
אַרײַנגעשמיצט, און דאַן
איז גראָד פאַרבײַגעפאָרן
א פויער, צוגעגאַן,
דערמונטערט אים, דערוועקט אים, —
ס'האָט קאָליע עפעס שרעקלעכס
געזאָגט, — און אויסגעגאַן.

דער פויער, א פאַרקרימטער —
ער יאָגט אין שווייס זײַן פערד,
אין שטאָט, צו שימקען קומט ער,
דערציילט אים, וואָס געהערט, —
— אזוי גאָר! אונדז פאַרכאַפן!
היי, כעוורע, קומט זיי קלאַפן,
ס'זאָל ציטערן די ערד!

און שימקע לאָזט זיך טראָגן
פון שאָדן-קראַפט פאַרשײַט.
מיט היכץ די יאַטן יאָגן,
צעהיצט דעם פײַנט מע שנײַדט,
און שימקע ברענט און פלאַקערט,
די קלויסטער-טיר צעקנאַקט ער —
און אסין ער באַפרײַט.

פאַרגעסן אינעם איקער:
קלימענקאָן ניט פאַרכאַפט.
פון העפקער-האַס פאַרשיקערט —
די מערדערס ניט דערטאַפט.
דו קאָפ דו, קאָפ באַרעכן —
דו יונג, ווו איז דײַן סייכל?!
א פוסטער פאַס, וואָס קלאַפט...

ווען כיסט איז אָנגעלאָפֿן,
איז שוין געווען צו ווײַט.
ס'איז ציפּרוס שטיל אַנטלאָפֿן,
מיט אים — די אָנפֿיר־לײַט.
ס'האָט כיסט אין זאָרג געשוויגן.
ס'האָט שימען ביין געשפּיגן
צערייצט, פֿאַרשעמט, פֿאַרשײַט.

6

נאַכמען־יאָנטעוול האָט דאָס דערהערט,
האָט דאָס האַרץ אים געריסן.
געטויט איז זײַן כאַוועך קוריער,
ביז צו טויט אים פֿאַרשמיסן.

נאַכמען־יאָנטעוול האָט ניט גערוט,
און געפֿילט זיך ווי שולדיק,
דערטאַפּט און באַוואָרנט אַ פּור
און געוואַרט אומגעדולדיק.

נאַכמען־יאָנטעוול קומט אױפֿן פּלאַץ,
ער איז שיִר כאָסעדייע,
זעט די לײַט מיט די בעזעמס אין האַנט,
נאָר ער קאָן זיי ניט זען.

ווי די גווירים פֿאַרקערן דעם פּלאַץ,
פֿאַר דער גרויסער לעוויַיע;
ווי מיט פֿרומקײַט אַף אים דאָרט מע גלאַצט
און מע קוועלט אָן פֿאַרטײַעט.

גייט צו קאַנען נאָך־יאַנטעוול צו,
רײַסט פֿון האַנט אים דעם בעזעם,
און א הוק טוט אף אלעמען: „טפו!"
און ניט ווערן ער הייסט זיי.

און פאַריאַגט זיי. אליין בלײַבט און קערט
און די טרערן שטיל פליסן,
און א שלײַדער דעם בעזעם אין דר'ערד,
און זיך קריִע געריסן.

זיך געזעצט און דעם קאָפּ אף די קני,
און געשאָקלט זיך ביטער.
און ס'גייען ארמייער פאר אים,
און א פייגעלע צוויטשערט.

נאכמען־יאַנטעוול האָט ניט גערוט,
ס'איז געקומען דער וואָגן, —
און פאַרוואַשט האָט דעם כאַווער דאָס בלוט
און צום ראַט אים געטראָגן.

פֿונעם ראַט זײַנען אלע געגאַן,
אונדזער כאַווער באלייטן.
און מיט כיסטן איז שימקע געגאַן,
און אויך אסי מיט קווייטן.

נאכמען־יאַנטעוו דאָס ערשטע מאָל שפאַנט,
ס'ער'שטע מאָל אָן א היטל אין לאַנד, —
מיט א הוילן קאָפּ גייט ער,
מיט פאַן מיט א רויטער אין האַנט,
א רויטע מיט שוואַרץ א באַנייטע...

## אַלטע לײַט

פֿאַרטאָג איז. סע שלאָפֿט נאָך אין מײַדמאַנס געבײַען
דאָס פֿאָלק דאָס געמיינע, די אײַנוווינערס נײַע.
ניט צוגעוווינט נאָך צו די גווירישע רוימען,
מיט שיינע שפּאַלירן, מיט וויג־בעטן גרוימע
די קינדער פֿון קינדערהיים שלאָפֿן דערקוויקט —
מע כאָלעמט אַ כאָלעם פֿון שפּיל און פֿון גליק.

אין הויף נאָר, בײַ שטאַלן, אין הינערשן צעלט,
דאָרט פּלאַפּלען צוויי מענטשן, מע רעדט אויף דער וועלט.
נאָר אייגנטלעך רעדט נאַכמען־יאַנטעוו אַליין.
דער גערטנער פּאַכאָם הערט און שווײַגט ווי דער שטיין.

— אַ לײַט פֿון די מײַדמאַנס וועט זײַן נאָך? אַט באַלד...
ווען דאָ, אויף דער דלאָניע, וועט אויסוואַקסן וואַלד.
זיך איבערגעטאָן אין געלאַטעטע רעק...
קכי־קכי... מע דערקענט זיי — זיי פּאַסט ניט קיין זעק!
שוין בעסער פֿאַרלייגן זיך האָרבעס אַפּגיך,
ניט זײַן מיטן שטאַלט אַזוי קענטלעך אויף זיך...

סע שטעלט זיך באַם טויער אַן אַלטיטשקער אָפּ. —
אַ קלומעק, אַ שטעקן, פֿאַרוויקלט דער קאָפּ,
דאָס פּאָנעם פֿאַרבאָרגן. אין הוילעך מע זעט,
אַז שווער איז דער וועג אים, אַז לאַנג שוין ער גייט.
קומט צו נאַכמען־יאַנטעוו, די האַנט אים ער גיט:
— הם... שאָלעם־אַלייכעם, פֿונוואַנען אַ ייִד?

— פֿונוואַנען? פֿון צאָרעס, פֿון ווײַט, לעבן ברוין.
— מאַ־שמייכעם?
— לוי־אַלייכעם.

— צופוס, הם?
— צופוס.
— מיסטאם א מעלאמעד?
— וואָס דען איז א ייִד?
— נו, ווי גייט דאָס קנעלעכץ?
— אראָפּ פון יאריד.

סע קוקט נאכמען-יאָנטעוו
אין יידן זיך איַין.
ער רופט אָפּ פאכאָמען
און רוימט אים אריַין:
— איך וואָלט געמעגט שווערן
ס׳איז אריע... נאש בראט.
ס׳איז אריע דער סטאָליער,
גייט אום נאוועגאד —
זינט ס׳האָט אים געטראָפן
דער אומגליק... א, נו... —
און ס׳גייט נאכמען-יאָנטעוו
צום אלטיטשקן צו:

— טשיאָ מאיעם — פרימאיעם,
קומט, שפּארט זיך דאָ צו.
ס׳א קאָהעלשער מאָווער.
און וואָס טוט איר היי?

ער מאכט זיך, דער אלטער,
ער האָט ניט געהערט.
ער מאָסטעט זיך לאנג
און ער זעצט זיך אף דר׳ערד.

— איך פרעג, „לוי-אלייכעם",
וואָס טוט דאָ א ייִד? —
דער אלטער בעט וואסער
און ענטפערט אים ניט.

— מיסטאם א שעליכעס? —
ער ענטפערט ניט אָפּ.
ער מורמלט א טפילע
און וויגט מיטן קאָפּ.

פארוויקלט, פארבונדן,
קוים-קוים זיך ער וויגט, —
אריבער נאך-יאָנטעוון
וואנדערט זײַן בליק,

אריבער די הייפן,
אהין, ווו סע טאָגט.
ער מורמלט... און טיף
אינעם הארצן סע קלאָגט: —

זײַן פרויעמען זוכט ער,
דעם אייניק, דעם שנעק,
אז ווי׳ן ער קומט, זאָגט מען:
„געווען אין אוועק”.

ער מוז אים געפינען
דעם באָכער אליין.
ער קען דעם ביזאָיען
ניט אויסהאלטן מיין.

מע רעדט אין די רעדלעך, —
וואָס לײַט רעדן אָן!
אז פרויעם, זײַן קאדעש,
ראכמאָנע-ליצלאָן,

גייט אום מיט גאזלאָנים
און מאכט זיך צו שפּאָט.
די וועלט קערט מען איבער,
מע ברעכט דעם געבאָט,

מע רעדט אַז די אָרעמע
ווערן פאַרשײַט.
אין טויט אַרײַן טוט מען
די כאַשעווע לײַט.

און גזיילע, רעציכע
עס פאַלט אַף זײַן קאָפּ, —
פון ד ע ר-וועלט און י ע נ ע ר-וועלט
שנײַדט מען זיך אָפּ...

אזוי טראַכט דער אוירעך,
אין דאַוונען שווער, —
און ס'פרעגט נאָכמען-יאַנטעוו
קיין קאַשעס ניט מער.

און ווידער דעם שמו'ס,
מיט פּאַכאַמען ער פירט.
דער אַלטער, וואָס דאַוונט,
פון ווינקעלע שפירט,

ער הערט, און ער קוקט,
און ער שלינגט יעדעס וואָרט,
און קוים-קוים פון מורמלען
סע הייבט זיך זײַן באָרד.

* * *

אַרויף אפן שטאַפּל,
די הינער פאַריאָגט,
הייבט אַן נאָכמען-יאַנטעוו,
די וועלט ער פאַרקלאָגט.

און שטיל זיצט פּאַכאָם, —
ער איז לײַוונט און הויט.

א נעפּעש, וואָס קורץ איז
דער וועג דעם צום טויט.

— ששש... מ׳שלאָגט זיי, די זשוקעס.
איַ, איַ, ס׳א געדאנק!
איך זשאלקעווע נאָר,
וואָס מ׳ר זענען שוין קראנק.

ווען מאלעכאמאָוועס
די מיַידמאנס זאָל וועלן —
איז וועלן דאָקטוירים
אנטקעגן זיך שטעלן.

מיט דאָקטער-קלייזיַיען,
אין נעכט און אין טאָג,
דעם טויט צו פארטריַיבן
פון גווירישן וועג.

און אונדז, אז ס׳טרעפט זיך,
איז קומט ער, דער טויט,
און גליַיך נעמט ער קיַיען
די טרוקענע הויט.

די טרוקענע הויט,
דעם טרוקענעם ביין
דו שטעלסט אים ארויס
צום קרישען די ציין.

איז רופסטו דעם פעלשער,
א קאנע ער מאכט,
און העלפט עס ניט — קרעכצסטו
באטאָג און באנאכט.

עס שלאָגט זיך דער מאַלער
מיט דעם אָרעמאַן.
טרעט איינער דעם צווייטן
ניט אָפּ אַף קיין שפּאַן.

אַמאָל גייט עס קירצער,
אַמאָל ציט זיך לאַנג,
און ווער סע דער שטאַרקסטער —
אָט יענער דערלאַנגט.

דאָס אָרעמע מענטשל
אַזוי ווי דאָס שטייט, —
איז לייַוונט און ביינער,
צום גריבל ס'איז גרייט. —

דו דאַרפסט זיך ניט איבערטאָן,
האָסט ניט די ווערט,—
ווי דו דרייסט זיך אַרום,
אַזוי גייסטו אין דר'ערד.

פּאַכאָם, ווי ער הערט קוים,
ניט דאָס קריכט אין קאָפּ:
אָט פירט מען האַרמאַטן,
צי טרעט מען ניט אָפּ?

— וואָס זאָגסטו, נאַך-יאָנטע?
וואָס פאָרט מען צום וואַלד?
— נו, וואָס זאָל איך זאָגן,
אַ שאָד, מע ווערט אַלט. —

פּאַכאָם לאָזט ניט רוען,
ער טייַנעט און שינדט:

— אז קריין און קלימענקאָ
שוין רויטע אצ׳ינד!

זיי רימען די ראטן,
און שימקען מע לויבט!
זיי נעמען דאָס פאָלק
פון די דערפער צונויף!

ס׳איז פראדקין געווען דאָ,
און פראדקין, ער ווייסט,
אָט נעמט מען זיך, זאָגט ער,
אָט ווערט זיי דאָ הייס,

די וועלט, זאָגט ער, לעבט נאָך,
און קריין איז דאָך קריין!
און דאָרף-באַלעגופים
זיך שארפן די ציין.

די דאָרף-באַלעגופים
מיט גוטס נאָך געשטאָפּט,
די קלויסטערס — נאָך קלויסטערס,
דער פּאָפּ — נאָך א פּאָפּ.

זיך צופיל צעהוליעט,
דאָס הויל און דאָס בלויז!
פאריסן די קעפּ,
און מיט לאָשן ארויס! —

מע וויל און מע טרייבערט,
מע מאָנט און מע שטיקט.
די נאכלעס די גרויסע
אף שטיקער מע פליקט!

דו הערסט, נאכמען-יאַנטעוו?
גיי טײַנע מיט זיי. —
די גאַל קערט זיך איבער,
דאָס האַרץ טוט אזש וויי.

די זון פון די רײַכע
פארגייט ניט, די זון!
און פרײַנט פון די רײַכע
פאַראַן אומעטום.

דער שטאַנד און דאָס אייגנס —
צו שאַנד און צו שפּאָט!
פאַר זיי קריגט א וועלט זיך,
פאַר זיי שלאָגט זיך גאָט!

בא זייערע ליגן
אין דערפער ארום,
דאָרט ליגן ג׳ווערן
אין דר׳ערד, אומעטום.

די שאָ זי וועט שלאָגן —
צעגראָבט מען די ערד,
ארויס וועט מען אָפּן,
מיט ביקס און מיט שווערד.

מע וועט זיי ניט פוצן,
ניט פרווון אף האָר, —
מע וועט זיי אין בײַכער
פארשטעקן און גאָר.

אין בלוט וועט מען שווענקען
דעם זשאַווער פון שווערד,

און שאַרפֿן אַף שאַרבנס
דעם טײַוולס געווער.

מ׳עט טויטן מיכײיען, —
נאָך-יאַנטע, איך ווײס...
אײַ-אײַ — סאַרא פֿײַער!
ס׳באַשלאָגט אױש אַ שווייס,

פֿאַכאַמע, דאָס אייגענע
רעדט מען אין קלויז! —
פֿון איין זײַט קומט ענגלאַנד,
פֿון צווייטער — פֿראַנצויז!

און ווידער וועט הערשן
פֿון רײַכע דער גזאַר:
ס׳וועט קומען זיך בעטן
דער קנעכט צו דעם האַר:

„— זײַ מויכל, אדוני,
אונדז, קנעכט, דעם באַגער
צו וועלן די וועלט,
וואָס צו רײַכע זי קער.

פֿאַר קנעכטישער כוצפּע
גאָר פֿרײַע צו זײַן, —
איז נעם אונדז, אדוני,
און טייל אונדז אַרײַן:

אַזויפֿיל פֿאַר פֿריער,
אַזויפֿיל פֿאַר איצט,
און טייל אונדז פֿאַר שפּעטער
אַזויפֿיל נאָך שמיץ.

אז היים זאָל אונדז ווערן,
און קליגער דער נאַר:
זאָל וויסן, אַז אייביק
איז קנעכט דאָ און האַר.

דעם יאָך דאַרף מען טראָגן,
צו קנעכט ער געהער,
און רײַכקײַט פאַר רײַכע
פון גאָט איז באַשערט".

— אויב ס'עמעס, נאָך־יאָנטעו,
איז... איז דאָך עק וועלט...
— איך זאָג דאָך! מ'האָט קוים
אַף די פיס זיך געשטעלט,

איז נא דיר גאַר. זאָג מיר
לעמאָשל, מיט וואָס
איז קרום, וואָס פאַכאָמע
איז איצט באַלעבאָס

אַף מײַדמאַנס פּאַלאַצן,
און זעלכע, ווי איך,
פאַרמאָגן דאָרט צימערס
מיט לעקטרישע ליכט?!

און קינדער אַרײַנגעזעצט
האָט דער רעווקאָם, —
די קינדער פון דר'האַרגעטע
אינעם פּאָגראָם.

ווו שטייט עס פאַרשריבן
אַף אונדז, אַז מע מוז
אין קעלערס נאָר קוואַסן?
פון גאָט איז עס? — שטוס!

אָט בין איך, קענאָרע,
בין אויף אַפן פערד.
א מענטש מיט א שטעלע,
א מענטש — א קורייער!

קריין שרייַט, ס'איז א יאקרעס,
סע פעלט אלץ, — אוי, גאָט, —
ווען קריין האָט געהאט,
האָב איך ניט געהאט!

און איצטער איז אנדערש:
מע שיקט מיך ארום,
אין ראט, אין סאָיוז,
איז פאראן אומעטום —

אָ־דאָרט א סטאָלאָווע,
אָ־דאָ — א בופעט,
מע גיט מיר... די קינדערלעך
האָבן צו זעט.

— זע נאָר, נאָך־יאָנטע,
מע פאקט זיך גאָר איַין!
— כאָלילע, וואָס רעדסטו,
די שאָ זאָל ניט זיַין...

דער גאסט כאפט דעם שטעקן,
דאָס טאָרבעלע נעמט.
ער איַילט זיך אוועק,
פון יעסורים צעקלעמט.

ער איַילט זיך, רעב אריע,
צום וואָגזאַל אין גרייט.
ער גייט נאָך די רויטע, —
פונוויַיטן ער גייט.

## באלעגופישער אופשטאנד

עס שטעלט זיך א מארק,
וואָס איז פֿאר א מארק?
פֿורן פֿון הינטן, פֿון פֿאָרנט,
פֿון בארג,

דורך בריקן, אף שליאכן,
אף סטערניע, אף גראָז.
פֿון דערפֿער ארום
אין איין זײַט זיך געלאָזט.

אלע אין שטאָט צום ראָטהויז,
צום גרײַז, —
פֿון מענטשן און פֿערד
און וואָגנס א קרײַז.

א פֿלאָנטער פֿארפֿלאָכטן
אין אומקלאָרן ראש.
מיט אָנזאָג אף אומרו
האריגעס, מישמאש.

סע שטעלט זיך א מארק-טאָג
אזא ניט אומזיסט.
דער אוראלטער ראָטהויז,
ער קוקט דערוף וויסט.

די טאָרבעס צעבינדן זיך,
ברויטן געשמאקע,
ווי שטערנס קולאצקע —
נידריק געבאקן.

קניפּיקעס שנײַדן
די קאָרענע רייפטן,
און סאלע ניט שמעלער
מיט ראָזעווע שטרייפן.

פון מײַלער צו מײַלער
א ליימיקער קריגל,
מיט ברודיקן בראנפן
די מײַלער זיי זיגלט.

א שווײַגנדיק-פינצטערער
פרעסן און זופן, —
אין מארק א צוזאמענפאָר
פון באלעגופן.

דער אָנפאָר, דער אוילעם, —
דעם ראָטהויז דערמאָנט עס
די בלוטיקע יאָרן
פון גרויזאמען גאָנטע.

בעהאָלעשער פלאָנטער
און פענעמער שטומע —
זיי וועקן באם ראָטהויז
די צײַט פון מעהומע.

די וואָגנס, פורגאָנעס
מיט רעדנעס פארדעקטע. —
— וואָס שטעקט אונטער רעדנעס?
מעסערס פארשטעקטע?

מעסערס געשארפטע
פאר העלדזער, פאר בײַכער?
— ניטאָ מער קיין שליאכטע,
ניטאָ מער קיין רײַכע!

די אַרבעטער האָבן
די רייַכע צעריבן,
אליין די באפעלער
אין שטאָט דאָ פאַרבליבן.

און שימקען אוועקגעשטעלט
פירן די ראָד:
שימקע פון טאָל —
דעם טאָקער פון שטאָט.

— זאָגט, קעגן שימקען
די מעסערס פארשטעקטע?
פאר שימעלעס האלדז
וועט איין מעסער קלעקן!

צי אלעמענס מיינט איר,
די אַרבעטער-העלדזער!
ווייסט זשע, פארפירטע,
סע וועט אייַך ניט העלפן,

זיי ווייסן דעם ווערט זיך,
צו הערשן בארופן. —
וואָס ווילט איר, וואָס קומט איר,
איר דאָרף-באלעגופן?!

* * *

אין ענגשאפט באם ראָטהויז
פאר פערד און געשטעלן —
דאָרט אַרבעט א רעשטל
פון קלעזמער-קאפעלע.

עס האָט די כאווריַיע
אין קאנט דאָ געשעמט —

א רעשט פון איר שפילט דאָ
צום וואנט צוגעקלעמט.

ניומטשיק דער פידלער
און לייבל-קלארנעט,
דער באס, ווי א שוויגער: —
דעם מארק מע פלעט.

סע הערן די פערד,
די אויערן געשפיצט,
די דאָרף-באלעגופים
קיַיען פארשוויצט.

גלייַכגילטיק קיַיען
קאלטבלוטיקערהייט.
סע בייַטן די קלעזמער
דעם טרויער אף פרייד.

אוןווידער באם הארץ רייַסט,
און ווידער א פרייד,
די פויערים קיַיען
גלייַכגילטיקערהייט.

עס ברעכן דעם פידלער
די ביינער שוין לאנג,
ארויסרייַסן מוז ער
דעם גראָשיקן דאנק.

ער פייַניקט דעם פידל.
מיט פייַן וויגט זיך אום:
די פויערים קיַיען
פארגליווערט און שטום.

דער קליינער קלאַרנעטניק
די אויגן פאַרקלערט,
געהויבן דאָס קעפּל
שפּילט גלײַך צו די פערד.

דער דריטער נאָר איינער,
ער לינדערט זײַן נויט:
סע פרעסט קאָנטראַבאַס
מיט די אויגן דאָס ברויט.

איינער נאָר ער,
האָט האָנאָע, ער עסט, —
ער שלעפּט מיט די אויגן
פון טאָרבעס דעם פּרעס.

* * *

ווער האָט עס באַפוילן
די קלעזמער פון באַרג
צו שטעלן זיך שפּילן
אין פערדישן מאַרק?

די צײַט האָט באַפוילן?
די נויט זיי געשיקט? —
קיין קלעזמער-קאַפּעלע
ניטאָ מער — צעפליקט,

די כעוורע באַרימטע
אין ייִדישער וועלט —
די קלעזמער-קאַפּעלע
זי האָט זיך געפעלט.

צו כאַסענעס רײַכע
געקומען א סאָף:

מע רופט ניט קיין קלעזמער,
מע רופט ניט קיין ראָוו.

די גווירים צעטריבן,
א בראָך איז צו זיי,
און אָרעמע כאסענעס
מאכט מען איינס, צוויי:

ערגעץ פארשרייבט מען —
און דאָס וועט שוין קלעקן,
אָן קלעזמערשע קונצן,
און אָן א באדעקנס.

די קלעזמער-כאווריע
האָט גווירים געדינט? —
איצט גווירים צעטריבן,
די כעוורע צעריגט:

ווער בא די רויטע —
אף מארשן, אף נייען —
אין פאָלקן-אָרקעסטערס
די קישקעס זיך רייסן.

ווער ס'האָט געמיטן,
ווער ס'האָט געביטן
די טרויב אף א קו,
די פלייט אף א שליטן.

און ווער ס'איז געוואָרן
פראָסט א „מישאָטשניק".
ער, דער טראָמבאָן,
איז אין מארק א „טאָלטשאָטשניק".

דעם פויק האָט געגליקט
אין אָרקעסטער, אין פּארק.
דער גרויסער טרובאטש --
שטייט מיט קערלעך אין מארק.

עס האלט זיך נאָר אייניק
דער טריאָ פון גאס.
פאראקשנטער פידלער
קלארנעט, קאָנטראבאס.

סע גלוסט זיך ניט שיידן
מיט רום פון אמאָל.
דאָס הארץ סע צעגייט זיך,
סע שרייט מיט א קאָל:

מיט ברום, מיט געבייזער,
מיט קוויטשיק געוויין:
נאָר סטרונעס פארשטייען ניט
דעם מענטשלעכן מיין,

זיי שפּילן זיך זייערס, —
פון זאַרגלאָזע יאָר,
גווירישע כאסענעס
שפּילן זיי גאָר:

פלױשנס און זײַדנס,
און גאָלדענע יויך.
גווירישע פרײלעכס
צו האָפּקען דעם בויך.

מאשקאָעס, קרעדענצן
געבראָטענע גענדז,
גווירישע קינדער
אין שיקערע טענץ.

טוצנוויַיז פרייַלעכס,
געדרייט מיט א טאָלק:
ס'זאָל קענען פארשווינדן
דאָס גייַע פאָרפאָלק,

פון זאל מעכוטאָנים
אונטער א שלאָס —
שיסט מען מיט פרייַלעכס
א שאָס נאָך א שאָס...

אזוי האָבן קלעזמער
אמאָל דאָ געשעמט. —
איצט שפּילט מען אין מארק,
צו דער וואנט צוגעקלעמט.

דאָס האַרץ, אז סע רייַסט זיך,
הייסט עס, סע גלוסט —
אומקערן גלוסט עס
צוריק דעם פארלוסט.

הייסט עס פארוואנדלען
די ניכטערע וועלט:
אָט דאכט זיך זיי שפּילן
אין כאסענע-צעלט:

די דאָרף-באַלעגופים,
די וואָגנס, די פערד,
דאָס זייַנען מעכוטאָנים
געקומען אהער

א כאסענע פּראווען,
נאָר פּראווען וואָס הייסט! —
מיט פּרעס און מיט זויף
און מיט בריעכן געפּעס.

און קלעזמער געשפּאַנט
זײַנען פֿלאַצן ניט קראַנק. —
מעכוטאָנים, נעמט טײלן
דאָס דראָשע־געשאַנק!

די רעדנעס אַרונטער,
פֿון וואָגנס דערלאַנגט
דער כאַסענע גרויסער
דאָס בלוטיק געשאַנק!

* * *

ס'האָט זיך צעטראָגן
אַ קלאַנג איבערן מאַרק:
מע שלאָגט שוין דאָרט אויבן —
מע שלאָגט אפֿן באַרג.

טוט זיך דער מאַרק דאָ
אַ רײַב און אַ שפּאַר,
פֿון וואָגנס די רעדנעס
אַף גיך אַ פֿאַרשפּאַר.

קרײַנדעלע רעדט דאָרט,
ער ברעגט און ער בראָט,
כאַדאָראָם גייט דאָרט
די נײַע שטאָט.

כאַדאָראָם גייט דאָרט,
מע ווערט געוויר:
— „ס'פּאָלק" דרייט די דאַשקעס
אויס אַף קאַפּויר.

— „ס'פּאָלק"? וואָסער „פּאָלק"!
מע טײלט סאַמאָהאָן!

מע טיילט און עס גייט
כאָדאָראָם, כאָדאָראָם.

דאָס דרייען באלעגופים
די דאשקעס קאַפּויר. —
ארויס איז פון קלויסטער
ניקאָלסקי, דער טכויר:

די ריאַסע צעיאכמערט,
ער ציילעמט דעם מארק.
דאָס צעפּל אים שפּרינגט,
ווי א קראָ אפן קארק.

— סלאווא! סלאווא! —
ליארעמט באם ברײַ,
ס'האָט זיך באוויזן
קלימענקאָס כאורײַ.

דער גרויסער יאריד,
צעשפּאלט זיך אין מיט,
קלימענקאָ אליין
פון פאָרנט ער פּליט.
מיט פערד אין געלויף,
די טשובן ארויף —
באנדיט נאָך באנדיט.

— סלאווא! סלאווא! —
אף וואָגנס מע שפּרינגט, —
סלאווא! סלאווא! —
דער קלויסטער קלינגט.

דער פאָטער ניקאָלסקי
פּרעפּלט און ברילט.

דער מארק באלעגופים
צעסאָפּעט זיך ווילד.

די שפּײַז אין די טאָרבעס
צוריק מע פאַרבינדט,
— שנײַד די קאָמונע,
די זשידעס שינד!

מע שלעפּט פון די וואָגנס
געווערן און העק: —
— סלאווא! סלאווא! —
מע צײַלעמט די שרעק.

— סלאווא! סלאווא! —
מע צײַלעמט זיך בלינד, —
שנײַד די קאָמונע!
די זשידעס שינד!

די רויטע גיט הער!
— דעם גאנצן סאָוועט! —
מע הייבט דאָס געווער,
ווו געפּאקט — איז געפּלעט.

א מויל שפּײַט ארויס
יושקע מיט צייך.
א קאָפּ ווערט צעפּלעטשט
מיט פּאָנעם צום שטיין.

— די לײַטישע ייִדן
קיין האָר פונעם קאָפּ!
זיי נעמען די כוטערס
בא אונדז ניט אָפּ.

זיי דאַרפֿן קיין ערד ניט,
זיי ראַבעווען ניט,
קיין קריינס און קיין מײַדמאַנס —
טשעפּען מיר ניט!

— ניטאָ קיין יודיי
ניטאָ קיין עלין.
זיי אַלעם זיי שיצט
אונדזער מענטשלעכער דין!

— סלאַווא! סלאַווא!
רודעוועט בלינד. —
שנײַדט די קאָמונע,
די זשידעס שינד!

אַלעם פֿאַרטיליקט
אין העקדעש, אין וויג —
יעדער זשידאָק
איז אַ שטיק באָלשעוויק.

— צעטראַסקעט די בײַדלעך,
צעשלעפּט, וואָס געפּאַקט,
מאָרד אין די הײַזער,
אין גאַסן, אין מאַרק.

אָט כאַפּט נאַכמען־יאָנטעוו
די קינדער פֿון שטוב,
און קלײַבט זיך אַרײַן
צו דער צוויג אינעם גרוב.

די צוויג מיט די הינטלעך,
די קינדער מיט זיי,
מע ציטערט אין גרוב
פֿון דעם ווילדן געשריי.

— געפּאַקט!
— וואָס געפּאַקט?
— ווער געפּאַקט?
— שוין געפּאַקט. —
ס'האָט קריינדל פאַרנאַרט
דעם סאָוועט אין אַ זאַק.
— קלימענקאָ איז שימקען
אַרײַן מיט דער שפּיז.
— דער כיסט ליגט געבונדן
פאַר קריינדעלעס פיס.
— גיט הער דעם סאָוועט!
— דעם כיסט אויפן שפּיז!
— אַראָפּגעשמיצט שימקען
דעם „פאָלק" צו די פיס.
— די זאַלץ און דעם ספּירט!
די זאַלץ גיט אַרויס!
— אַ טויטער ליגט שימקע
באַם שטאַטישן הויז.

* * *

עס רײַסן זיך מאַכנעס
אַהין און צוריק,
ווער צו די קלייטן,
ווער צום פאַבריק.

ווער צו די גווירישע
הײַזער מיט זעק.
ווער צו פאַבריקישע
געסלעך מיט העק.

מעשטשאַנעס צעצינדן
די רייַ באַקאַליי —
פאַרכומעטע באָבעס
פאַראַמען נאָך זיי.

א קנויל באַלעגופים
די הײַזער צעפּראַלט,
נאָך זיי פּאַלגן באָבעס
מיט זעק און מע ראַמט.

א קנויל כּוטאַריאַנעס
די סקלאַדן צעקנאַקט,
נאָך זיי פּאַלגן באָבעס
מיט זעק און מע פּאַקט.

ווערט דער קאַפּעלע
באַם וואַנט ניט באַקוועם:
אין מערדערשער ענגשאַפט
דערפילט זיך אין קלעם.

א פּלי טוט דער פידל,
מיט שטיקלעך פון האַנט,
עס עקט זיך דער פידלער
אין ענגשאַפט באַם וואַנט.

ווען עמעצנס ברויט
איז פון טאָרבע אַרויס,
שטרעקט קאָנטראַבאַס
צו דעם ברויט זיך אויס.

דאָס ברויט אָף דער ערד דאָרט
טוט אים דאָך באַנג, —
האָט מען פונהינטן
אין קאָפּ אים דערלאַנגט.

דעם קליינעם קלאַרנעטניק
געשפּילט האָט דאָס גליק:
ער האָט זיך אין שטרוי
הינטער וואָגן פאַרדריקט.

— געהערט?
— וואָס געהערט?
— געפּאַקט!
— וואָס געפּאַקט?
— דעם גאַנצן סאָוועט
פֿאַרנאַרט אין אַ זאַק.

דער קליינער קלאַרנעטניק
אין שטרוי איז פֿאַרוקט,
פֿון אונטער אַ וואָגן
ער הערט און ער קוקט.

— מ'האָט שימקען געשליידערט
פֿון הויכן באַלקאָן,
דאָס פֿאָלק כליבאַראָבעס
זײַן רעכט זאָל אים טאָן.

ניקאָלסקי האָט אַסין
בײַ קלויסטערשער וואַנט
אַנטבלויזט זי, פֿאַר אַלעם
אויף העפקער, אויף שאַנד.

— געפּאַקט, וואָס געפּאַקט!
אבי נאַר גערעדט!
קיין האָרעלע פֿעלט ניט
דעם גאַנצן סאָוועט.

זיי זײַנען נאָך נעכטן
באַנאַכט אַנטרינען.
— קלימענקאָ וועט פּאַקן!
קריין וועט געפֿינען!

* * *

עס רוקט זיך א כאַפּטע
פון בארג, מיט געברילעכץ,
עס רוקט זיך א כאַפּטע
און וואקסט ווי געשווילעכץ.

מיט רייטערס, מיט ליפּערס,
מיט גוואלדן פארשטאַפּטע —
פון בארג צו דעם ראַטהויז
זי רוקט זיך, די כאַפּטע.

אינמיטן א מענטש גייט,
א מענטש, א געשטאלט דאָרט,
זי רוקט זיך די כאַפּטע
צום ראַטהויז דעם אלטן.

אין צענטער פון כאַפּטע —
א רינג פון באנדיטן.
אין רינג יענער שפּאנט דאָרט —
ווער שפּאנט עס אינמיטן?

די אָרעמס געבונדן,
דאָס פּאָנעם צעבלוטיקט,
און דאָך סארא שטאָלצקייט,
ווי שטאָלץ און ווי מוטיק!

דער מארק האָט דערוווּסט זיך,
די שטאָט האָט דערציטערט.
די הינטערשטע גאסן
זיי ליפּן פארביטערט!

ס'האָט שימקען געפאנגען
די באנדע, די מענגע.
דאָס פירט מען דעם רויטן
צום ראָטהויז, אים הענגען.

געהייסן האָט קריינדל
דאָרט שטעלן א טליע,
קלימענקאָ געהייסן
דאָס שטריקל פארציען.

דאָס פאָלק באלעגופים
אכרייעס זאָל טראָגן:
זאָל שווערן באם טויטן
ביז לעצט זיך צו שלאָגן.

* * *

געבראכט אים צום ראָטהויז,
געשטעלט פאר די קראָמען. —
באקוקט ער די מאכנע,
וואָס ברילט פון נעקאָמע.

פון נייגער און בלוטזוכט,
מע שטעלט זיך אף וואָגנס,
מע שטעלט זיך אף פערדלעך,
אף דעכער פארטראָגט עס,

און איינס איבער צווייטן
די אקסל געצויגן.
סע קריכן פון בלוטדאָרשט,
פון נייגער די אויגן!

אַט שטייט די קאַמונע,
דאָס פּאָנעם צעבלוטיקט.
דאָך כוצפּעדיק קוקט ער,
און כוויזעקדיק, מוטיק!..

דער שטריק איז פאַרוואָרפן,
דער אורטייל איז פאַרטיק! —
און שימקע, זײַן קאָל
סע צעקלינגט אומדערוואַרטעט:

— אפילע איר הענגט מיך,
און צען מאָל מיך הענגען.
און מיך און מײַן גלײַכן
צום טויט וועט איר ברענגען, —
דער פּלאַן פון מיליאָנען
איז קלאָר און איז ריכטיק:
די אָרעמע מענטשן
זאָל גוט זײַן און ליכטיק!

און פּלוצעם פון ערגעץ
פון אונטער א וואָגן —
דעם קלײנעם קלאַרנעטניקל
ברענגט עס צו טראָגן.

גאָר לײַכט, ווי צום טאַנצן,
ער טוט זיך א הוידע,
א וויג זיך, פאַרבײג זיך
און פּלוצעם — א שוידער!

אזוי ווי אין שלאַכטן
פאַרהײבט זיך א שווערד, —
האָט ער פאַרהויבן
זײַן קלעזמערש געווער.

און האסטיק אין מויל זיך
געשטעקט דעם קלאַרנעט:
מיט װוּנדער־מעלאָדיע
די באַנדע ער פּלעט.

מיט װוּנדער־מעלאָדיע
די באַנדע ער דעקט, —
פאַרבײַט זיך דאָס פּאָנעם
דער באַנדעס אַף שרעק.

און דורכגעציטערט
װערט יעדערנס מויל:
— דער כיסט איז דאָ נאָװוּנט!..
סע דרייט אויס דער גרויל

די קעפּ די קולאַצקע
צום באַרג: טוט אַ קוק.
עס רייכערט די ערד
אונטער רײַטערשן צוג.

און זון אַף געשװינדיקע
שװערדן צעברענט. —
דער מאַרק שטעלט זיך דיבאָם
און קריכט אַף די װענט.

און װאָגנס אַף װאָגנס
זיך איבערגעקערט.
סע שרײַען די מענטשן,
סע כראָפּעט די ערד.

און שימען האָט גיך זיך
באַפרײַט פונעם שטריק.
און גיך יענע רײַטער
געפּאָרשט מיטן בליק. —

ס'איז כיסט? נו, אוואדע,
ס'איז כיסט! דאָס איז ער!
א רײַטערקע רײַט לעבן אים —
דאָס איז ווער?

ס'איז אסי! ווי'ן אײַלט זי?
דאָס אײַלט זי צו מיר?!
אָט איז זי, אָט שפרינגט זי
פון פערד. — אָן א שיר

געפילן באפאלן אים, —
גוטס אָן א שיר.
די הענט אירע האָבן
זײַן פּאָנעם באריִרט.

קאפיטל פיר און צוואנציק

## סאָף און אָנהייב

### 1

עס יאָגן די רויטע דעם כאשכעס אנטקעגן,
דורך שטעטלעך און דערפער, קרום-קײַלכיקע וועגן.
דער פראָנט איז א ברייטער א ברייטער-צעשפרייטער —
פון דאָרעם-זײַט שפּארט ער, פון מײַרעוו-זײַט גייט ער,
פון זיבן מעדינעס, פון דרײַצן מעלוכעס,
פון אלדי שווארץ-יאָר, ווי באפאנצערטע רוכעס, —
נאָך פלייש און נאָך בלוט און נאָך גיטער זיי גארן,
ווער קען זיי פארהאלטן, דעם וועג זיי פארשפּארן? —
ארויסגעגאן איז זיך צו שלאָגן מיט זיי
די יונגע און באָרוועסע רויטע ארמיי.

סע יאָגן די רויטע דעם כאשכעס אנטקעגן,
אויך שימען מיט זײַנע אין קאָך פון געשלעגן,
דורך שטעטלעך און דערפער און פעלדער־פארלאָזטע —
ער רײַט מיט זײַן טייל צו די רויטע פאַרפאָסטן.
ס'איז אָוונט, זײַן יוגנטלעך הארץ עפּעס נאָגט:
ער קלערט, וואָס געזען, געהערט פארן טאָג.

געזען הײַנט אומגעריכט ציפּרוסן הינקען,
דאָרט, צווישן אָבאָז, און זיך פּאָרען מיט קלימקעס.
פון ווען און פון ווו איז פארוווּנדעט, דער פלוידער,
האָט שימען געפּרוּווט צו דערגייען, — נאָר בוידעס! —
ער פּלאָנטערט און דרייט זיך, פארעדט זיך און שפּאָט:
— אײַ, ווי מ'האָט באגעגנט די ווײַסע אין שטאָט! —
צוערשט האָט ניקאָלסקי אין קלויסטער געקלונגען
מיט אלערליי גלעקער, דערנאָך האָט געלונגען
די מײַדמאנס צונויפשלעפן קוים־קוים מיט צאָרעס
צוויי כוילע טרובאטשעס ווי פון בייס־האקוואָרעס.
א קוואטש מיט א בוידעם, אף כויזעק יונגאטשעס, —
זיי האָבן דעם הייליקן הימען פארטאטשעט.
און דאָ טוט זיך ציפּרוס א כאפּ: — נו, אן עק!
און הינקט מיט געלעכטער צום וואָגן אוועק.

און שימען איז ווײַטער פארזונקען אין זײַנס:
מ'האָט אסיך באשטימט אין א פערמע צו זײַן.
אין איינעם א קו־שטאל באם מעלקן די קי.
די קרוגן, די פלעשער צעפירן גאנצפרי.
די שטאָט איז א פרעמדע, די שטאל איז א ווײַטע,
א דינסט־„מיידל" איז זי, און „דינט דאָ בא לײַטן".
די „ווירטן" איז ראָני, דער פעטער — דער „ווירט",
און זי איז „די מויד, וואָס די סכוירע צעפירט".
זי פירט און צעטיילט, ווו א פלאש, ווו א קרוג, —
ווײַל אויבן א שטאל איז, און אונטן א דרוק.

ווײַל איר איז פאַרטרויט און פאַרלאָזן מע קען זיך, —
פון לײַדן פאַרהאַרטעוועט איז זי — כאָטש ברען זי.

דערנאָכדעם אין שירקען דערמאָנט האָט זיך שימען,
געזען זי אין לעדערנעם פאַרטעך, באַגיינען,
מיט האַמער און צוואַנג און מיט אײַזן צעגליטן.
סע קלינגט די קאָוואַדלע און פונקען זיך שיטן,
זי קאָוועט דאָס פערד. און סע פאָלגט זי דאָס אײַזן,
און טראָפּעלעך שווייס אפן פּאָנעם זיך ווײַזן.

נאָר שווערער פון אַלץ איז די מײַסע קלימענקאָ,
דער מויעך באַנעמט ניט און וויל עס ניט שענקען!
ס'איז קריין פון קלימענקאָן אוועק, זיך צעגאַנגען,
אוועק צו פאַרפּאַסן זײַן בריוו צום דערלאַנגען
דער וועלט, זי זאָל הערן ווי שרעקלעך ער קלאַפּט זיך
אַלכּעט אַף די זינד, ווי צום טשוווע טאָן כאַפּט זיך. —
א דײַגע! — זײַן פרײַנט האָט אָן אים זיך באַדרייט!
ער האָט מיט זײַן באַנדע געראַדעוועט ברייט,
באַזונדערס אין שטעטלעך אָן זעלבשוצן, הוילע,
אָ־דאָרט האָט קלימענקאָ געברענט און געקוילעט,
געשלעפּט פון די קעלערס, פון העקדעש די זקיינים,
דאָס קינד בא דער ברוסט מיט דער מוטער איניינעם.
אפילע דאָס בלוט ניט געלאָזט צו פאַרוואַשן,
ניט ברענגען צו קווורע די טויטע נעפאַשעס,
פון שטעטל צו שטעטל מיט שפּיז און מיט האַק,
און אָט, נאָכמען־יאַנטעוון האָט ער געפּאַקט,
געפּאַקט מיטן אייניק בא אים אַף די אָרעם,
דאָס צוויי־יאָריק קינד מיט די אויגענעס קלאָרע.

ווי ס'האָט נאָכמען־יאַנטעוו מעשוגע־געוויינט —
דאָס קינד זאָל מען לאָזן, אים לאָזן אין דר'היים!
נאָר ניין. ס'האָט געהייסן קלימענקאָ דעם ריידן

דאָס קינד אויף דער פּלייצע באַזעצן און ביידן
מיט שטריק איינס צום צווייטן, וואָס פעסטער פאַרדרייען.
דאָס קינד און דער זיידע יעלאָלען אין ווייען.
אַזוי צו דער אונטערשטאָט האָט מען געבראַכט זיי
צום ברונעם, און דאָרט האָט קלימענקאָ באַטראַכט זיי.
די קנופּן געפּרוּווט און אין ברונעם געוואָרפן,
מיט שטיינער באַשטיינט, ביז קיין שאָרך ניט פון דאָרטן.

און ווען אין דעם קאַנט איז דעניקין געקומען,
מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, מיט אָפּגאַבן פרומע
די מענטשהייט באַשיצן, דעם קריסט און דעם ייד, —
און מ׳האָט זיך דערוווּסט, אַז קלימענקאָ באַנדיט
געכאַפּט און געשאָסן איז — האָט מען אין לויבן
דעם טאַנע דעניקין אויף דרוקעס געהויבן:
„ער נעמט זיך דאָך אָן אונדזער קריוודע, איי, גוט!
ער צאָלט פאַר די שכיטעס, פאַר אומשולדיק בלוט...״
און ווען מ׳האָט דערפרעגט זיך, ווי׳זוי ס׳האָט געטראָפן,
געגנוי, ווי דער איניען-קלימענקאָ פאַרלאָפן,
דאַן האָט מען דערוווּסט זיך, — מע האָט אים דערשאָסן,
נאָר ניט פאַרן יידישן בלוט, וואָס פאַרגאָסן —
נאָר גאָר פאַר באַגאַנווענען דעם גענעראַל.
אַרויסגעפירט האָט ער אַ פערד פון זיין שטאַל...

דערנאָך האָט אויף בערגלעך געראַנעכערט דער טוי,
די איבערגעפּריעטע מיסטן און שטרוי,
פון דאָרט צו דער שטאָט זיינען רייכעס געגאַנגען.
אין מאַרק אויף די דראָטן אַ מענטש איז געהאַנגען.
באַטאָג האָבן גויסעסע יידן געהאַנדלט
מיט פינצטערן ברויט, מיט אַ קנויט, מיט אַ טראַנטע.
אַ פּאָפּ אויף אַ שקאַפּע איז רייטן געקומען
מיט ציילעם און ביקס, זיך צום „ראַבין״ גענומען:
פון „ווילדער דיוויזיע״ קומט ער אין שליכעס:
— אין שטאָט אַריין וויל זי, זי רייסט זיך מיט רוכעס,

אַן אויסקויף זי מאָנט: פּופּציק פוטערס פון פייען
און גאָלדענע זייגערס מיט קייטן צוויי מייעס.
דערפאַר וועט זי פעלן די שטאָט. עלע ניט...
סע האָט פאַרן ציילעם דער „ראַבין״ געקניט.
אין שרעק בלאָנקען ייִדן, אין אוילעם־האַטויע
מיט באָצרעס, וואָס פלאַקערן אָפּ ווי די שטרוי:
— סע גייט פון אַמעריקע, — לאָזט מען זיך טרייסטן, —
א ייִדישער כאַיִל פון שלעגערס די הייסטע.
זיי קומען, די ייִדן, באַשיצן פון באַנדעס,
דאָס כּיִעס פאַרהיטן, דעם ייִדישן האַנדל.
פון טאָג אף טאָג שווימט מען, פון שאָ אף שאָ קומט מען...
מע קוקט אויס די אויגן פון ווייטיק פאַרקרימטע.

און עמעס, פאַרנאַכט איז אין שטעטל געשען:
געקומען אין שטעטל דרײַ צענדליק אַרמייער,
א קרעפּטיקע גרופּע דאָנבאַסער שאַכטיאָרן.
און אָפּגעטאָן האָט זיך פון מענטשן דער צאָרן.
און אָנגעכאַפּט מ׳האָט זיך אין רויטער אַרמיי, —
זי זאָל נאָך כאָלילע ניט אָפּגיין פון זיי...

2

סע רײַטן די רויטע דעם כאַשכעס אַנטקעגן.
שוין עטלעכע טעג, אַז סע קלײַבט זיך אף רעגן:
סע גייט א געשלעג צווישן וואָלקן מיט ווינטן, —
דערווײַל ווערן קעפּ בא די ביימער צעשוינדן,
און בלעטערווײַז פאַלן די קרוינען אף דר׳ערד,
סע קלאַפּן זיי צו מיט די טלאָען די פערד.

סע אײַלן די רויטע, די גרופּע פון דאָרעם
אף לענינס באַפעל, — זײַנען פליגל די אָרעמס.
מע גייט פון צאַריצין, באַקרוינט מיט ניצכוינעס.
מע אײַלט אוקראַיִנע באַפרײַען פון סוינע,

די גרופּע געפֿירט פֿונעם קנופּ באָלשעוויקעס,
בעראָש וואָראָשילאָוו. אין הייסע האַריגעס
כּאַווייריםגעפֿאַלן, — און קוים זיי באַערדיקט,
ניט אָפּגעווישט נאָך יענעמס בלוט פֿון די שווערדן,
דעם שווייס פֿון די שטערנס, — איז ווידער באַנײַעס, —
אָן שלאָף און אָן אָפּרו — שוין ווידער אין פֿײַער.

מע רײַט און מע רעדט ניט, די צוימען נאָר קלינגען
אין ציינער. סע טופּעט. — און אַלץ ווערט פֿאַרזונקען
אין שרײַ פֿון די ביימער, וואָס ראַנגלען זיך שווער,
ווי העלדן, וואָס וועלן ניט אָפּטרעטן מער, —
ביז לעצט מיט די דונערס און ווינטן זיך שלאָגן.
און פּלוצעם פֿליט כּיסט, ווי פֿון שטורעם געטראָגן.
— אין קייט! — און סע רײַסן זיך שטיקער פֿון דר'ערד
און טעמפּן געוויש פֿון כּאַיאַלעס מע הערט!

א וואָרף טוט מיט כּיסטן, דער קערפּער פֿאַרלירט
די ליניע פֿון ערד, האָריזאָנט, און דערשפּירט
נאָר איינעם א פּונקט צווישן האַרץ און דעם אַקסל.
דאָרט נעצט, און דאָס נאַסקײַט איז שווער און צעוואַקסט זיך.
א קלאַפּ נאָר? א קלעם? — צי אינגאַנצן צעטראָטן?
ער פֿירט מיטן שלאַכט אָן. און קיינער דערזעט ניט,
ווי צוגעקוועטשט האָט ער צום גראָבן די פּלייצע,
דאָס בלוט צו פֿאַרהאַלטן, דאָס נאָגט און סע פּלייצט זיך,
סע קראַמפּט אינעם האַלדז, סע דערוואָרגט אים א פֿײַער.
א שרײַ טאָן ער דאַרף, אַזאַ שרײַ וועט באַפֿרײַען. —
ער שווײַגט און נאָר צוגעקוועטשט שטאַרקער די וווּנד,
ער פֿירט מיטן שלאַכט אָן — סע ציטערט דער גרונט.
— דאָס בלוט גייט אַוועק פֿון דיר, כּאַווער, האַלטסט שמאָל. —
ס'האָט עמעץ געזאָגט? צי אַליין אַפֿן קאָל?
דאָס אייביקע נאָכקוקן זיך! — סאַראַ רייען,
וואָס קריכן פֿון גריבער? דער פֿײַנט טוט פֿאַרגייען

פון זײַט אונדז! און קײנער פון אונדזערע זעט ניט? —
און כיסט װיל א שרײַ טאָן און קען ניט, סע גײט ניט..
די רעשטלעך פון קױכעס ער שלעפּט, ער פארהאלט,
און טוט א פּאָר שפּאַן, װי אין לופטן, און פאלט...

ס'האָט עמעץ דערזען. א געשריי. און ס'איז שימען
לעם אים. „די קאָמאנדע נעם" — זיפצט ער, א סימען
צו געבן באװײַזט זײַן פארכאלעשטע האנט.
דערציטערט װערט שימען און בלאס װי די װאנט,
װי ס'װאָלט אים דאָס כ:עס אנטרונען. מיט אױגן
פול אײמע, — פאר כיסטן זיך איבערגעבױגן.
— אים נעמען און פונקט װי דאָס אױג זאָלט איר היטן.
און שימקע א היכץ האָט געטאָן: — זיך צעשניטן!
נאָך מיר, הײ! — און אלץ איז א װיכער געװאָרן.
ס'האָט קײנמאָל נעקאָמע אזױ ניט געצאָרנט.
ס'האָט קײנמאָל דער װײטיק אזױ ניט געקרעכצט,
אזױ ניט געלאָזט זיך אין קריג קעגן שלעכטס,
ס'האָט קײנמאָל דער האס אזױ טיף ניט באַרירט, —
דעם העלד אומגעניטן, — אין אומגליק געפירט...

דער פײַנט איז א סאך, און אנטקעגן ער שפּאנט,
װײַל אונטן אים שפּארן א װאנט נאָך א װאנט.
דער טאָל און דער װאלד און די גריבער, — זײ שפּײַען
מיט כאַ:ל, מיט כאַ:ל, מיט פּאנצער-קלײזײַען.
סע זעט נאָך ניט שימען, סע זעען ניט זײַ:ע
אין װאָס פאר א שלײפן זײ קריכן ארײַנעט.
און װען שױן דערזעען — ארום און ארום,
און װען מיט כאװײרים זיך אָנגעקוקט שטום,
האָט שימקע דערפילט אזא עלנט, — ביז ל'עצט —
א רעגע... ער טוט זיך אין זאָטל א זעץ,
גלײַך כיסטן דערזעען, זײַן דאָזײַן דערפילט,
א ריס, און נאָך זיך די כאװײרים. מע ברילט.

* * *

און ווען נאָך דאָס גאַנצע געפּאַר ניט אַדורך,
ווען ס'האָט איבער קעפּ נאָך געפּײַפֿט און געשוירכט,
און קוילן פֿון טויט אַרום פֿיס פֿון די פֿערד, —
האָט שימען אַ שווידערלעך שרײַען דערהערט:
אַזוי ווי מע שינדט און מע שעכט און מע שנײַדט
אַ לעבעדיק לײַב, — סע פֿאַרגייט זיך און שרײַט.
אַ ווײַל... און פֿאַרכידעשט דערגייט ער דעם זין:
דאָס שרײַט אים אַליין אינעם האַרצן, אין אים, —
דערמאָנט זיך אין כיסטן — דערפֿאַר האָט פֿאַרקלעמט:
— ער בלײַבט אַפֿן פֿעלד, וואָס דער סוינע פֿאַרנעמט!
זיי וועלן זײַן קערפּער געפֿינען און שענדן.
סע נאָגט אַזאַ פּוסטקײַט, אַן סאָף און אַן ענדע...

און אַט טוט אַ בלענד אים: — ער וועט אױף דער גיך
אַ קער טאָן אַהין און אים נעמען מיט זיך,
דעם פֿרײַנט-קאָמאַנדיר צו די אייגענע ברענגען!
וואָס רעדסטו? דעם שלאַכט פֿיר! — און ווידער ווערט ענג אים,
אַרויסשפּרינגען רײַסט זיך פֿון אייגענער הויט, —
ער טראָגט זיך צעטומלט אין רינג פֿונעם טויט.

געיאָגט פֿונעם פֿײַנט, כאַפּן גיך סאַניטאַרן
די טויטע באַהאַלטן. מיט ערד זיי פֿאַרשאַרן
פֿון פֿײַנט, וועלכער שעמט זיך ניט טויטע צו שענדן
און אויסטאָן פֿון טויטן דאָס בלוטיקע העמדל, —
ביפּראַט, אַז סע האָט זיי געטראָפֿן דאָס גליק:
דעם כיסטן באַקומען, דעם „הויפּט-באָלשעוויק"...

3

און כיסט, ווערט דערציילט, האָט דעם טויט דאַן געמיטן.
ער איז אין כאַלאָשעס-טעהוימען געריטן,

אין אָנהייב געריטן אין וואָלקנס אין ווײַסע,
ווו רײַטער די רויטע אין וואָלקן זיך רײַסן.
דערנאָך איז דאָס רײַטן געוואָרן אַלץ שווערער,
און וואָלקנס אַלץ גרויער און בורע ווי בערן,
אין אים אַלץ זיי כאַפּן זיך אָן און זיי פּענטען
די אַקסל, דאָס פערד און דעם קאָפּ און די הענט אים.
אָט ווערן די וואָלקנס ווי זומפּן-בערג שווארצע,
און ווארפן פון פערד אים, — און הויל ווערט אין הארצן,
געוועזן. און ניטאָ. ווי א שטריך גאָר א דינער,
ווי שמעטערלס פליגעלעך הויכט נאָך דער זינען.

ער הויכט נאָך, דער זינען, סע סילען זיך קרעפטן,
א טוי גייט אנטקעגן א טוי זיך באהעפטן.
אין מארכן, אין בלוטן, אין קעמערלעך ריזלט, —
אינייינעם מע אײַלט צו דער וווּנד, ווו סע שפּיזלט.
סע לויפן צונויף זיך די טויעלעך-קרעפטן —
צום פונקט פונעם אומגליק, — דעם זינען דאָרט טרעפט מען,
ער איז נאָך צעמישט און ער האלט זיך דאָרט קוים,
דער זינען, ער קוקט אינעם ווייטיק-טעהוים.
ער האלט זיך באם ראנד און ער שטארקט זיך און שטארקט,
און אָט לויפט דער זינען צום אָרט, ווו סע ווארגט,
צום קאָפּ, צו די הענט, צו די פיס און ער טאפּט זיי,
וואָס ווארגט עס, וואָס ווארגט עס, א בארג? און ער כאפּט זיך
ערשט דעמלט, ווען נאָוונט א רעדן דערהערט:
„זיי האָבן די טויטע באגראָבן אין דר׳ערד".

— ס׳איז איך בין דער טויטער? באגראָבן? איך לעבן!..
אָט וועל איך פון קייווער זיך געבן א הייב.
וואָס אי׳דאָס?.. דער זינען צעגייט אינעם רוים...
און ווידער פאַלט כיסט פונעם פערד אין טעהוים.
דאָס נײַע כאַלאָשעס האָט לאנג ניט געדויערט,
דערוואכט מיטאמאָל, און אַלץ קלערער, אַלץ בלויער
געוואָרן אין קאָפּ, אונטער ערד אונטער שווערער.

און רויִק באמיט זיך די לאגע באַקלערן:
— ווײַזט אויס, ס'איז דער פּלאַסט פון דער ערד ניט קיין גרויסער,
מע הערט, ווי מע רעדט דאָרט פון אויבן, אין דרויסן.
אָט שפּאַנט מען פאַרבײַ, און א זידלוואָרט הערט ער, —
אין דר'ערד אַרײַנקומען אַן זאַלץ אָט די ווערטער.
און עפּשער דערווײַזט עס, ווי טיף בין פאַרשיט:
און ווי זיך ניט בעריען — אַרויס וועל איך ניט...

און פּלוצעם דערפילט ער, סע רירט זיך דערנעבן:
ווײַזט אויס, בין ניט איינער, נאָך אַנדערע לעבן.
— ליגט רויִק, אפריִער — וואָס איז פאַר פאַרשווינען,
וואָס שפּאַנען דאָרט אויבן? און טאָמער דער סוינע?
ער הערט און דערקענט, דאַכט זיך, היימישע שטימען:
אָט רײַט מען פאַרבײַ, קלינגען שפּאָרן און רימענס,
און שימקעס קאָל, דאַכט זיך, האָט נאַרוואָס געענטפערט.
מע זוכט אונדז, אָט שטעלן זיך אָפּ דאָ די קעמפער,
מע שטעלט זיך ניט אָפּ, — ווײַל דאָס אָרט ניט דערקענט,
די ערד איז צעגראָבן און איבערגעברענט, —
פאַרבײַ אַלץ, פאַרבײַ אַלץ מיט שטיוול מע פּראָשעט
און קיינער פאַרהאַלט זיך באַם קייווער ניט. פּאָשעט,
דעם שלאַכט ניט פאַרענדיקט, — און דאָ שוין — סע טאָגט, —
איז ווײַטער דעם פײַנט מע פאַרפאָלגט און מע יאָגט.
איז יאָגט אים, כאַוויירים, דערשלאָגט אים, דעם שפּין,
און איך וועל דאָ פּרוּוון אַליין עפּעס טון.

און אָנגעשטרענגט, אײַנגעשפּאַרט ווייליק — ער מוז! —
זי רירט זיך, די ערד! — און אַרויס מיט א פוס,
פאַרבײַ זײַנען דורכגעגאַנגען פאַרשווינען,
דערזעען, — זיך איבערגעציילעמט אין שטוינען,
און צוגעגאַן שאַצן פון שטיוול די ווערט, —
אין ריכטונג פון שטיוול — צעגראָבן די ערד, —
— ער לעבט, באַגאָמאַטער! דערשטעכט אים, ער לעבט,
פאַרענדיקט. פון טויטן די שטיוול מע שלעפּט.

* * *

„איז דאָס, — טראַכט זיך שימען, — מײַן לעצט-לעצטער
שלאַכט?
דערנאָך, ווײַזט אויס, קומט מען אין אייביקער נאַכט,
און ניט צו די אייגענע, ראַשיקע פראָנטן.
מיר האָבן אין טיל פֿונעם פֿײַנט זיך פֿאַרפּלאָנטערט.
פֿון שלאַכטן צו שלאַכטן געהאַלטן זיך. אויס".
צום פֿונקט יאָגט ער צו, — איז אַרײַן און אַרויס,
דער האַנט דער צעקלאַפּטער אַ בינט אָנגעטאָן,
ער אײַלט, און סע נאָגט אים, דאָס פֿערד קוקט אים אָן, —
קוקט בייז דער סיבירער פֿאַרביסענער מוציק:
— דו, לעמעשקע, גיכער, דו זעסט, וואָס דאָרט טוט זיך...

ער לאָזט דאָ דאָס פֿערדל, — אַ קוק טאָן ער שפּאַנט,
אין בינטן אין ווײַסע געוויקלט אַ האַנט,
זי האָט אים, די שוועסטער, פֿאַרצויגן צו שוואַך,
אים נאָגט אַזוי העסלעך, „הוראַ!" און „הוראַ!"
פֿון יענער זײַט באַלקע — אַ וויכער דאָרט רײַסט זיך,
ווער וואַרפֿט זיך אַף שטיקעס? ס'איז מיר צי די ווײַסע?

נאָך אײדער ער קערט זיך צו נעמען זײַן פֿערד, —
דערזעט ער דעם אומגליק: — סע לויפֿן אַהער
פֿון פֿונקט פֿון אַטאַקע אַרמייער, געיאָגט
פֿון שטאַרקערן סוינע. אַ כמאַרע זיך טראָגט.
פֿילצאָליקער סוינע איז פֿריש און איז זאַט,
און ווייסט, אַז די רויטע — פֿאַרהונגערט און מאַט,
און ערשט פֿון געשלעגן, מע כאַלעשט אַ שלאָף, —
איז קען מען זיי איצטער צעקוילען ווי שאָף.

ווי שימען דערזעט עס, — אַ שרײַ געטאָן האָט ער:
— וווהין, רויטע קריגער?! — איז באַלד מ'איז פֿאַרזאָטן
געבליבן, פֿון אויסזען פֿון שימענס, געריירט.

ארויסגעכאַפּט האָט ער זײַן שווערד און „נאָך מיר!“
דאָס אויסזעען שימענס, די האַנט אין די בינטן,
די שווערד אין דער צווייטער, צו פוס, האָט צעצונדן
די כעוורע, — און אַלע נאָך אים אַף צוריק,
מיט אומגעריכט פײַער סע רודערט דער שטיק,
א ציטער געטאָן האָט דער סוינע דער זאַטער,
א קאַשע געוואָרן פון פערד און סאָלדאַטן,
סע בראַקט און סע ברעכט זיי די רויטע אַרמיי
פון רעכטן פלאַנג שימקע, פון לינקן — מיכיי.

4

און שפּעט אין דער נאַכט צו דער שטאָט מ׳איז געקומען —
מיט פרייַלעכע בסורעס אַרום זי גענומען.
איצט ליגן די רויטע אַרמייער פאַרפלאָכטן.
נאָך לעצטן געשלעג און פאַרלאַנגטן ניצאָכן.
אין דרויסן אַף טאָרבעס, אַף וואָס ס׳האָט געמאַכט זיך,
אין שלאָף אינעם יונגן פאַרזונקען, פאַרהאַקט זיך.

און שימען געבראַכט האָט זײַן טייל אַהער שלאָפן.
באַנאַכט, צווישן אַנדערע, וווּ מ׳האָט געטראָפן,
איז דאָרט האָבן קני זיך צום לייגן פאַרבויגן,
אין די מינוט האָבן געשלאָסן זיך אויגן.
האָט שימען א וואַלגער געטאָן זיך, א וואָרף —
און טייקעף ווי אַלע פאַרזונקען אין שלאָף.
מע שלאָפט, און דאָס שטיבל — דער שטאַב, איבער זיי —
ער וואַכט. אַפן גאַנעק, באַם טיש, זיצן צוויי:
רעב אַריע דער סטאָליער — דער קליינטשקער זאָקן, —
מיט פרויעמען טוט ער אין דאַמקעס זיך שלאָגן.

מע זיצט אַפן גאַנעקל איינס קעגן צווייטן,
דער אייניק באַדראָט מיט די שטיינער דעם זיידן.
סע ווערט זיך דער זיידע צעטומלט און קרימט זיך.
און שלאָגט ער צוריק — איז א ניגנדל ברומט ער,

און וואָרטלט זיך גליקלעך; דעם אייניק געשעדיקט!
נאָר קריגט ער א קלאַפּ — ווערט ער בייז און באַליידיקט.

און פּרויעם, ער ווייסט, ס'איז געקומען דער זיידע
צוליב עפּעס אַנדערש, מע שווייַגט אָבער ביידע,
מע שפּילט, מע באַמיט זיך פּאָזיציעס פאַרכאַפּן,
און איינער דעם צווייטן א פּאַק טאָן, צעקלאַפּן.

נאָר אָט זעט שוין פּרויעם, דער זיידע ווערט מיד,
און אָט בא דער באָרד נעמט זיך אָנעט און ציט:

— וואָס שייַער... איך מעג שוין אהיים גיין אַפּאָנעם...
זיי האָבן גערעדט אין די רעדלעך „גאַזלאָנים"...
„גאַזלאָנים!" — סע קאָכט מיך, סע ציט מיר די קלייען.
און כ'האָב דיך געזוכט אויף דעם עמעס דערגייען.
נו, וואָס? געווען שוין, געזען, גענוג, ס'וועט קלעקן.
א קאָרבע איז קרום, נאָר איז גלייַך אין די עקן.

די אָרעמע האָבן די רייַכע באַנומען —
באַקליידן די נאַקעטע, — מאַלבושים-ארומים...
ווי ס'שטייט אין די ספֿאָרים — אזוי טוט מען טוען:
די רייַכע — מילכאָמע, דעם פּאָלק — א יעשועַ.
א דאַך אפן קאָפּ, נו, און לעכעם לעעכל.
די וועלט איז ניט העפקער! ס'איז אַלץ מיט א סייכל...
אַפּריער באַוואָרענען אַלץ מיטן לעבן.
דערנאָכדעם דעם טויטן אין פּאַטילעצע געבן!..
נאָר וואָס דאַרפֿט איר פֿויקן: „קיין גאָט איז ניטאָ!"
אייל קאַנע וועגויקעם! און אויב ער איז דאָ?!
ניט דאָס בין איך אויסן... וואָס שייַער צו זאָגן...
דעם איקער פֿון איקרים איר ווילט זיך דערשלאָגן:
די אומעס באַפרייַען פֿון יאָך און פֿון מוירעס
און גרינדן דעם עמעס אד סאָף קאָל האַדוירעס.

און אויסגלײַכן ייִדן מיט אַנדערע מענטשן.
נו, קען דען נאָך בעסערס זײַן? — גאָט זאָל אײַך בענטשן...

איצט, פֿרויעם, און מײַנע? די קינדערלעך מײן איך.
צעזייט און צעשפּרייט, מײַנע טעכטערלעך שיינע,
אין יעדער עקוועלט, שיווע יאַמען — פֿאַרטראָגן.
איז וויל איך, זאָלסט שרײַבן: גענוג זיי צו וואָגלען
און בענקען! מע האָט זיך צעצאָלט מיט די שינדער
פֿאַר אַלע, פֿאַר מיר און פֿאַר זיי, מײַנע קינדער.
מיר האָבן גענוג אונדזער היים אויסגעוויטיקט. —
א היים קערט זיך אום, גוטע מענטשן איז נייטיק.

דו שרײַב זיי, אַז לענין וויל אַריע דעם סטאָליערס
נאַראָד זאָלן האָבן א י ן ד ר'ה י י ם זייער דאָליע,
נו, שרײַב זיי, אַהיים הייס איך קומען, מײַן איידע.
— איך מיין... אַז מע דאַרף עס דאָך זוכע זײַן, זיידע... —
זאָגט פֿרויעם אים שטיל, אין די אויגן אים קוקט ער.
שווײַגט אַריע... די הענט אין די אַרבל פֿאַרוקט ער.

* * *

פֿאַרטאָג איז דער שלאָף אַף דער קילקײַט אַמשטאַרקסטן,
פֿון קילקײַט פֿאַרקוועטשט מען די קני און די אַקסל,
פֿאַרהאַלט זיך דער מענטש אין דער אייגענער וואַרעם,
און אויב זיך געלאָזט מיטן כאָלעם געאַרעם, —
איז נאָר אין שפּאַציר-גאַנג אַף גרינע מערכאָקים,
וווּ אופגאַנג אין טוי און אין נעפּלען זיך וואַקלט.
וווּ אופשריפטן פּלאַטערן איבערן קאָפּ,
און ס'לייענען זיי גאַרנדיק-דאָרשטיק אַראָפּ
די אָרעמע מענגעס און זעען דאָרט וווּנדער
פֿאַר אַלעמען זיי און פֿאַר יעדן באַזונדער.

אָט נאָר אַלע רעשטלעך פֿון סוינע באַשטאַטן,
פֿאַרקאַטשען די אַרבל און צו די וואַרשטאַטן,

צום פײַער, צום אקער זיך טאָן אזא נעם!
פון הײַנטיקן טאָג איז אין אונדז דאָך געווענדט!
באַזעצן די ערד מיט די טײַערסטע קערנער.
און וועמען סע ציט צו מוזיק — וועלן לערנען,
צום שטאנג דער גימנאסט, צום באסיין גייט דער שווימער.
און פויערים גייען דערלערנען מאשינעס,
און עפשער פון פליִען אונדז גיט זיך די קונסט, —
ווײַל וועמען נאָך פאסט אזוי פליגל, ווי אונדז?!
ווי וואניע צעזינגט זיך, — הערט שימען אין שלאָף —
די פרײַקײַט אָן סאָף און דער הימל אָן סאָף.

אויך שימקען איז קאלט, אף זײַן קרעפטיקער פלייצע
צעלייגט זי, די קילקײַט, פריפראָסטיקע קרייצן.
פון אָרט ניט גערירט זיך, דערוואכט ער אין גליוער,
ער עפנט די אויגן, פארמאכט זיי, זײַן קיווער,
וואָס ליגט אים אנטקעגן, פארכאפט ער אין זינען.
אין הארץ טוט א טיאָך. דער געדאנק האָט געפונען
א פלאָנטער א גאנצן פון ווײ און דערמאָנונג:
ער זעט פאר זיך כיסטן, זײַן קנאָכעדיק פּאָנעם
באם אויסמאָלן לעגינען אין דער פארשיקונג, —
די אויגן באם שטילן דערציילן זיך קוויקן,
דערנאָך זעט ער כיסטן אף יענעם קאָנצערט,
וואָס שימען האָט איינמאָל אין לעבן געהערט.
ס'איז כיסט מיט דעם טייל מיט דעם גאנצן געקומען,
און ווי אָט דער מענטש האָט זיך דעמלט באנומען,
ווי ער האָט געהערט און ווי ער איז געזעסן. —
דאָס קען מען ניט קיינמאָל אין לעבן פארגעסן.
אין לעבן אין שימענס, — דער ערשטער קאָנצערט,
מיט כיסטן די נײַנטע סימפאָניע געהערט.

אין שימען נעמט דרימלען, די זון אף די וויִעס —
א פאָרשטעלונג ווײַזט זיך און דרינגט אין זײַן כּיִעס:

ער זעט זיך מיט אסין אין יאם, אינעם שווים, —
און אָט — און א יאם-סטאדיאָן ליגט פאר אים!
פיל שיפלעך, פיל שיפן פון אלערליי פארבן,
פון אלערליי פאָרמען און הערבן און פלאגן
פיל זעגלען און גליסערס און יאכטעס געצירטע,
און אויסטערליש-מאָדנע, פון יוגנט געפירטע.
אין אָרד'נונג צעשטעלטע — א זייט בא א זייט,
און ווער סע באגערט ניט — דער בלייבט פון דער ווייט.

דאָס זיינען מישפּאָכעס, און כעוורעס, און היימען,
און איינציקע פאָרלעך, און גאנצע פארייגען
אף העסע-בעט-שטולן האלב-זיצן, האלב-ליגן,
געקומענע צום לופט-מאטש, צום שפּיל-פארגעניגן.
אים דאכט זיך, ער קען זיי, די צענדליקער טויזנט
באם נאָמען, ווי גלייך ער מיט זיי פון איין הויז איז,
און יעדנס כאראקטער, פארשיידנקייט, כיין, —
איז ליב אים און נאָוונט און זען זיי איז שיין.

און אָט: און א מיידל א פאָך טוט מיט פליגל
און שוואלביק פליט אוף און צעלויכט זיך ווי שפּיגל.
צוויי צייכן-לאמטערנס אין בלויקייט צעהענגט זי,
א גרינעם און ווייט פון אים איינעם מיט שפּרענקלעך,
קוים-קוים וואָס זיי וויגן אראָפּ און ארוף זיך.
דאָס מיידל פליט אָפּ, און א שול-קינד הייבט אוף זיך,
סע קרייזט אינעם רוים און סע שטעלט זיך אין קאָן,
און פייפט מיט א פייפל: — דער מאטש הייבט זיך אָן!

דאָ טוען צוויי דריילינגס א פאָך צו די הייכן,
דריי קרייזן מע קרייזט און מע בלייבט בא די צייכנס:
בא איינעם דאָס דריילינג מיט פליגל אין קווייטן,
דאָס דריילינג מיט פליגל ווי זילבער — באם צווייטן.

און דאָ ווארפט דאָס שול-קינד א באָל זיי אינמיטן,
א גרויסער און מילכיקער צווישן זיי פליט ער. —

איין דרייַלינג גרייַפט אָן און דער צווייטער שלאָגט אָפּ.
און וווּנדערלעך איז דער אַרויף און אַראָפּ
פון מענטשן די זעקס אין דעם העל-בלויען רוים,
ווי'ן שפּילער און באַל פונעם אויג סע פאַרשווינדט,
און ווידער אַרויס פונעם הימלס-טעהוים,
ווען ס'טוט נאָר אַ פּייַף זייער ריכטער — דאָס קינד.

און שימען לעבט איבער מיט אַלע די פרייד
און אַסין אין אויער ער רוימט שטילערהייט.

און שימען דערוואַכט באַלד, ער רירט זיך פון אָרט ניט.
ער קוקט נאָר... ער זעט, ווי באַם גאַנעק, אָן דאָרטן
געזעגנט זיך האַרציק אַ יונג מיט אַ זיידן,
מע נעמט זיך אַרום און סע שווער זיך צעשיידן.
דער וווּקסיקער רויטער אַרמייער באַלייט אים,
דעם קליינינקן זאַקן, צום וועג צו דעם ברייטן.
און שימען באַלייט מיטן בליק זיי און שמייכלט
אין האַרצן: צום גוטן, צום גוטן ס'אַ צייכן.
„געקומען מיט קלאַלעס — מיט בראָכעס ער גייט". —
און שימען אין טייַנעג דעם סטאַליער באַלייט.

און אומגעריכט שטעלט זיך דאָס אויג אָפּ, פאַרבלענדט:
מיכיי אויף די קני שטייט פאַרטיפט, און די הענט
די בערישע, פעסטע, זיך טרייסלען באַם גיבער:
דאָס קינד אין די וויקעלעך וויקלט ער איבער.
די מאַמע שלאָפט, צוגעדעקט מיט זייַן שינעל; —
און שימען צעלאַכט זיך אין זיך, — אים געפעלט
דער אויסזען מיכייס, זייַנע ליפּן צום פּייַפן.
דאָס פּרוּוון די וויקלען, עס זאָל ניט צו שטייַף זייַן,
ווי קומט אַזאַ פאָנעם צו אים גאָר פון וווּ?!
ווי ס'ברעקל ער נעמט, ווי צום האַרץ לייגט עס צו?
ווי גלייַך ער וואָלט זויגן געגעבן דעם קינד. —
די לופט, דאַכט זיך שימקען, ווערט מילכיק און לינד.

און ווידער די אויגן צו, זעט ער זיך ווידער
מיט אסין, מיט קינדער, אין יאם, אין געשפליטער
פון זון אף די כוואליעס. מ'איז ווײַט אין די צײַטן,
שוין לאנג נאָך מילכאָמעס און אוולעס. זיי רײַזן
אין שיף אונטער וואסער, — די קינדער צוליב, —
ער קוקט אפן יאם, וואָס איז שטורמיש און טריב.

— וואָס ווייסטו, יאם, פון מעכטיקע געפילן?
דעם ווינט דו פאָלגסט און פירסט נאָר אויס זײַן ווילן, —
דײַן רויע קראפט אין הארטן ברעג דו שטויסט,
דאָס מענטשלעכע הארץ קיין קאפ דו דריקסט נ͏יט אויס.

צי צאָרנסטו אזוי, ווײַל דאָרט, אין דײַנע גרונטן,
פארשלונגען ווערט דער שוואכערער פון ג'זונטן,
פון דער אקולעס פרעכטיק-צארטן מויל?
ניט דאָס אוואדע,ווארפט דיך אין א גרויל.

אנשוויגן ווער אונדז, יאם, ווער קלאָר און לויטער: —
די שײנע קינדער-רײַזע איז פארטרויט דיר.
אין ליכט-שפאקטיוון קוקן זיי פאָרויס.
אין שטורעם-ווירבל, וואָס אנטקעגן שטויסט.

באשעפענישן דרייען זיך אין ליכט-וועג,
אָ, ניט קיין ספאָרט זיי טרײַבן, ניט זיי ציכטן, —
געשלעג און מערדערײַ מע זעט, און בלוט און פײַן, —
ווי ס'פלעגט אמאָל אף דר'ערד דער שטייגער זײַן.

און פריקרע א דערמאָנונג קומט א גרויע —
די קינדער גייען אָפ פון גלאָז פארטרויערט.
און טייקעף דעם גדאנק ארוף מע קערט —
צום ליכטיקן, וואָס ווארט זיי אף דער ערד.

און שימען דערוואכט. נעמט א „פיסל" פאַרדרייען, —
דערזעט ער אין שלאָפנדן פלאָנט פון ארמייער:
א פאָנעם באגעגנט — א פאָנעם א צווייטן,
מע קושט זיך, אין קושן אין טיפן פארגייט מען.
מע שושקעט זיך שטיל, פלוצעם הייבט מען זיך אופעט,
מע נעמט בא די הענט זיך, מע שפאנט איבער גופים.
וואָס שלאָפן געשמאק נאָך, פארפלאָנטערט אינײַנעם, —
גאָר לײַכט שפאנט מען איבער, — ניט אופוועקן קיינעם.
א האנט אין א האנט און מע שפאנט מיט א טענצל
ארויס, און צום וואלד און צום טײַכל, וואָס בלענצלט —
ס'איז וואניע מיט רייזלען — מע האָט זיך געפונען,
סע קלינגט זייער ליד אינעם קלאָרן באגינען,
אין וואלד, אינעם פעלד, אינעם גרינעם געמיש.
און שימען שטייט אוף, ער איז מונטער און פריש.

סע גלוסט זיך א הוק טאָן, די זון טאָן א ווירּ,
ער גייט צו דער מאמען, ס'איז אסי מיט איר.
ער גייט ווי אין עפעס א כאָלעם פארטאָן.
דער אָנהייב פון אָנהייבן הייבט זיך אָן.

אוי, וויפל נײַס צום איבערלעבן ווארטן
אוי, וויפל גענג און איבערשפאנונג הארטע,
און וויפל סאָד און טרעפעניש געגארטע, —
אָ, וויפל נײַסן אומדערווארטע ווארטן.

וואָס ווייסט דאָס רויפעלע, וואָס ליגט פארבלעטערט?
עס ווייסט פון איצט, פון נעכטן צי פון שפעטער,
און אז אין דריטן גילגל פליען וועט עס
מיט פליגל אלס ליבעלע אינעם עטער?!

קיין שענערס, גליקלעכערס ניט צו געפינען
ווי צולייגן דעם קאָפ און צו באזינען —
ווי אלעמאָל דו ווערסט אפסנײַ באגינען,
און נײַע כיעסן דו טוסט געפינען!..

דאָס זײַן א קינד און פֿרעגן, זען און הערן.
דערנאָך דאָס יונג זײַן, מיט דעם שלאַל באַגערן.
דערנאָך דאָס לאַנגדערוואַרטע פּאַרטיק־ווערן, —
אַלס מ א ן זאָס גליק אַנטדעקן ווי א שטערן!

דאָס זײַן א קינד, דאָס פֿרעגן, זען און הערן.
דערנאָך דאָס יונג זײַן, מיט דעם שלאַל באַגערן,
דערנאָך דאָס לאַנגדערוואַרטע פּאַרטיק־ווערן, —
אַלס וו ײַ ב דאָס גליק אַנטדעקן ווי א שטערן!

און דאַן דאָס וואונדערלעך זיך נעמען טײלן
אַף קינדער, אָפּגעבן דער וועלט א כײלעק. —
און דאַ לאַז וויל זיך גײן, דו קאַרג ניט, צײל ניט!
ווײַל דאָס איז אײביק שײן און אײביק הײליק!

# אינהאלט

ב. מילער. **פון די טיפסטע פּאָלקס־קוואלן געשעפּט** . . . . . . . . 5

## יונגע יאָרן

קאַפּיטל איינס. **באַנאַכט־אַרבעט באַם קאַרעטניק** . . . . . . . . . . . 16
קאַפּיטל צוויי. **אסי** . . . . . . . . . . . . . . . 22
קאַפּיטל דריַ. **מע פירט די זין...** . . . . . . . . . . . . 30
קאַפּיטל פיר. **נאַכמען־יאַנטעוו דערציילט וועגן אויצער** . . . . . . . 35
קאַפּיטל פינף. **נאַכמען־יאַנטעוו מיט דער טאָכטער** . . . . . . . . . 46
קאַפּיטל זעקס. **באַרג און טאָל** . . . . . . . . . . . . 59
קאַפּיטל זיבן. **די סימכע** . . . . . . . . . . . . . . 65
קאַפּיטל אכט. **געזעגעניש און באַגעגעניש** . . . . . . . . . . 86
קאַפּיטל נײַן. **טײַנעס** . . . . . . . . . . . . . . 100
קאַפּיטל צען. **מיקיטא כיסט; איך...** . . . . . . . . . . . 109
קאַפּיטל עלף. **אופגעריַרטע הערצער** . . . . . . . . . . . 114
קאַפּיטל צוועלף. **באַ די געוויִים** . . . . . . . . . . . . 129
קאַפּיטל דרײַצן. **די באַלאַגערונג** . . . . . . . . . . . . 137
קאַפּיטל פערצן. **די וועג־זוכער** . . . . . . . . . . . . 153
קאַפּיטל פופצן. **האָפענונגען** . . . . . . . . . . . . . 173
קאַפּיטל זעכצן. **דאָס געשלעג** . . . . . . . . . . . . 184
קאַפּיטל זיבעצן. **ייִכעס** . . . . . . . . . . . . . . 192
קאַפּיטל אכצן. **מאַמעס** . . . . . . . . . . . . . . 206
קאַפּיטל נײַנצן. **רײַטער** . . . . . . . . . . . . . . 214
קאַפּיטל צוואַנציק. **גרעקאָווער וואַלד** . . . . . . . . . . . 222
קאַפּיטל איין און צוואַנציק. **נאַכמען־יאַנטעוו באַווײַנט זײַן כאַווער** . . . . 232
קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק. **אַלטע לײַט** . . . . . . . . . . 243
קאַפּיטל דרײַ און צוואַנציק. **באַלעגופישער אופשטאַנד** . . . . . . . . 254
קאַפּיטל פיר און צוואַנציק. **סאָף און אָנהייב** . . . . . . . . . . 273

לייב קוויטקאָ

# יונגע יאָרן

מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1984, 296 זײַטן
ארויסלאָז־פּלאַן פון 1984, נומ. 396

**קינסטלער** וו. לאָקשין

**רעדאקטאָר** מ. שולמאַן

**קינסטלערישער רעדאקטאָר** ד. מוכין

**טעכנישער רעדאקטאָר** ט. קאזאָווסקאיא

**קאָרעקטאָר** ד. גראָזאָווסקע

**אינפאָרמאציע־ביולעטען נומ. 4381**

**אָפּגעגעבן אין זאץ 25.11.83. אונטערגעשריבן צום דרוק 28.04.84. פאָרמאט 70×108 $^{1}/_{32}$. טיפּאָגראפיש פּאפּיר נומ. 1. הויכדרוק. באדינג־לעכע דרוקבויגן 12.95. פארלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 12.06. טיראַזש 1250 עקז. באשטעלונג נומ. 2561. פרײַז 1 רוב. 60 קאָפּ. פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״ 121069, מאָסקווע, וואָראָווסקי־גאס, הויז נומ. 11. באלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן מאָסקווער טיפּאָגראפיע נומ. 7 „איסקרא רעוואָליוצי!״ פון „סאָיוזפּאָליגראפּ־פראָם״ פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פססר איבער די אינײאָנים פונעם פארלאג־וועזן, פּאָליגראפיע און בוך־האנדל. 121019, מאָסק־ווע, אקסאקאָוו־געסל, הויז נומ. 13.**

**Квитко Л. М.**

К32 Годы молодые. Роман в стихах. На евр. яз. — М.: «Сов. писатель», 1984. — 296 стр.

«Годы молодые» является одним из значительнейших произведений классика советской еврейской поэзии Льва Квитко (1890—1952). В этом фундаментальном, написанном с большим эпическим размахом стихотворном романе повествуется о первых, трудных и бурных годах, «молодых годах» Октября и борцов за его победу. Это произведение о народной борьбе за жизнь и счастье, и как все созданное Львом Моисеевичем Квитко, оно звучит исключительно проникновенно и подлинно народно.

К $\frac{4702200000}{083(02)-84}$ 396—84 **С(Евр)2**

*Лев Моисеевич Квитко*

ГОДЫ МОЛОДЫЕ

***(на еврейском языке)***

М., «Советский писатель», 1984, 296 стр.
**План выпуска 1984 г. № 396**

Художник *В. В. ЛОКШИН*

Редактор ***М. Я. Шульман***

Худож. редактор ***Д. С. Мухин***
Техн. редактор *Т. С. Казовская*
Корректор ***Д. С. Грозовская***

ИБ № 4381

Сдано в набор 25.11.83. Подписано к печати 28.04.84. Формат 70Х108$^1/_{32}$. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. л. 12,95. Уч.-изд. л. 12,06. Тираж 1250 экз. Заказ № 2561. Цена 1 р. 60 к. Издательство «Советский писатель», 121069, Москва, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» Государственного комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. 121019, Москва, пер. Аксакова, 13.